STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10912

YULI 1914

Emil Ludwig

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עמיל לודוויג

יולי 1914

פון דייטש: ז. קאלמאנאוויטש

מען האט ניט באדארפט זיין קיין ביסמאַרק,
בכדי ניט צו דערלאזן די נארישסטע פון אלע
מלחמות.

באַלין.

„ביכער פאר אלעמען" ריגע

1 9 2 9

די זין א התראה

הקדמה.

שולדיק אין דער מלחמה איז גאנץ אייראָפּע: דאָס האָט דערוויזן די פאָרשונג אין אַלע לענדער. די הנחות, אז דייטשלאנד אליין איז שולדיק אָדער אַז דייטשלאנד איז אומשולדיק, זיינען באָבע-מעשהלעך פאר קינדער אף דער זייט און יענער זייט פון ריין. וואָסער לאַנד האָט געוואָלט דעם קריג? לאָמיר שטעלן אַן אַנדער פראגע: וואָסערע קרייזן האָבן אין איטלעכן לאַנד געוואָלט דעם קריג, אים פאַרגרינגערט אָדער אָנגעהייבן? ציט מען דורך אייראָפּע אנשטאָט אַ ווערטיקאלן שניט אַ האָריזאָנטאלן דורך די קלאסן, דערקענט מען: די גאנציע שולד איז געלעגן אין די קאַבינעטן, די גאַנצע אומשולד אף די גאסן פון אייראָפּע.

וואָרום אין ערגעץ האָט דער מענטש בא דער מאשין, אין וואַרשטאַט, בא דער סאָכע ניט געהאַט דעם רצון אָדער אינטערעס צו שטערן דעם שלום. אומעטום האָבן די אונטערשטע קלאסן זיך געשראָקן פאַר דער מלחמה און געקעמפט קעגן איר ביזן לעצטן טאָג. פארקערט די קאבינעטן, די שטאבן און פאראינטערעסירטע קרייזן, וואָס אַרבעטן מיט זיי: מיניסטאָרן, גענעראלן, אַדמיראלן, ליוועראנטן, רעדאקטאָרן — זיי האָט אָנגעטריבן כבוד-זוכעריי און שרעק, טעמפּקייט און להוטקייט נאָך עשירות און זיי האָבן אָנגעטריבן די מאַסן. דערביי איז וואָס ווינציקער א רעגירונג האָט באדארפט מורא האָבן פאר קאָנטראָל, אַלץ שווערער איז איר היסטאָרישע שולד. דעריבער זיינען די ערשטע שולדיקע ווין און פעטערבורג; בערלין און פאריז גייען נאָך זיי אין זייער פארשידענע מרחקים; לאָנדאָן די לעצטע אין א סך א ווייטערן אָפּשטאנד.

דאָס באַשרייבן איז ניט צו פרי, בפרט אז דאָ ווערט דערציילט ניט די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פאָרגעשיכטע, ני=

ערט עם ווערט געשילדערט נאָר דער יולי חודש פון 14=טן יאָר; דערפאר זיינען די דאָקומענטן ניט צו קארג. זיי זיינען צו רייך: ווי אזוי דער לעצטער קריג איז געוואָרן, איז אונז געגויער באַקאַנט, איידער אלע פריערדיקע אין דער געשיכטע. נאָר ווער עס וויל נאַציאָנאַליסטיש פארפינסטערן דעם אויסקוק פון אייראָפּע, דער שלאָגט ארויס אַלץ מער שטויב פון די אקטן. שוין 1921, בשעת איך האָב געשריבן די וויטערדיקע בלעטער, מיט פיר יאָר פריער פאַר מיין בוך איבערן קיסר, איז אלץ געווען קלאָר צו לייענען פון די דאָקומענטן; פונדעסטוועגן האָב איך געלאָזט דעם פארטיקן זאַץ פאנאנדערווארפן, ווייל מען האָט נאָך ניט געקאָנט פארלאַנגען אַן אומפארטייאישע באטראַכטונג פון די צדדים, וואָס זיינען קוים געווען געקומען צו זיך נאָך דער מלחמה. זינט דע=מאָלט איז בא די כסדרדיקע באַארבעטונגען אויסגעקומען ווייניק וואָס צו פאַריכטן און ממלא צו זיין.

ווי איטלעכע היסטאָרישע שילדערונג, באַשטייט אויך די דאָזיקע פון דאָקומענטן און זייערע אויסטייטשונגען. פאר דאָקו=מענטן האָבן געדינט די אומעטום אויסגענוצטע פארביקע ביכער, די מלואים צו זיי, די מעמוארן און אנדערע מקורים וואָס אַלע האַלטן זיי פאר ריכטיקע; נאָר די שמועסן פון מלוכה=לייט, וואָס זיי האָבן על פי רוב מיטגעטיילט זייערע רעגירונגען אין אומ=דירעקטער פאָרם, ווערן דאָ איבערגעגעבן אין דירעקטן דיאַלאָג, אָבער די ווערטער זיינען געבליבן די זעלביקע.

אז שטיקער פונם דאָזיקן בוך האָבן זיך אין יאָר 1928 בא=וויזן אין אמעריקאנער צייטונגען, האָט בא אונז אין דייטשלאנד געשאָטן אף מיר פעך און שוועבל יענער טייל פון דער פרעסע, וואָס האָט אמאָל געהעצט צו דער מלחמה און וויל דעריבער איצט באַווייזן, אז דער קיסר מיט זיין אימפעריע זיינען אומ=שולדיק; צוגלייך האָט דער פאריזער „פיגארא“ געשריבן, אז איך מאך „ליידער ניט קיין אויסנאם פון יענע, וואָס וואָלטן גע=וואָלט באַפרייען זייער פאָטערלאנד פון די רעזולטאטן פון דער מפלה“, וואָרום דורך דער איינשטעלונג פון דער הנחה, אז אלע זיינען שולדיק, האָב איך פארטשעפעט דעם יסוד פון ווערסאלער

אָפּמאַך, אַזוי ווערט באַפאַלן פון צוויי זייטן איטאַליען, וואָס שטרעבט צו אַן איבערנאַציאָנאַלער גערעכטיקייט.

דאָס דאָזיקע בוך איז אַ שטודיע איבער דער נאַרישקייט פון די וואָס זיינען דעמאָלט געווען מעכטיק און איבער דעם ריכטיקן אינסטינקט פון יענע וואָס האָבן דעמאָלט קיין מאַכט ניט געהאַט. אינטערנאַציאָנאַל ווערט דאָ אויפגעוויזן, ווי אַזוי אַ פּאָר טוץ אומפּייאיקע פירערס האָבן דורך געפעלשטע דאָקומענטן, דורך ליגנס און סטראַשונקעס און פּאַטריאָטישע פראַזעס אַריינגעטריבן אַ פרידלעכע, פלייסיקע, פאַרשטאַנדיקע מאַסע פון 500 מיליאָנען אין אַ קריג, וואָס איז לחלוטין ניט געווען קיין נויטווענדיקייט. עקאָנאָמישע קריזיסן, קאָנקורענץ= און קאָלאָניאַל=פּראָגעס האָבן פאַרפּלאָנטערט די לאַגע פון אייראָפּע, און פאָרט האָט מען כּסדר אויסגעמיטן מלחמה; דריי פּייאיקע מלוכה=מענער וואָלט ווידער אַמאָל אָפּגעגאָלטן צו טאָן, דאָס וואָס דער גרויסער רוב האָט געוואָלט. אַ ליגן, אַז אַן איינציק פאָלק האָט די מלחמה געוואָלט אָדער אַז עס וויל זי איצט! די פאָרם פון מאָדערנעם קריג האָט געמאַכט צו אַן אילוזיע דעם באַגריף פון אַ „קריגערישער נאַציע”: עס זיינען פאַראַן נאָר פאַרפירערס, וואָס באַהאַלטן זיך, און פאַרפירטע, וואָס פאַלן. קיין איינער פון יענע מיניסטאָרן און גענעראַלן וואָס האָבן דעם קריג אָנגעדרייט איז ניט געפאַלן אויפן פראָנט. אויב אייראָפּע וויל זיך ניט לאָזן אַריינציען אין אַ נייער מלחמה, מוזן אַלע לענדער אָננעמען געזעצן, וואָס לויט זיי באַדאַרף מען בײַ אַלע באַטייליקטע מיניסטאָרן צונעמען די גאַז=מאַסקעס: דעמאָלט וועט מען מיט אַ מאָל= זיך איבערבעטן.

דאָרט וואו געשיכטע קאָן ניט דינען ווי אַ מוסטער, וואָלט זי באַדאַרפט פאָרט העלפן ווי אַ התראה. דאָס בילד פון יולי 14 באַווייזט אַן ערד=טייל, וואָס זיינע נאַציעס האָבן געטרויט און געפאָלגט זייערע פירערס, ווייל יענע האָבן ניט באַדאַרפט ענטפערן פאַר אַ צענטראַל=אָרגאַן; דאָס, וואָס איבער די איינציקע רעגירונגען איז קיין קאָנטראָל ניט געווען, האָט געבראַכט צו אַן אַנאַרכישן צושטאַנד אין גאַנצן. מיר ווייסן, אַז די וואָס האָבן

עטריבן צו קריג, זיינען אליין געווען געטריבענע; וויער שולד איז געווען, וואָס זיי האָבן זיך געלאָזט טרייבן, חוץ דעם, וואָס די דאָזיקע דיפּלאָמאַטן האָבן ניט געטויגט, איז נאָך צוגעקומען איבעראײַלטקייט, צופאַל, צעטומלטקייט, קודם כל דאָס, וואָס איינער האָט מורא געהאַט פאַרן אַנדערן. אַזוי איז אַרויס דער קריג, וואָס אַ פאַרשטאַנדיקע געזעלשאַפט פון נאַציעס וואָלט אים געקאָנט ניט דערלאָזן. אַז ער האָט זיך געענדיקט מיט אַן ערשטן פּרוּוו צו גרינדן אַזאַ געזעלשאַפט, איז לאָגיש און מאָראַליש ריכטיק.

דאָס דאָזיקע בוך, וואָס באַווײַזט די פרידלעכע שטימונג פון די מאַסן פון אַלע פעלקער אין יולי 14, וויל מיטהעלפן דעם געדאַנק פון אַ בוררים־געריכט, וואָס איז ניט קיין אוטאָפּיע, נאָר עס ווערט רעאַל, ניט עס בלײַבט אַ פּראָבלעם, נײַערט עס איז אַ געוויסע זאַך, וואָס איז געדרונגען פון דער לעצטער ער־פאַרונג. זינט אייראָפּע באַשטייט פּאַקטיש נאָר פון רעפּובליקעס, קאָן זי זיך גרינגער שיצן פאַר קאַטאַסטראָפעס.

זי האָט מער ניט די ברירה צו טאָן דאָס באַלד אָדער נאָך נײַע מלחמות.

ערשטער קאַפּיטל.

דער אַטענטאַט.

אין מיטאָגס=שיין האָט געבריענט די ברייטע טעראַסע. באַם אונטערשטן טרעפּ האָט געוואַרט דער קאַראָט, הינטער אומבאַוועגלעכע, הויפּיש געהאָדעוועטע פערד, אַף דער קעלניע דער אומבאַוועגלעכער מענטש אין דרייקאַנטיקן הימל; פיר לאַקייען באַ די זייטן טרעפּ ביז אויבן אַרוף. גרויס און ווייס זיינען דריי פליגל=טירן געווען אופגעפּראַלט, בכדי אַריינצולאָזן די יוני=זון אין רויטן סאַלאָן פונם בעלוועדער=שלאָס אין ווין, וואָס דער בעל=הבית פון הויז האָט אים באַדאַרפט דורכגיין אפן וועג פון זיין קאַפּליצע.

אָט האָבן אין שלאָס טירן גענומען קלאַפּן, עס האָבן זיך דערהערט טריט, שטימען, פון קינדער און דערוואַקסענע; איצט איז דער ערצהערצאָג אַליין געשטאַנען הינטער דער מיטלסטער טיר. די מאַסיווע געשטאַלט איינגעפּרעסט אין גענעראַל=מונדיר, די אויגן וואונדערלעך פאַרשלייערט, עס האָט דעם פּנים, ווי ער וואָלט ווינציק געזען, ווי עמיצער, וואָס פון טונקעלער קירך און פון איינזאַמער, פאַרטיפטער תפילה טרעט ער פלוצים אַרויס אין דרויסן, געבלענדט פון זון און וועלט.

אַ קרעפּטיקע פרוי שטייט נעבן אים, גרינג האָט זי דעם אָרעם אַריינגעלייגט אין זיינעם. דריי שיינע קינדער וואַרטן אפן געזעגן=קוש, און אַזוי שטייען זיי אין ראַם פון דער ווייסער טיר, אַ בילד פון איינפאַכן גליק און מזל פון מענטשן, אויך פון די מעכטיקסטע.

פראַנץ פערדינאַנד וואַרפט אין דער רגע אַ בליק אַף זיין קומענדיקער הויפּט=שטאָט ווין, מטושטשע געדאַנקען פליִען דורך אין זיין קאָפּ. אונטער די אַרומגעשניטענע קוסטעס, די געשליינגלטע פאָנטאַנען, פּיראַמידעס און דרייעקן פון לעבעדיקע בוימער, דאָרט הינטן רוישט אַ וועלט=שטאָט אַרוף צום שלאָס, וואו ער

לעבט און וואַרט. ווידער שטייגט אַרויף פאַר זיין בליק פו פאַרנט איבער די הייזער דער טורעם פון דער גרויסער קירך, און אין דער לינקער האַנט הויבט זיך אין בלאָקייט די עלעגאַנטע קיים פון די בערג מיט די שפּיצן. ער ווענדט זיך אום, נעמט אַרום סאָפּיען, וואָס באַדאַרף אין גיכן אים נאָכפאָרן; אַלץ איז צוגעגרייט. איצט שמייכלט ער, און דאָס מילדערט זיין טונקעלן אויסדרוק, איצט ציען זיך די קינדער צו אים. ווי פאַרחושט קושט ער זיי: ער שפּירט ניט אַז ער געזעגנט זיך אף אייביק. האַסטיק אין קאַראָט, דורכן טויער פון שלאָס, פאַרביי דער שמייכלענדיקער, שטיינערנער ספינקס.

*

ווער איז דער מענטש, וואָס פאָרט איצט קיין דרום? קוואַדראַטיש, אָבער ניט ברוטאַל בעצם, זיצט דער מאַסיווער קאָפּ אַף מאַנסביל-אַקסלען, דער דאָזיקער ניט עלעגאַנטער און ניט בויגעוודיקער מענטש ווייזט אוים מאָרנע ניט עסטרייכיש, און גאַר ניט האַבסבורגיש.

ניטאָ קיין שום ליבנסווערדיקער שטריך אין אים, אַלץ שווער עקשנותדיק: דער שטערן, די רעשטלעך האָר, די וואָנסעס: עס איז דער אויסדרוק פון א מענטשן, וואָס איז געוויינט צו שווייגן און צו ליידן, שטרייניג און איינגעשפאַרט, וואָס האַלט ניט פון מענטשן און באַטראַכט די וועלט נאָר ווי איינן אף זיין קאָוואַדלע, א מענטשן וואָס שרעקט זיך פאַר קיין זאַך ניט און מוז זיינס אויספירן. אָבער זיין אויג, שווימענדיק טונקל און גרויס, אַנטפּלעקט א ווייכקייט, וואָס ער וויל אַליין זיך אין איר ניט מודה זיין, אַנטפּלעקט אַן איבערגעבנקייט אין דער ליבע, אַן אומעטיקייט. אויך זיין פרומקייט איז, קענטיק, עכט, זיין קמצנות אָבער ניט ווינציקער. פריילעך קאָן מען דעם קאָפּ ניט אויסמאָלן, געשטעלט צווישן ווילן צו מאַכט און פאַראַכטונג, איז ער פון גורל באַשטימט דורך ביידעס. עס איז דער קאָפּ פון אַ צום טויט באַשטימטן.

איצט איז ער אַלט 50 יאָר, ער איז א מעכטיקער האַר

אָבער דאָס לעבן, וואָס ער האָט ביז איצט איבערגעלעבט, איז ניט געווען רייך. שנאה און קנאה פון די קייזערלעכע שוועסטער־קינדער האָט אָנגעפּילט זיינע יונגע יאָרן. אַז ער איז געווען צוואַנציק יאָר, האָבן די ערצהערצאָגן, וואָס האָבן קיין אַנדער זאַך ניט געהאַט צו קלערן, ווי דאָס, ווער וועט זיין דער יורש פון טראָן, זיך געסטאַרעט פּטור צו ווערן פון אים: מען האָט אים געצוואונגען זיך אָפּצוזאָגן פון דער קרוין אויסצוויד. אַז ער איז קראַנק, אַ קאַנדידאַט אַף שטאַרבן, אַף זיין אָרט איז געקומען אָטאָ, יענער איז, דורך זיין פּאַרשייטן לעבן, פריציייטיק קראַנק געוואָרן, ער אָבער, פראַנץ פערדינאַנד, איז אַף להכעיס די ערצהערצאָגן, געוואָרן געזונט און ווידער קרוין־יורש. ווי זיי הונגערן דאָס נאָך מאַכט! אפילו דעם טויט, אויב זיי קאָנען אים ניט גובר זיין, זוכן זיי דאָך אויסצונוצן אים צייטווייליק.

אין אָט דעם האַבסבורגער האָט געלעבט אַ שטיק פאַנטאַזיע, די ליבע. וואָס מיט זיי סטאַרען זיך פרינצן ליידיקגייערס אויסצופּוצן זייער לעבן, זיינען, קענטיק, אָט דעם מענטשן מיטן קוואַדראַטישן קאָפּ פרעמד; ער הלומט וועגן חתונה האָבן פון ליבע און איז פעסט באַ זיך ניט צו לאָזן פאַרטונקלען די דאָזיקע פאָרשטעלונג זיינע וועגן פערזענלעכן גליק דורך דער אייגענער כבוד־זוכעריי. ער זוכט זיך אויס אַ גרעפין, מיט איר וויל ער חתונה האָבן, פון איר וויל ער קינדער האָבן.

איצט איז געוואָרן גראַד 14 יאָר, זינט ער האָט געפירט מיטן זיבעציק־יאָריקן קיסר די מלחמה פון וועגן זיין סאָפיע. יענער האָט געזאָגט ניין. רודאָלף, זיין אייגענער זון, האָט זיך דאָס לעבן גענומען פון וועגן אַ פרוי, וואָס ער האָט ניט געטאָרט מיט איר חתונה האָבן ווי אַ קרוין־יורש. — און איצט זאָל נאָך אַ ליאַדע פלימעניק, וואָס ער האָט אים ניט געקאָנט ליידן, אים אויפצווינגען צוזאַמען מיט דער תביעה אַף דער ירושה נאָך עפּעס אַ גרעפין און פאַרדאַרבן די כשרע ריי פון די קיסרים דורך נידעריקערן בלוט? אָבער דער פלימעניק האָט ניט נאָכגעגעבן, פאַרעקשנט און פול שנאה, ווי ער איז געשטאַנען פאַרן אלטן,

איז ער געבליבן בא זיין ווילן, ווייל ער האָט וואויל געוואוסט, אַז אַ צווייט מאָל וועט מען פון אים ניט פּטור ווערן.

צוויי טעג פאַר דער חתונה איז ער דאָך געקומען אין קיסרס פּאַלאַץ אַריין און האט פייערלעך געשוואוירן פאַרן קיסר און אימפּעריע, אַז קיין איינער פון די קינדער, וואָס ער וועט האָבן פון דער בּיימישער גרעפין, וועט ניט האָבן קיין תביעות צו דער ירושה פון די האַבסבורגער. דאָס איז ניט גרינג אָנגעקומען דעם מענטשן, וואָס פרומקייט, איינזאמקייט, אפשר סענטימענטאַ־ליטעט האָבן אים געטריבן חתונה צו האָבן — און איצט מוז ער די אייגענע קינדער ארויסשטופּן פון זייער רעכט, נאָך איידער זיי זיינען געבאָרן!

צי האָט דען מיט איטלעכן יאָר פון א גליקלעכן צוזאמענ־לעבן מיט דער פרוי ניט געמוזט שטאַרקער ווערן אין אים דער רצון סוף כל סוף צו לעגיטימירן, זאָל זיין דורך זייטן־גייננ, די חברטע, וואָס אירע קינדער האָבן אים פון הארצן ליב געהאַט און זיינען געווען אזעלכע שיינע? האָט ער געפועלט, אַז זי איז געוואָרן הערצאָגין, און האָט זיך געמיט, אַז אַנדערע פירשטן זאָלן זיך באַציען צו איר ווי צו זייער גלייכן. אין יאָרן ארום האָט ער דערלעבט די פרייד, אַז אפילו די דייטשע קייזערין האָט אופגענומען זיין פרוי. ווילהעלם II, דער גרויסער פארבינדעטער, וואָס פון זיין שטימונג זיינען געווען אפּגעהאַנגען פראַנץ־פערדי־נאַנדס מלוכה־פּלענער, איז שטענדיק געווען גוט צו סאָפיען, און זאָל זיין, אַז די פריינטשאַפט פון די ביידע מענער, וואָס זיינען געווען כמעט אין איינע יאָרן, איז ניט געווען דירעקט געגרינדעט דערויף, וואָלט זי דאָך ניט געווען מעגלעך, אויב דער קיסר וואָלט דער הערצאָגין ניט אָפּגעגעבן דעם געהעריקן כבוד. דער־פאַר האָט דער ערצהערצאָג געדאַנקט דעם דייטשן קיסר, גראד ווייל פראַנץ־יאָזעף, איינגעשפּאַרט און פעסט, האט זיין פלימעניצע ניט צוגעלאָזן נאָענט צו זיך.

און דאָך האָט דער ערצהערצאָג, אין זיין איבערגעבנקייט און עקשנות, ניט געהאַט קיין שטאַרקערן פאַרלאַנג, ווי צו מאַכן זיין פרוי פאַר א קיסרינע און זיינע קינדער פאַר קרוין־יורשים.

לאַנג געגוג האָט דער אַלטער אים געלאָזט וואַרטן: איצט איז ער שוין אַריבער אַכציק.

דעריבער זײַנען דער הײַנטיקער און דער מאָרגנדיקער טאָג אַזוי וויכטיק פאַר אים: די פרוי, וואָס האָט געדאַרפט אים נאָכפאָרן קיין באָסניען, האָט ער געוואָלט נאָך דער אינספּעקציע פון XV און XVI קאָרפּוס פירן קיין סאַראַיעוואָ: אויף דער ערד פון דער מאָנאַרכיע, ניט בלויז אין בודאַפּעשט און אין בערלין, זאָל זאָפיע צום ערשטן מאָל פייערלעך אַרויספאָרן ווי די פרוי פון קומענדיקן קיסר. דאָס האָט ער זיך אויסגעטראַכט ווי אַ סורפּריז, און ווערליך זײַנע גוטע פרײַנט האָבן אים פאַרזיכערט, איז דאָס פאַר זײַנע ווינער שונאים געבליבן אַ סוד.

אומרואיק האָבן פראַנץ פערדינאַנדס געדאַנקען אַרומגעשוועבט צווישן פּערזענלעכן גורל און דעם גורל פון דער מלוכה. ווען ער קלערט וועגן קיסר ווילהעלם, האַלט ער זיך פאַר דעם שטרײַנג מאָנאַרכיסטישן גרונט־שטריך פון זײַנע אידייען און פאַרערט דעם לעגימיטיזם פון דעם מעכטיקן גוטן פרײַנט, וואָס ער האָט אַליין מיט זײַן חתונה אונטערגעגראָבן. אויך ווי אַ יעגער איז אים ־דער קיסר געווען געפעלן, ניט אַזוי ווי פראַנץ יאָזעף, וואָס יאָגט זיך אַ גאַנצן טאָג נאָך איין ווילדער ציג.

אגב, האָבן בײדע געהאַלטן מיט רעכט אײנער דעם אַנדערן פאַר פרידלעך. אײנמאָל, אַז אַ ציגײַנערין האָט וואָרגעזאָגט דעם ערצהערצאָג, אַז ער וועט אַרויסרופן אַ גרויסע מלחמה, האָט ער זי אויסגעלאַכט: ער האָט זיך בשום אופן ניט געיאָגט נאָך נצחון אָדער לאָרבערן, צו פעסטיקן נאָך אַ מאָל פון אינעווײניק די צעפוילטע מאָנאַרכיע, דאָס איז געווען זײַן פאַרלאַנג, און דערפאַר האָט ער געהאַט אַ רעיון. צונעמען בײַ די אונגאַרן, וואָס ער האָט פײַנט געהאַט, זיבנבירגן, נעענטער ברענגען אויף וואָס־ער עס איז אופן רומעניען צו דער מאָנאַרכיע, אויספירן דעם אַלטן פאַרלאַנג פון די טשעכן און זיך לאָזן קרוינען אין פּראַג, אַזוי ווי אין בודאַפּעשט, איבערמאַכן דעם דואַליזם צו אַ טריאַליזם, און אויב עס זאָל זײַן נויטיק, ווידער אופבויען די גאַנצע אימפּעריע

פון פינף טײלן װי אַ פעדעראַטיװע מלוכה: דאָס איז געװען זײן פלאַן.

דערפאַר האָט מען נאַטירלעך געמוזט שיצן פון אויסװײניק די סערבן קעגן די בולגאַרן, פון אינעװײניק קעגן די אונגאַרן, אַרויסראַטעװען די געטרײע קראָאַטן פון די אונגאַרישע שפיאָנעם און פאָרזיכטיק צעשײדן די קרובישע פעלקער, אַז די סלאַװן זאָלן זיך גוט שפירן אין לאַנד און ניט װעלן זיך אָפרײסן. פראַנץ פערדינאַנד איז געװען א גוטער פרײנט פון די סערבן, און אַז ער איז איצט געפאָרן צום סערבישן גרעניץ, האָט ער זיך געמעגט ריכטן, מען װעט אים באַגעגענען מיט א פרײנטלעכע מינע.

*

װײם גלאַנצן די נידעריקע הײזער פון סאַראַיעװאָ, פון פלאַכע דעכער שפאַרט ארויף הימל=בלאָקײט, בונט שעמערירן יום=טובדיקע קלײדער פון די באָסניאַקעס, װאָס דרײען זיך ארום אין מיטאָג=שײן, געקומען פון װײט אין שטאָט ארײן, פול חשק צו זען דעם פרעמדן פירשט, װאָס באַדאַרף אינגיכן װערן לאַנדס=פאָטער. אַ רעש און טומל, הײנט איז א טאָפעלער יום=טוב: צו די באָסניער קומט צו גאַסט דער עסטרײכישער קרוין=יורש, די סערבן װידער צװישן זײ פײערן דעם טאָג, װען זײערע עלטער=זײדעס האָבן מיט פינף הונדערט יאָר צוריק געליטן די מפלה אפן קאָסאָװער פעלד — א נאַציע, װאָס פײערט איר גרעסטע מפלה װי אַ שרעקלעכע התראה אין רעדעס און לידער.

דאָס יאָר אָבער איז ער צום ערשטן מאָל געװאָרן פאַר זײ א טאָג פון אופלעבונג, װאָרום איצט האָבן זײ סוף כל סוף מנצח געװען טערקן און בולגאַרן, און יענע הונדערטער טויזנטער, װאָס עסטרײך צװינגט זײ צו בלײבן אירע אונטערטאַנען, װײל ערנטאַל האָט מיט זעקס יאָר צוריק אַרײנגעכאַפט די אקופירטע פראָװינצן, באָסניע און הערצעגאָװינע, פלײש פון זײער פלײש,—זײ זײנען אין צװײען ברוגז, װאָס הײנט קומט צו זײ דער פרעמדער קרוינפרינץ צו באַװײזן זײן ממשלה, אין אײנעם מיט זײן פרוי.

וואָס דאָרטן אין ווין וויל מען זי ניט אָנערקענען. אַזוי האָבן דאָס דערקלערט פאַר די בירגער און פויערים אדוואָקאַטן און אַגענטן.

אויך רעדעס פון גלחים האָבן היינט לעבעדיק און פאַרטומלענדיק געוועקט די הערצער פונם דאָזיקן רעליגיעז געמישטן פאָלק, וואָס האָט אנגעפילט די גאַסן פון הויפטשטאָט. די קראָאַטן זיינען קאַטוילן, די סערבן זיינען אָרטאָדאָקסן, און זינט צענדליקער יאָרן שטייט אויך דאָ די פראגע, וואָס איז שטאַרקער, רעליגיע אדער ראסע: אין גלויבן ציען זיי צו מערב=אייראָפּע און צו עסטרייך, אין בלוט ציען זיי זיך צו זייערע סערבישע ברידער. היינט אין שלאָס באַ דער סעודה — טראכטן די בונטע קראָאַטן — ווען ער וועט האָבן אַראָפגעלאָזט א פּאָר גלעזער פון דעם זיסן שווערן, וועלן מיר בא אים פרעגן: צי נאָך לאנג וועט מען אונז פון בודאפעשט באַהאַנדלען ווי אַ באַנדע גנבים, אָדער מען וועט אין ווין זיך דערמאָנען אָן אונזער יעלאַטשיטש, וואָס האָט זיין בלוטיקע שווערד ארופגעלייגט אפן סטעפאַן=אַלטאַר און געראַטעוועט עסטרייך פון די צעבונטעוועטע אונגאַרן!

— וויפיל פרעמדע זיינען היינט פאַראַן אין שטאָט, קלערט דער פּאָליציי=שעף, אַן אונגאַרישער דאָקטאָר, ארומפּאָרנדיק איבער די גאַסן, און שווייגט. היות ווי דער באַזוך האָט באַדאַרפט בלייבן „ריין מיליטעריש" ווערט דער שוץ איבערגעגעבן אין רשות פון מיליטער; ציוויל=פּאָליציי, סך הכל 150 מאַן, האָט נאָר צו זאָרגן פאַר אָרדענונג, ווי איטלעכן טאָג. — ווי ווינציק סאָלדאַטן מען זעט, טראַכט דער פּאָליציי=שעף און שווייגט. וואָס טראַכט זיך דאָס דער מיניסטער אין ווין, אויב ער זאָרגט ניט פאַר דער זיכערקייט? אָבער דער גובערנאַטאָר האָט נישט באַזונדערס באַפוילן: סאָלדאַטן, האָט ער געזאָגט, קאָן מען ניט אויסשטעלן פאר שפּאַלער. וואָרום דער ערצהערצאָג קומט דאָך מיט זיין פרוי, און עס וואָלט געווען ווי עס קומט דער קרוין=יורש.

גיך זיינען פיר אויטאָס דורכגעפאָרן די פאָרשטאָט, מען האָט געהערט פון ווייטן רופן זשיוויאָ, פריילעך, ניט ווילד. איצט

פאַרקערעווען זיי אַף דער ברעג=גאַס. אין ערשטן אויטאָ דער רעגירונגס=קאָמיסאַר און דער בורגמייסטער, אין צווייטן דער ערצהערצאָג מיט דער פרוי, זיי קעגנאיבער פּאָטיאָרעק, גובערנאַטאָר פון באָסניע און הערצעגאָווינע, נעבן שאָפער אַ גראַף האַראַך, דער בעל=הבית פון אוטאמאביל, פונם אויטאָ=קאָרפּוס. אין דריטן און פערטן סוויטע. די מאַסע ווערט געדיכטער, די רופן שטאַרקער. אפן ווייטסטן גרענעץ פון זיין מלוכה פילט זיך דער ערצהערצאג באַגריסט. אין דעם ווינקל, וואָס מען רייסט זיך איבער אים ארום, און נעבן אים זיין פרוי, און ער זעט, ווי זי באַדאַנקט פאַר די גרוסן ווי אַ קיסרין, דער מאָמענט פארשיכורט אים א ביסל: צוליב איר, און וויל ער האָט סוף כל סוף דערגרייכט זיין פארלאנג. מען קומט נעענטער צום ראטהויז.

פלוצים, אום האַלב עלף: אַ קנאַל ווי פון א ביקס, רעכטס פון אויטאָ פאַלט עפּעס א זאַך, קלאַפּט זיך אָפּ אן טריט=בעט: ערשט אַז דער צווייטער אויטאָ פאָרט פארביי, פלאצט די באָמבע מיט אַ קנאַל פון א האַרמאַט.

אלע אויטאס בלייבן שטיין. צוויי אפיצערן פון דער סוויטע זיינען פארוואונדעט. דער ערצהערצאַג שיקט הילף. מען טראגט אַוועק דעם שווער=פארוואונדעטן פולקאָווניק=לייטענאַנט אין שפּיטאל דערווייל איז דער אָנפאַלער אַנטלאָפן איבער דער מיליאַצקא=בריק; מען לויפט אים נאָך, מען כאַפּט אים אפן אנדער ברעג: עס איז אן עסטרייכישער סערב, א יונגער זעצער צאַברינאָוויטש. אין צען מינוטן ארים פאָרן אלע ווייטער.

ראטהויז, קבלת פנים דורך די שטאָט=עלטסטע; א בלאסער שרייט אַף זיי אָן דער דערצערינטער: „דאָ באַגעגנט מען געסט מיט באָמבעס?" קיינער ענטפערט נית. פול אימה האַלט דער בורגמייסטער זיין רעדע, אומרואיק הערט מען זי אויס. אז דער ערצהערצאג וויל ענטפערן, באַמערקט ער אז זיין שטים ציטערט, און שטאַרקט זיך. זיין פרוי נעמט אוף די פרויען פון די פני. פילט זי נית, פילט ער נית, ווי לעכערלעך אט די סצענע, וואס אין פרינציפ האָבן זיי געמענגט אַזוי פיל פון איר דערוואַרטן, שפּילט זיך אָפּ איצט אין דער קליינבירגערלעכער ווירקלעכקייט!

דערצו נאָך די לעבנס־סכנה, וואָס מען איז פון איר ארויס מיט קנאַפּע עטלעכע טריט, בכדי אַז אין אָט דעם נידעריקן הויז, וואָס האָט דורך די עטלעכע טעפּיכער קוים ארופגעצויגן אַף זיך דעם יום־טוב, זאָלן זיך לאָזן הערן צוויי נאַרישע רע־דעס?

זיי גייען ארויס. שטאַרקער אַפּלאָדירט דער המון, גראַף האראַך פרעגט א פארחידושטער דעם גובערנאַטאָר:

„האָבן אייער עקסעלענץ ניט באַשטימט קיין מיליטער צום שוץ פון זיין קייזערלעכער האָהייט?"

„מיינט איר, הער גראַף, אַז סאַראיעוואָ איז פול מיט אַנפאַלערס?" האָט געענטפערט דער גובערנאַטאָר מיט א שמאך.

אַ בלאַסער, קוים זיך איינצוהאלטן, בייט דער ערצהערצאָג אום די פּראָגראַם, ער וויל אַליין פאָרן אין שפּיטאַל, בכדי צו זען דעם פאַרוואונדעטן, די פרוי זאָל פאָרן אליין אין פּאַלאַץ, וואו עס איז צוגעגרייט פרישטיק. נאָר זי באַשטייט דערויף, צו פאָרן מיט אים; שטום איז ער מסכים. מחמת פאָרזיכט באַשליסט מען צו פאָרן אַף אַן אַנדער וועג ווי פריער. דער יונגער גראַף האראַך, וואָס האָט בעסערס ניט געקענט פועלן, וויל שטיין אַפן לינקן טריט־ברעט נעבן ערצהערצאָג. יענער רופט אומצופרידן: „לאָזט די נאַרישקייט!" און די פיר אויטאָס לאָזן זיך פאָרן ווי פריער, נאָר גיכער.

דער המון איז גרעסער, אומרואיקער, מען שרייט זשיוויאָ, נאָר ערשט אַז אַן אַלטע פרוי רופט אַף טשעכיש נאַזדאַר! שמייכלען סאָפיעס בלייכע ליפּן. באַם אָנהייב פון דער פראַנץ־יאָזעף־גאַס, וואָס איז געלעגן אַפן ערשטן וועג, האָבן די מענטשן, נאָך אַלץ אַן פּאָליציי, געלאָזן פריי דעם וועג צום דורכפאָרן.

„דורך אַ פאַטאַלן טעות" פארקערעוועט דער ערשטער אויטאָ באַם ראָג אין אָט דער גאַס. דער צווייטער שאָפער פאָרט נאָך. דער גובערנאַטאָר אָבער וואָס האָט אקאָרשט געהאַט געגעבן דעם שפּיציקן ענטפער, פאַטיאָרעק, וואָס טראָגט די אחריות פאַר אַלצדינג, ווייזט אים אָן אַפן טעות, הייסט אים פאָרן ווייטער אַף

דער ברעג=גאַס, מחמת דעם קומט דער אויטאָ אויס גאָר נאָענט צום רעכטן טראָטואר, אין דער צייט וואָס דער שאָפער פארקלענערט די גיכקייט.

פלוצים לאָזן זיך הערן פון דער רעכטער זייט גאַס, אף א מהלך פון קנאַפע דריי מעטער, צוויי שאָסן. קיינער איז אין פלוק נית געשעדיקט. דער גובערנאַטאָר, וואס האט צו שפעט באַמערקט, אז סאראיעוווא איז פול מיט אַנפאַלערס, איז אופגעשפרונגען און הייסט דעם שאָפער ווידער פאָרן צוריק, בכדי צו קומען צו א צווייטן בריק. באַ דער באוועגונג פאלט די הערצאָגין אַרוף אף איר מאנס ברוסט. דער גובערנאַטאָר הערט, ווי ביידע מורמלען עפעס א פאר ווערטער. איצט ערשט פאלט דעם מענטשן איין דער געדאנק, אז עס איז עפעס געשען.

נאָר דער ערצהערצאָג זיצט גלייך. די סוויטע איז געקומען צו לויפן. נאָך אלץ באמערקט קיינער נית, אַז ער איז געטראָפן, אויך מכח דער פרוי מיינט מען, אז זי איז נאר אין חלשות. אָבער אט שטראָמט ארויס בלוט פון זיין מויל, ער פאלט אום אין דער קרים, מען עפנט דעם מונדיר: רעכטס אפן האלז שפריצט ארויס פון דער גרויסער שלאָג=אדער דאס בלוט איבערן גרינעם גענעראל=ראָק, איבער די קישנס פון אווטאמאביל.

די הערצאָגין, וואס איז געזעסן אָנגעשפארט אָן אים, אזוי ווי זי וואלט געזוכט זיך צו באהאלטן באַ אים, איז אין חלשות, נאָר קיין וואונד זעט מען נית. מען פאָרט צום רעגירונגס=בנין. מען טראָגט זיי ארויף אין א צימער נעבן זאל, וואו עס ווערן געקילט די שאמפאַניער=פלאשן. דאָקטוירים געפינען, אז זי איז צעשאסן אין אונטער=לייב. ער געטראָפן אין שלאָג=אדער. אַ פראנציסקאנער גיט זיי ביידן צוזאַמען די לעצטע ברכה, דערנאָך קומט דער ארציבישוף, וואס האט אים געהאט געווארנט. אין אַ פערטל שעה אַרום איז ער טויט, ערצהערצאָג פראנץ פערדינאַנד פון עסטרייך=עסטע, יורש עצר אין דער האַבסבורגער מאָנאַרכיע. עטלעכע מינוטן פאר אים סאָפיע, גרעפין כאָטעק, הערצאָגין פון האָהענבורג, דער איינציקער מענטש, וואָס אים האָט דער מיזאנטראָפ אָנערקענט און גראד פון איר האָבן זיך

די אַנדערע געהאַט אָפּגעקערט. זײַנע לעצטע קרעכצן זײַנען אפֿשר געווען געווענדט צו איר, אירע צו אים. קײנער האָט זי ניט פֿאַרשטאַנען. קײנער קלאָגט ניט נאָך אים. נאָר די קינדער ווײגען אין שלאָס בֿעלוועדער.

בינתים האָט דער המון געהאַט געכאַפּט דעם מערדער. האַסטיק האָט ער אַראָפּגעשלונגען ציאַן־קאַלי, אָבער באַלד עס אויסגעבראָכן. ער איז אַ גימנאַזיסט, נײַנצן יאָר אַלט, סערב לויט זײַן נאַציע, עסטרײַכישער אונטערטאַן. טאָפּל סימבאָליש איז זײַן נאָמען. גבֿריאל פּרינציפּ. „אַנזאָגער?" פֿאַר וואָס אַנזאָגער? און אַנזאָגער פֿון וואָסער פּרינציפּ?

*

מיט דרײַ שעה שפּעטער האָט אין קילער בוכטע אַ מאָטאָר־שיפֿל געגענט צו דער קײזערלעכער יאַכטע „האָהענצאָלערן". קיסר ווילהעלם, ווי דער אַדמיראַל, איז געשטאַנען אַפֿן דעק אונטער זון־זעגל און האָט געפֿירט דעם שווים־פֿאַרמעסט. האָט ער געווענדט זײַן בליק עטוואָס קײן מיזרח, האָט ער געזען אַ פּאָר שוואַרצע שיפֿן וואַרפֿן זײער שאָטן־סילועט פֿאַר דער זון, זײ האָבן געטראָגן דעם ענגלישן ים־פֿלאַג. אויך טשערטשיל, דער פֿלאָט מיניסטער, האָט געוואָלט קומען מיט די דאָזיקע ענגלישע שיפֿן, וואָס זינט 19 יאָר זײַנען זײ צום ערשטן מאָל ווידער געקומען צו דער קילער וואָך. נאָר דער אדמיראַל טירפּיץ האָט ניט געוואָלט „זיך זעצן בײַ אײן טיש מיטן דאָזיקן אַוואַנטיוריסט". קיסר ווילהעלם האָט דעם ענגלענדער ניט געזשאַלעוועט. פֿאַר אים איז שוין געווען געגנוג, וואָס זײַן אַמבאַסאַדאָר האָט אָנדערציילט נעכטן פֿון ענגלאַנדס ליבע צו שלום. בריאַן, יאָ אַף אים האָט ער זיך געריכט, מיטן דאָזיקן בירגער פֿון פּאַריז וואָלט ער גערן אַ שמועס געטאָן, דורכן פּירשט פֿון מאָנאַקאָ האָט ער אים געהאַט אײַנגעלאַדן. יענער אָבער איז ניט געקומען. וואָס איז די מעשה?

פֿאַרזיכט, אומצוטרוי צווישן די דרײַ לענדער. דער קלײנער איטאַליענער האַלט זיך אַלץ מער פֿון דער ווײַטנס. צי קאָן מען זיך נאָך אַף עמיצן פֿאַרלאָזן, חוץ אַף דעם אַלטן אין ווין?

איצט איז דאָס מאָטאָר־שיפל צוגעפאָרן צו דער וואַנט פון שיף, מען ווינקט אַרויף. דער קיסר ווינקט אָפּ: מען זאָל אים לאָזן צו רו. נאָר דער אַפּיצער אין שיפל לאָזט נישט אָפּ, האַלט אין האַנט הויך א דעפּעשע, לייגט זי אַריין אין אַ בײַטל, וואַרפט זי אַרויף איבערן באָרט. דער אָרדאַנאַנס הויבט זי אויף, שטייט אויסגעצויגן פאַר זיין מאַיעסטעט. דער קיסר לייענט, וואָס עס איז אָקאָרשט געשען אין סאַראַיעוואָ. ער בייסט די ליפּן, דערנאָך זאָגט ער: „איצט מוז איך אָנהייבן פון פאָרנט", די פאַרמעסטונג ווערט איבערגעריסן. די קילער וואָך איז אויס. אויפן דעק גייט דער קיסר אַהין און צוריק, אפשר טראַכט ער:

— מערדערס! מיר זיינען די דאָזיקע סערבישע חזירים שטענדיק געווען דערווידער. קיין רעליגיע נישט אין האַרצן! ווי האָט יענער פעטער אויסגעזען, דעמאָלט אז איך האָב געהאַט דעם כבוד! דורך מאָרד געקומען אויפן טראָן, קאָן מען נישט אַנט־וויקלען קיין געפיל פאַר א געטלעכער שליחות! בײַ אונז קאָן דאָס פשוט נישט געמאָלט זיין!... איצט קומט, הייסט דאָס, די צייט פאַרן קליינעם קאַרל. לחלוטין א נול, אָבער שטרייַנג לעגיטים. אים איז שווער צו נעמען מיט גוטע ריידעלעך. ווען מען האָט די גוטע דיקע כאָטעק געפירט צום טיש, האָט מען בײַ פראַנצן געקאָנט אַלצדינג פועלן... מען וועט מוזן צופאָרן קיין ווין. אָבער ווי וועלן זיי דאָרט באַגראָבן? אין קבר פון די קיסרים קאָן זי בשום אופן נישט אַריין! דער אַלטער האָט סיי ווי סיי אים נישט געקאָנט ליידן. — בעצם איז ער געווען א גאַנץ פיינער יונג. פינף טויזנט הירשן ביז מיטן פון די פערציקער: דאָס איז עפּעס אַן אויפטו! נאָר גאָר קיין זין נישט פאַר עפּעס העכערס, מוזיק און פּאָעזיע, די העכסטע רייכטימער דעם מענטשנס, האָבן אים גענודיעט. העכסטנס אַנטיק־זאַכן. ליידער אויך קיין שפּראַכן נישט, טיילמאָלס פּלוצים שטיל, אַז עס האָט געקאָנט אָנכאַפּן אַן אימה... צי די ווינער וועלן אָננעמען שריט, ווייל דער חברה־מאַן איז א סערב? בשום אופן, די דאָזיקע העלדן האָבן שטענדיק מורא... טעלעגראַם!

און ער שרייבט: „מיט טיפער צערודערונג האָב איך גע־קראָגן די בשורה פון שענדלעכן מאָרד”...

*

ווי איז דאָס געווען מעגלעך! רופט אייראָפּע. אַז אַך און אַז ווי צו די וואָס טראָגן די אחריות! זיי וועלן שוין מוזן ענטפערן.

חידושדיקע זאַכן ווערן געטאָן, חידושדיק וואָס עס ווערט ניט געטאָן. עטלעכע טעג געדויערט די אויספאָרשונג, זי גייט צו מאָדנע בסוד. צי זאָל דאָ עמיצער פאַרשווינט ווערן? וואָס וועט געשען מיט פּאָטיאָרעקן, דעם גובערנאַטאָר, וואָס איז ערב געווען פאַר דער זיכערקייט און האָט אפילו נאָכן ערשטן שאָס נאָך געמאַכט א פּנים פון פאַראיבל? וואָס האָט צווישן די געשלעג׳ ניט געשיקט קיין מיליטער צו באַשיצ׳ן זיין האַר? וואָס האָט אין קרימישן אָרט, וואו קיינער קאָן ניט פאָרן גיך, געבאַפּט דעם פאַלשן וועג, אים פאַרריכט, וואָס איז געפאָרן הינטערווייַלעכס און גאָר ניט באַמערקט, ווי דער האַר און די האַרינטע זיינען שוין לאַנג אָפּגעלאָפן מיט בלוט? פאַרטיידיקן אמת, האָט ער זיך ניט געקאָנט, משעפעט מען אים גלייבער גאָר ניט.

וואָס האָט אויסצוזאָגן דער שעף פון דער פאַרוואַלטונג? פאָן בילינסקי, וואָס האָט קענטיק מער געוואוסט, איידער עס איז געווען ניחא דעם ערצהערצאָג? און צי ווערט ניט אויסגעפאָרשט קרימינעל זיין פּאָליציי־שעף, וואָס זיינע מענטשן האָבן אף דער גאַס, וואו דער ערצהערצאָג איז געפאָרן, געלאָזן שטיין „זעקס אָדער זיבן” זיי באַקאַנטע געשטאַלטן מיט באָמבעס און רע־וואָלווערן, פאַר דער ערשטער באָמבע און נאָכדעם? קיין איין פּאָליציסט ווערט ניט פאַרנומען. צי שטעקן הינטער דעם שטאַר־קערע כחות?

דער שטאָט־הויפּטמאַן פון אגראם האָט שפּעטער — ניט פאַרן געריכט, בכן איז דאָ שווער צו דערגיין דעם אמת — דערציילט בסוד זיינע גוטע פריינט: אָנהייב יוני האָט ער גע־קראָגן פון בעלגראַד אַן אַנאָנימע מסירה, וואו עס זיינען געשטא־

נען די נעמען פון די שפּעטערדיקע אָנפאַלער. ער האָט דאָס איבערגעגעבן דער קראָאַטישער רעגירונג, יענע דער אונגאַרישער. נאָר קיין ענטפער איז ניט געקומען פון בודאַפּעשט קיין אגראם, און אַזוי האָט קיינער ניט געהאַט קיין רעכט אופצופאסן די אָנ־געמערקטע מערדער, בעת זיי זיינען באמת טאקע אריבער דעם גרענעץ. דערווייל קומ⁝ אין פּאָליציי דער אגראַמער יוריסט ד״ר גאַליאַרדי און דערציילט דאָס נעמלעכע. אויך אף דעם דאָזיקן פּראטאקאל לאָזט די אונגאַרישע רעגירונג זיך ניט הערן.

אָבער אין דער זעלביקער צייט, וואָס מען שוינט אַזוי ברי־דערלעך די היימישע, דאָס הייסט, זיי שוינען זיך איינם דאָס אַנדערע, בלייבט גאָר דער כעס און גרימצאָרן געווענדט קעגן די סערבן, וואָס זיי ווי אַ נאַציע טראָגן כלומרשט די שולד אין דעם מאָרד. וואָלט מען כאָטש געפינען די פעדים ביז בעלגראַד! אַזוי האָפט מען אין ווין. וואָלט כאָטש איין סערבישער מיניסטער זיין פאַרמישט: דעמאָלט וואָלט מען געקאָנט נעמען זיך צו זיי! געפינט ארויס וואָס איר קאָנט! זאָגט מען אָן דעם הער פאָן וויזנער, וואָס פאָרט האַסטיק פון ווין, כדי אויסצופאַרשן אפן ארט דעם ענין, מאטעריאל קעגן דער סערבישער רעגירונג!

יענער זוכט און נישטערט, וויפיל ער קאָן; אָבער נאָך פערצן טעג קאָן ער ווי אַן ערלעכער מאַן טעלעגראַפירן קיין ווין נאָר אָט דאָס. ערשטנס: „מאַטעריאַל פון דער צייט פאַר דעם אַטנטאַט גיט ניט קיין אָנהאַלט, אַז די סערבישע רעגירונג האָט געשטיצט די פּראָפּאַגאַנדע. דערפאַר, אַז די באַוועגונג איז גע־שפּייזט געוואָרן פון סערביען דורך פאַראיינען, און שטערונג מצד דער סערבישער רעגירונג, איז פאַראַן קנאַפּ מאַטעריאַל, אָבער גענוג". צווייטנס: „אַז די סערבישע רעגירונג זאָל זיין באַטייליקט אין אָנשטעלן דעם אַטנטאַט אָדער צוגרייטן אים און צושטעלען געווער, איז דורך גאָרנישט ניט דערוויזן... עס איז פאַרקערט פאַראַן אַ יסוד אָנצונעמען, אַז דאָס איז אויסגעשלאָסן." דריטנס: „אַז די באָמבעס שטאַמען פון סערבישן אַרמיי־מאַגאַזין, איז אָביעקטיוו דערוויזן, אָבער ניטאָ קיין ראיות דערפאַר, אַז זיי זיינען ערשט איצט צוליב דעם ארויסגענומען געוואָרן פון מאַגאַזין,

ווייל עס איז מעגלעך, אַז זיי שטאַמען פון די אָנגעגרייטע באַ די קאָמיטאַדזשים אין צייט פון דער מלחמה. די איבעריקע אויספאָרשונגען מכח דעם אַטענטאַט לאָזן זען די אָרגאַניזירונג פון דער פּראָפּאַגאַנדע פון נאַראָדנאַ אָדבראַנאַ. דאָ איז פאַראַן וויכטיקער מאַטעריאַל, אָבער נאָך ניט קאָנטראָלירט; אויספאָרשונגען ווערן ווייטער געפירט". דער באַריכט רופט אָן די איינציקע וואָס זיינען במעט זיכער פאַרמישט: סערבישע גרענעץ= און צאָל=באַאַמטע, א סערבישן מאַיאָר און א באַסנישן אייזנבאַנער.

פאַר קיין פּאָליטישע רעזולטאַטן איז, בכן, ניטאָ וואָס מורא צו האָבן: מען קאָן באַשולדיקן קראָאַטן און אונגאַרן, אבער סערבן העכער געשטעלטע ניט.

בינו לבינו האָט מען פאַרהערט די מערדערס. דער איינער צאַברינאָוויטש, א זון פון אַן עסטרייכער אין סאַראַיעוואָ, איז געווען דער אנפירער, ער האָט דעם אינגערן חבר אנגעלערנט, אריבערגעשמוגלט דאָס געווער איבערן גרענעץ, מיט נאָך א סך אַנדערע האָבן זיי אין בעלגראַד זיך צונויפגערעדט צו טויטן דעם יורש עצר.

איז דער טאָג ניט געווען פאַר זיי אַן אָנלערעניש? דאָס איז געווען דער טאָג, ווען זייערע עלטער=עלטער זיידעס זיינען געשלאָגן געוואָרן פון די טערקן, אָבער צוגלייך האָט דער יונגער מילאָש אָבילִיטש דערהרגעט דעם זיגער מוראַד און איז געוואָרן דער העלד פון דער נאַציע, אַזוי אַז נאָך היינט קלינגט מילאָשס נאָמען אין די פאָלקס=געזאַנגען. ווערן א צווייטער מילאָש — און זאָל דאָס קאָסטן דאָס לעבן!

פּרינציפּ איז זינט פיר יאָר געווען א גימנאַזיסט אין בעלגראַד, שפּעטער אַן איינגייער אין די נאַציאָנאַלע פאַראיינען, איז אויסגעוואַקסן אין גרויס=סערבישע אידייען. פאַרן געריכט האָט דער יונגער מענטש מיט די טונקעלע, ענערגישע שטריכן דערקלערט:

„דעם ערצהערצאָג האָב איך געהאַלטן פאַר אונזער ערגסטן שונא: ער האָט געוואָלט שטערן דער פאַראייניקונג פון די דרום=סלאַווען!" דערפאַר האָט ער באַשלאָסן אים צו טויטן און אויך זיך

בכדי אַלץ זאָל בלייבן א סוד. איטלעכן, וואס ווערט אריינגע־צויגן, פאַרטיידיקט ער, זאָגט קיין נעמען ניט אויס. בכדי צו שיצן אַנדערע, האָט קיין מאָל קיין טובת הנאה ניט געהאַט פון זיין געדאַנק: פרייוויליק האָט ער געוואלט מקריב זיין זיין לעבן פאַרן העכסטן פאַרלאַנג פון זיין פאָלק. ער ווערט פאַרמשפּט צו 20 יאָר תפיסה. נאָך דריי יאָר זיצן אין א פינסטערן קעלער גייט ער אויס. דריי אַנדערע ווערן געטויט.

אבער וויזנערס באַריכט באַהאַלט מען פאַר דער עפנטלעכ־קייט, מען באַווייזט עס אַפילו ניט דער דייטשער רעגירונג: די סערבישע רעגירונג מוז בלייבן שולדיק.

צווייטער קאַפּיטל.

די קריגס־גראַפן.

טיף פאַרזונקען אין לען־שטולן, שלאַנקע פיס הויך פאַר־וואָרפן איבער אנאַנד, אין בויגעוודיק העל־גראָען טוך: אזוי זיצן צוויי גראַפן אין די מיטעלע יאָרן אין גאָלד־רויטן קאַבינעט פון ווינער מיניסטער פאַר אויסווייניקסטע ענינים. דורך די הויכע אָפענע פענסטער שפּאַרט אריין דער ריח פון לינדן־בליטן. אָנהייב יולי נאָך אין ווין? האָבן זיי וואָסערע פּאָליטישע ענינים? יאָ, זיי באַ־טראַכטן די פראַגע, צי מעג מען גיין אויך אין געלער טשע־טשו־טשאַ אָדער מען מוז דוקא טראָגן גראָ. הויפּישער טרויער זומער־צייט איז שטענדיק שווער, און דער שוואַרצער פלאָר, וואָס זיי טראָגן אפן לינקען אַרבל, וואָלט צוזאמען מיטן געל געווירקט צו פיל עסטרייכיש־נאַציאָנאַל. אין אָט דעם איינגעהאַלטענעם שמועס איבער טואַלעט־פראַגן סמאַרען זיי זיך צו מאַכן איינער אפן אנ־דערן דעם רושם פון א מרה־שחורהדיקער שטימונג. אין דער אמתן אָבער זיינען זיי דורך דער געשעעניש אין סאַראיעוואָ פריי־לעך אופגעלייגט.

דער נאָמען פון די דאָזיקע קאַוואַלערן? זיי זיינען לאַנג, און די געשיכטע וועט זיי אָנרופן נאָר בערכטהאָלד און פאָר־

גאטש. היות אָבער מיר באטראכטן זיי אין זייער היסטאָרישן
מאָמענט, פארלאנגט פון אונז היסטאָרישע פינקטלעכקייט. מיר
זאָלן זיי פאָרשטעלן. לעאָפּאָלד גראף בערכטהאָלד, מיניסטער פאר
אויסווייניקסטע ענינים: אָוואלער קאָפּ, עטוואָס שפּיציקע געמבע,
פיינע נאָז, איינגעמידטע אויגן, פרי אָן האָר, קורץ געשאָרענע
וואָנסעם ארום דעם בעל=תּאווהדיק ווייכן מויל, ציניש בלאזירט,
איינער פון די עלעגאנטסטע קאַוואלערן פון ווין. אויבנאויפיק אין
דיינקען, לייכטזיניק אין טאָן, אומזיכער באם באשליסן, מיטן
אויסדרוק פון איבערגעזעטיקטן וועלט= און ספּאָרט=מענטש. וואָס
איז מער א בלען צו האָדעווען פערד צום וועט=געלאף און
מלחמה, איידער אליין צו רייטן אף זיי, וואָס האָט בכלל מער
פון אלץ חשק צו רעגירן די וועלט פון אויבן אראָפּ.

דער צווייטער זעט אויס מענלעכער. א טיפּ פון א הוסארן=
ריטמייסטער, ברונעט, מאַדיאַר. גראף פאָרגאטש, ביז פאר קורצן
אַמבאַסאַדאָר פון דער מאָנאַרכיע אין בעלגראד, וואו ער איז
ארייגעפאלן מיט די געפעלשטע דאָקומענטן, וואָס עסטרייך האָט
דורך זיי געוואָלט אויסשפּילן קעגן אירע קראָאטן. בכן, גענוג
גענוג אין דיפּלאָמאטישן דינסט. בכדי צו זיין וויצע=מיניסטער בא
זיין גוטן פריינט, צוגלייך בשתיקה ספּעציעלער פארטרעטער פון
אונגארן בא גראף בערכטהאָלד. ער איז דאָס, וואָס זינט דריי
יאָר מונטערט ער כסדר דעם איינגעמידטן מיניסטער: עס מוז
עפּעס געשען.

פאראיאָרן — צווישן אונז גערעדט, א גרויסער דורכפאל
בערכטהאָלדס. אָט די מפּלה: דער שלום פון בוקארעשט מוז
פאריכט ווערן: דאָס איז דעם גראפס הויפּט=געדאנק. דעמאָלט
זיינען אויסגעוואקסן דאָס לאנד און די מאכט פון דריי באַלקאַן=
מלוכות, בפרט פון סערביען. פאר די מיליטער=לייט האָט מען
זיך געמאכט לעכערלעך. זיי האָבן צוויי מאָל אומזיסט זיך מאָבי=
ליזירט; וויל מען זיך נאָך האַלטן אפן פּאָסטן, מוז ניט אנדערש
געמאכט ווערן א רעוויזיע. פאראיאָרן האָט בולגאריען געהאט
צוגעזאָגט סערביען הילף אויך קעגן אונז, הגם מיר האָבן אומע=
טום געשטיצט די פרייהייט פון בולגאריען. דעמאָלט האָט בער=

לין געשטיצט קעגן אונז בּיידע ניט־סלאַווישע מלוכות, רומעניען און גריכנלאַנד. צוויי שווערע מפּלות פאַר אַ מיניסטער!

איצט איז דער מאָמענט זיך אָפּצורעכענען! קיין ניי שלאָגוואָרט באַדאַרף מען ניט. גענוג דאָס אַלטע גאָלדענע וואָרט פּרעסטיזש. צי שטייען ניט סיי ווי סיי הינטער דער אידישער פּרעסע נאָר דעמאָקראַטן, קעגנער פון די סערבּן? און אויב דעם יורש־עצר האָט קיין בּירגער ניט געקאָנט ליידן, חוץ אפשר טיראָל, וואו דעם פּויפּס' בּרכה האָט אים געמאַכט פּאָפּולער, וועט מען דאָך גרינג קאָנען אָנשטעלן דעם געשריי פון בּאַליידיקטן פאָלק: דער פּרעסטיזש פון עסטרייך איז אין סכנה אונטער די סערבּן די מערדערס! אַזוי וועט ווין ווערן געפעסטיקט, איזוואָלסקי סקריעט מיט די ציין, סאַן דזשוליאַנאָ פּייפט אונטער אַ בּיסל, און די בּערלינער, וואָס האַלטן אונז אַלע מאָל פאַר נעבּאַכעס, וועלן אופרייסן דעם מויל.

אַלע טאָג וואַקסן די אינעווייניקסטע סכּנות: אין אַלע עקן און קאַנטן פּחדנות, שנאה, ליידנשאַפט, אָבּסטרוקציע, שפּראַךצעמישונג. בּאַאַמטע וואָס טוען גאָרנישט. פּאַרלאַמענטאַריער אָן מוט. הינטער דער דינער אינטעליגענץ אין די מאָדערנע גרויסע שטעט אַ ריזיקע מאַסע פּויערים, וואָס קאָנען ניט לייענען און שרייבּן, צוגעקלעפּט צו זייער שטיקל ערד, וואָס אין זיבּנבּירגן גייען זיי נאָך אַף געיעג אַף בּערן אָדער אין צפון־טשעכיע שטעלן זיי צו אַרבּעטער פאַר די פאַבּריקן. קראַמאַרזש וועט נאָר דערשפּירן, אַז די מאָנאַרכיע לעבּט, אויבּ זי וועט בּאַווייזן איר כּח. אָבּער מאָבּיליזירן אַ דריט מאָל און דערנאָך ניט אָנפאַלן אפן שונא? דעמאָלט נעמט דאָס שיסן אינעווייניק, און מיר האָבּן רעוואָלוציע. בּבֿן, אויס מיט דיפּלאָמאַטישע נצחונות! איטלעכע דערנידעריקונג מאַכט די דאָזיקע סערבּישע חזירים נאָך חוצפּהדיקער. אָדער מיר נעמען בּאַ זיי צו זייערע חזירים, אָדער קלעפּ! זינט בּוקאַרעשט איז אין בּאָסניע, וואָס איז אַף העלפט סערבּיש, ניט צו אָטעמען. די רומענער דאַרף מען האַלטן נייטראַל, פערדינאַנד פאַוואָליע אריבּערציען, אַף וויפיל בּערלין. —

בּערלין! ווען קומט ווידער אַזאַ געלעגנהייט! מאָרד פון אַ

פירשט ווירקט אף ווילהעלמען אווטאָמאטיש: שטראָף־עקספּעדיציע ווי קעגן כינע, פאַרשווערונג קעגן האבסבורג, געפּאנצערטע פויסט, בלישטשענדיק געווער! בכן, גרויסער טאַרעראַם: אייגנהאַנטיקער בריוו פון אַלטן. וועמען שיקט מען קיין פּאָטסדאַם? אפשר דעם קליינעם האָיאַס, אים האָבן זיי דאָרט ליב, און ער פּאַסט אויף, אַז דער אַלטער סעגיוּעני זאָל ניט פּלאַפּלען קיין נאַרישקייט. אָבער ווי ציט מען אריין דעם אלטן אין עסק? סוף כּל סוף גייט עס דאָך אין זיין נאָמען, און אַז עס הייבט אָן פלוצים צו שיסן, דערשרעקט ער זיך אף טויט. דעמאָלט קומט דער קליינער צום וואָרט. און מיר זיינען אויס. וואָס באַדאַרף מען פּאָדערן אין בערלין? אלגעמיינע בינדונג אף אלע פאַלן: ווע־לן זיי דערוף זיך אריינלאָזן? דאָרט איז אַלץ מעגלעך. מ־ט אַזאַ צוזאָג אין קעשענע וואָלט מען געקאָנט ארויסטרעטן אָן שהיות. העצנדאָרף וואַרט דערויף זינט פינף יאָר און קראָבאַטין זינט דריי. „מיט סערביען“, האָט ער נעכטן געזאָגט, „קאָן מען מאכן אן עק אין פיר וואָכן“. אף דער גיך, איידער רוסלאנד וויס. וואָס עס טוט זיך מיט איר ליבן זון. אגב, אָטעמען אלע אויף, וואָס ווילהעלם קומט ניט צו דער קבורה: זיסט וואָלטן ביידע אַלגענעדיקסטע זיך ווידער גע־האט ארומגענומען מיט שלום־טרערן. אלע זיינען פול מיט ווילן צום קאמף, טייל האלטן אפילו פאר מעגלעך, עס זאָל בלייבן לאָקאַליזירט.

סכּנות? צי האָט ניט דער רוס געשוויגן פאר פינף יאָרן, בעת ערנטאל האָט צוגענומען ביידע פּראָווינצן? דער גרויסער רוס וויל צום דרומדיקן אָפענעם ים און האָט דאָס גלייכע רעכט דערויף, ווי דער קליינער סערב: איז דאָס אונזער היסטאָרישע מיסיע ביידן ניט צוצולאָזן. ווילן זיי דאָס פאָרט, ווי קאָן מען האַלטן שלום? קומט דער צונויפשטויס באלד, איז פאר אונז אודאי גוט. בכלל גערעדט, איז פּאַשיטש, אָט דער גנב און גזלן, בעצם גאָר קיין קעגנער ניט, וואָס צוליב אים באדארף מען דאָס מקריב זיין דעם זומער־אָפּרו. אָבער דער גרויסער קאמף קעגן רוסלאנד, דער שענסטער ציל, וואָס אפילו ערנטאַל האָט אים ניט דערגרייכט! אין צווי יאָר צייט איז דער רוס פאַרטיק

מיט זיינע באַנען. ווער זיכערט אונז דעם אָרט אין צוויי יאָר אַרום? גיך! הייבן מיר אָן מיטן אייגנהאַנטיקן בריוו פאַר אונזער אַלגעגנעדיקסטן האַר!

עטוואָס שפּעטער האָט גראַף בערכטהאָלד געשריבן צו זיין אַמבאַסאַדאָר אין רוים, אַז דורכצוגיין אַלע מעגלעכקייטן פון די נאָענטסטע עטלעכע וואָכן הייסט מאַכן אַ שפּאַציר דורך אַ לאַ־בירינט. „דערווייל האָב איך דעם געפיל, אַז די השגחה האָט מיך אויסגעקליבן צו זיין איינער פון יענע מיניסטאָרן, וואָס האָבן געוואָלט פירן שלום־פּאָליטיק און האָבן געמוזט פירן קריגס־פּאָליטיק"...

*

גראַף טיסא איז קעגן.

דער בעסטער קאָפּ אין לאַנד, צוגלייך דער מעכטיקסטער, איז קעגן דעם סערבישן קריג, וואָס די צוויי אַנדערע גראַפן האָבן אויסגעקלערט. וועט ער מיט זיין מעכטיקן וואָרט ניט צולאָזן דערצו? צי האָט דער שכל טאַקע זיך באַהעפט צו אָט דעם אָדערדיקן אונגאַר? איז דאָס אַן ערנסטער אייראָפּייער, וואָס פאַר־שטייט די שרעקלעכע אחריות און וויל דעם קריג אויסמיידן אף יעדן פאַל, ווייל מען מוז אים אויסמיידן?

ער זעט ניט אויס ווי אַ פּאַציפיסט. דער בעסטער פעכטער און רעדנער ווייט און ברייט, מוטיק, אויסגעהאַלטן, באַהאַלט אונטער אַ שטילן זשעסט דעם ווילן צו מאַכט, ניט לאָיאַל קעגן עסטרייך, בעצם טעמפּ פאַר אַלץ וואָס איז ניט אונגאַריש: אין דעם געביט אָבער מלוכה־מאַן און מענטשן־קענער, שטענדיק באַ־וועגלעך, קיין מאָל ניט פאַרמאַטערט, אומעטום, וואו ער מישט זיך אַריין, דער ערשטער. דערביי זעט ער אויס ווי אַ שול־לערער אין זיין אַלט־מאָדישן הילוך. מיט זיין לאַנגען שווייגן, זיינע גיכע עפּיגראַמאַטישע רעדעס, פלינק מיטן גוף און נשמה, האָט ער עפּעס פון אַ העלד פון אַ ראָמאַן פון עלטערן סטיל און ווירקט אף אינטערעסאַנטע פרויען.

סטעפאַן גראַף טיסא האָט געהאַט געמישטע געפילן, אַז דער טעלעגראַף האָט אים געמאָלדן וועגן טויט פון פראַנץ

פערדינאַנד דעם שונא פון אונגאַרן. איצט איז שוין מער ניט גע־וועזן די סכנה פון גלײַכן וואַל־רעכט, וואָס דורך דעם האָט דער קרוין־יורש געוואָלט ברעכן די אויבערהערשאַפט פון די מאַדיאַרן איבער זאַקסן, רומענער, קראָאַטן, סלאָוואַקן, איצט איז צערונען געוואָרן דער „טריאַליזם", אַ זעלבשטענדיקע יוגאָסלאַוויע: אַלץ דורך איין שאָס. צי האָט גראַף טיסאַ אין דער ערשטער פערטל שעה באַדאַרפט זײַן זייער אומגליקלעך?

אין דער צווייטער איז באַם פּאָליטיקער אופגעקומען די דאגה: צי וועט בערכטהאָלד ניט אויסנוצן דעם אויסרייד, בכדי, נאָך אַזוי פיל פּרואוון, זיך ארופצוואַרפן אף סערביען? וועט פאַרגאַטש זיך ניט לאָזן אײַנריידן פון זײַנע ווינער גוטע פרײַנט? ניטאָ פאַר טיסאַ קיין געפערלעכערע זאַך ווי אַ ניצחון איבער סער־ביען: דעמאָלט קומען צו אין דער מאָנאַרכיע פרישע מיליאָנען סלאַוון, און עס וועט געשטערט ווערן דער הייליקער גרונט־געזעץ וועגן גלײַכוואָג צווישן אונגאַרן און עסטרײַך, ווײַל די לעצטע וועט ווערן שטאַרקער, אויך די קראָאַטן און רומענער אין זײַן לאַנד וועלן ווערן אומרואיק, דאָס הייסט, עס וועט גע־שטערט ווערן זײַן גאַנצע פּאָליטיק, אַז אַלע מוזן זײַן אונטער־טעניק אונטער די מאַדיאַרן.

אין ווין ווערט טיסאַ באַלד געוואָר, אַז בערכטהאָלד וויל טאַקע זיך שלאָגן, באַדאַרף מען דעם אַלטן אָנסטראַשען, און טיסאַ שרײַבט צו זײַן קיסר: „אַז איך קאָן ניט מסכים זײַן מיט גראַף בערכטהאָלדס פּלאַן צו מאַכן דעם פאַרברעך אין סאַראַיעוואָ פאַר אַן אויסרייד זיך אָפּצוזרעכענען מיט סערביען. איך האָב ניט פאַרהוילן פון גראַף בערכטהאָלד, אַז איך האַלט דאָס פאַר אַ געפערלעכן טעות און איך וועל בשום אופן ניט נעמען אף זיך די אחריות דערפאַר. ערשטנס, האָבן מיר ביז איצט ניט קיין גענוגע ראיות, צו באַשולדיקן סערביען און צו פּראָוואָצירן אַ קריג קעגן דער דאָזיקער מלוכה, אפילו אויב די סערבישע רע־גירונג וועט געבן באַפרידיקנדיקע דערקלערונגען. מיר וואָלטן גע־האַט דעם ערגסטן שטאַנד, וואָס מען קאָן זיך נאָר אויסקלערן, די גאַנצע וועלט וואָלט אונז באַטראַכט ווי די שטערער פון

שלום, און מיר וואָלטן פאַנאַנדערגעבלאָזן א גרויסע מלחמה באַ די אומגינסטיקסטע תנאים. צווייטנס האַלט איך דעם דאָזיקן מאָמענט סתם פאַר אומגינסטיק, בעת מיר האָבן רומעניען כמעט ווי פאַרלאָרן, און בולגאַריען, די איינציקע מלוכה, וואָס אַף איר קאָנען מיר זיך פאַרלאָזן ליגט אָן כחות. באַ דער איצטיקער לאַגע אַפן באַלקאַן וואָלט דאָס געווען מיין קלענסטער צער, צו געפינען אַ סיבה צו קריג". און ער עצהט ניט אַנדעריש צו מאַכן גוט־פריינט דייטשלאַנד מיט בולגאַריע, אויסצונוצן דעם באַזוך פון דייטשן קיסר, „כדי צו באַקעמפן די צוגענויגטקייט פונעם דאָזיקן הויכן האַר צו סערביען דורך דעם אָנווייז אַף די לעצטע פאַרברעכערישע געשעענישן און צו פועלן באַ אים, ער זאָל ענערגיש אונטערשטיצן אונזער באַלקאַן־פּאָליטיק".

א קליין מייסטער־שטיק אָט דער בריוו. אויב ער סטראַשעט גאַנץ דייטלעך מיט דעמיסיע, סטראַשעט ער אויך ווי דער אונגארישער דיקטאַטאָר מיטן וועטאָ פון אונגאַרן. מען זעט, טיסא האָט דעם באַשלוס אין זיינע הענט. וועט ער בלייבן פעסט?

*

אין זיין אישלער ווילע, געקומען האַסטיק צוריק פון דעם באַגרעבעניש־פּאַראַד, זיצט דער אַלטער קיסר אין יעגער־ראָק פאַרן בריוו, וואָס עס האָט פאַר אים צוגעגרייט בערכטהאָלד, זיין אויסערן־מיניסטער. אויב לאַנגע געניטשאַפט קאָן מאַכן צום פּאָליטיקער, האָט פראַנץ יאָזעף אין דער עלטער באַדאַרפט זיין קליגער, ווי אין די יונגע יאָרן. דאָס, וואָס ער וויל מער ניט קיין קריג, נאָכדעם ווי ער האָט אַלע זיינע מלחמות פאַרלאָרן, באַטייט נאָך ניט, אַז ער איז אַ פּאַציפיסט. און ניט געקוקט אַף גאָר דער שפּאַנישער איזאָלירונג, וואָס דורך איר האָט דער לעצטער קיסר אין דער געשיכטע אַרומגערינגלט זיין גדולה, האָט ער דאָך אָן אויער צו פאַרנעמען, וואָס זיינע לייט ריידן, שפּירט און האַלט אין זינען, וואָס עס ווילן אָפּיצערן און באַאַמטע, דייטשע און אונגאַרישע, די לעצטע אונטערשטיצן פון זיין קונציק געבויטן טראָן. דעם פלימעניקס טויט רירט זיין האַרץ ניט אָן,

ער האָט אים קיין מאָל ניט געקאָנט ליידן, נאָר איבער זיין אוממעגלעכן שידוך האָט ער אים אזוי פיינט געקראָגן, אז בעת עס איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן דעם טויט פון פאָר=פאָלק, האָט ער קיין אַנדער זאַך ניט געזען ווי גאָטס משפּט און האָט געזאָגט צו זיין אַדיוטאנט: „דער אַלמעכטיקער לאָזט זיך ניט רייצן!“ דריי טעג נאָך אָט דעם אכזריותדיקן שפּראָך באקלערט ער א פּלאַן פון א הירש=געיעג, וואָס איז דאָך נאָך אלע זיינע אָנווערן געבליבן דער איינציקער תענוג פון זיין לעבן. ווער עס וועט רעגירן נאָך אים, אַרט אים ווינציק: ער שפּירט מסתמא, אַז די דאָזיקע אימפּעריע וואָלט שוין לאנג צעפאלן געוואָרן, אויב ניט די יראת הכּבוד פאר זיין עלטער. וואָס האלט איין אַלעמען.

פונדעסטוועגן טאָר מען ניט ווערן מיד, מען מוז געבן אַכט. וואָס עס רירט זיך אינעווייניק, און אויב עס איז נויטיק, מוז מען זוכן צו פאַרדעקן די אינעווייניקסטע סכּנה דורך דער אויסווייניקסטער. מיט א פּאָר טעג צוריק האָט ער דאָס געזאָגט דעם דייטשן אַמבאַסאדאָר, וואָס איז געקומען צו בעטן אנטשולדיקונג, פאַרוואָס קיסר ווילהעלם איז ניט געקומען: „איך זע זייער שווארץ אין דער צוקונפט... און ווייס ניט, צי מיר וועלן נאָך לאנג קאָנען צוקוקן רואיק, און איך האָף, אז אויך אייער קיסר ווייס די סכּנה, וואָס ליגט פאר דער מאָנארכיע אין דער סערבישער שכנשאפט, באזונדערס באאומרואיקט מיך די רוסישע פּרואוו=מאָבּיליזאציע, וואס איז געפּלאנט פאר דעם הארבסט, דאָס הייסט גראד אין דער צייט, ויען בא אונז בייטן זיך די רעקרוטן... מיט אזעלכע פאַרשטאַנדיקע מענטשן ווי די הערן וויניזעלאס און שטרייט וועט מען געווים אפן דאָזיקן גוטן וועג קומען ווייטער. הגם מיר איז קעניג פערדינאַנד ניט באזונדערס ליב, נאָר בולגאַריען איז פארט א גרויס לאנד און פייאיק צו היפּשער אנטוויקלונג... איך ווייס, אז אייער קיסר האָט דעם פולן צוטרוי צו קעניג קאראל, איך האָב דאָס ניט... ווען מיר וואלטן נאר געקאנט אָפּציען ענגלאַנד פון אירע גוטע פריינט פראנקרייך און רוסלאַנד!“

איצט, זיצנדיק פאַרן דאָקומענט, וואָס אנטוויקלט דעם פּלאַן קעגן סערביען, קאָן אים קומען אין זינען נאָר שלעכטס, און דער עבר פירט אים פון זיך אליין צו צו בערכטהאָלדס נסיונות, און טיסאַס התראות פארשטומען באלד. שוין דעמאָלט, דער לעצטער אָבּרענאָוויטש, האָט באוויזן, אַז ער איז ניט ווערט זיין גוט־גינציקייט, יענער אלכסנדר, וואָס איז זיך באַגאַנגען מיט זיין פאטער מילאַן מעשה אוממענטש און האָט דערנאָך דורך זיין חתונה מיט דער דראגאַ אָפּגעשטויסן פון זיך אלעמען. דערהרגען אַזאַ מענטשן האט באמת גאר ניט געהייסן דערהרגען אַ קעניג.

און פונדעסטוועגן האָט דער אלטער קיסר געפועלט באַ זיך אים אופצונעמען, אין בודאַפּעשט איז געווען אַלץ צוגעגרייט, היינט פאר דריי יאָרן, נאר מיט אַ מאָל האָט דער סערבישער קעניג זיך דערשראָקן און איז ניט געקומען. דאס קאן אים אַ האַבּס־בורגער ניט מוחל זיין; נאָך ווינציקער די צוויי מאָבּיליזאַציעס, וואָס יענער האָט אים געצוואונגען צו מאַכן. און איצטער נעמט אַזאַ סערב און שיקט אוועק אַ האַבּסבורגער אַף אַן עסטרייכי־שער גאס און שיקט אים אַוועק אַף יענער וועלט אָן ווידוי! ניין, בערכטהאָלד איז גערעכט — און ער חתמעט אונטער דעם פארגעלייגטן בריוו, וואו ער שרייבט אזוי צו קיסר ווילהעלם:

„דער אטנטאַט, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן קעגן מיין אָרימען פלימעניק, איז אַ דירעקטער פועל־יוצא פון דער אַגיטאַ־ציע פון די רוסישע און סערבישע פּאַנסלאַוויסטן, וואָס זייער ציל איז אָפּצושוואַכן דעם דרייבונד און צו צעשמעטערן מיין אימפּע־ריע... די שטרעבונג פון מיין רעגירונג מוז להבא זיין געווענדט צו איזאָלירן און צו פאַרקלענערן סערביען... דעם שלום וועט מען קאָנען זיכערן נאָר דעמאָלט, ווען סערביען... וועט מער ניט זיין קיין פּאָליטישער פאַקטאָר אַפן באַלקאַן... אַז עס איז ניטאָ וואָס צו קלערן וועגן שלום מאַכן צווישן אונז און צווישן סערביען, און אַז די שלום־פּאָליטיק פון אלע אייראָפּייאישע מאָנאַרכן שטייט אין סכנה, כל זמן עס בלייבט אומבאַשטראָפט דער דאָזיקער צענטער פון פאַרבּרעכערישער אַגיטאַציע אין בעלגראַד". שנאה

צו סערביען: דאָס איז די איינציקע נאַציאָנאַלע שנאה, וואָס אויף איר קאָן זיך דער קריגס־גייסט סומך זיין אין אָנהייב קריג.

מיט אָט דעם בריוו דעם קיסרס איז פאַרטיק געוואָרן דער באַשלוס צום קריג, אַזוי ווי עס האָבן אים אויסגעקלערט אין די לעצטע טעג די בײדע גראַפן און די מיליטער־לייט.

*

דעם צווייטן טאָג איז דער אַלטער גראַף סעגיעני, אַן אונגאַר, זינט לאַנגע יאָרן אַמבאַסאַדאָר פון עסטרייך אין בערלין, איינגעלאַדן אין פּאָטסדאַם צו פרישטיק, בכדי דאָרט איבערצוגעבן זיין האַרס בריוו. דער קיסר לייענט דעם לאַנגען כּתב, ווייזט דערנאָך אָן אויף געטמאַן, אַז ער מוז מיט אים פריער ריידן, גייט עסן. דאָ ווערט ער צוגעלאָזט. מען רעדט פון אַ סך זאַכן, די קייזערין איז אויך דערביי.

נאָכן עסן לייענט מען דאָס אַנדערש. איצט גייט דער קיסר ארויס פון די כּלים:

„רוסלאַנד וועט בכל אופן זיין פיינטלעך... קומט עס צו אַ קריג צווישן עסטרייך־אונגאַרן און רוסלאַנד, דאַרף מען אין וויין וויסן זיין, אַז דייטשלאַנד וועט שטיין געטריי זייט בײַ זייט מיט דער מאָנאַרכיע. רוסלאַנד איז אגב נאָך ניט גרייט צום קריג... איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, אַז דעם קיסר פראַנץ יאָזעף, וואָס האָט, ווי באַוואוסט, ליב שלום, וואָלט שווער געווען אַריינצומאַרשירן אין סערביען, אויב אָבער מען האָט אין וויין איינגעזען, אַז עס איז נויטיק אַ קריגערישע אַקציע קעגן סערביען, וואָלט איך דאָס באַדויערט, אויב עסטרייך־אונגאַרן וואָלט ניט אויסגענוצט דעם איצטיקן מאָמענט, וואָס איז פאַר איר אַזוי גינסטיק. וואָס איז שייך רומעניען, וועל איך שוין זאָרגן דערפאַר, אַז קעניג קאַראָל זאָל זיך האַלטן קאָרעקט. צו קעניג פערדינאַנד האָב איך נאָך אַלץ ניט דעם מינדסטן צוטרוי... פונדעסטוועגן וועל איך ניט זיין קעגן אַן אָפּמאַך פון דער מאָנאַרכיע מיט בולגאַריען“. מיט איטלעכן זאַץ ווערט דער אונגאַר גליקלעכער.

אינדערהיים לאָזט ער באַלד די טייערע ווערטער שיפּרירן קיין ווין.

און דאָך האָט ער געזען נאָר איין ווינקל פון ווילהעלמס נשמה: דעם קינסטלעך איינגעהאַלטענעם ארויסטריט, צוערשט שטייף, דערנאָך פריי און איידלמוטיק. וואָרום נאָך איידער וויל־העלם האָט געקראָגן דעם דאָזיקן בריוו, האָט ער געהאַט גע־לייענט אין באריכט פון זיין ווינער אַמבּאַסאַדאָר, אַז יענער האָט די קריגערישע גראפן ערנסט מתרה געווען. דעמאָלט האָט דער קיסר געכאפּט דעם לאנגען בליי־פעדער מיט דער קרוין און אָנגע־שריבן באַם ראנד פון אָט די פאַרשטאַנדיקע ווערטער: „ווער האָט אים דערצו געגעבן די פולמאכט? דאָס איז זייער נאַריש! גייט אים גאָרניט אָן... דערנאָך, ווען עס גייט קרום, הייסט דאָס, אַז דייטשלאַנד האָט ניט געוואָלט!! טשירסקי זאָל אַזוי גוט זיין און אָפּשטעלן דעם אומזין! מיט די סערבן מוז מען מאַכן אן עק, און טאקע באלד!.. איצט אָדער קיין מאָל ניט!“

וואָס האָט אַזוי אריינגעבראכט אין גרימצאָרן דעם קיסר פון שלום? נאָך קיין צוויי יאָר ניט, זינט די סערבן זיינען אריין אין אלבאניען, בכדי צוצוקומען צום ים, ווין האָט געוואָלט קריג. דער קיסר איז געווען קעגן, ער האָט אויסגעדריקט זיינע גע־דאנקען אין די וויטערדיקע זאצן, וואָס עס איז כּדאי מען זאָל זיי געדיינקען:

„עסטרייך האָט אומפאָרזיכטיקערהייט אָנגענומען אַנטקעגן די סערבישע תּביעות א הארטן, דיקטאטאָרישן טאָן. דאָס קאָן ווירקן פּראָוואָקאַטאָריש און ברייגנען צו פאַרדרייעניש. סערביען פאַרלאַנגט א צוגאנג צום אדריאטישן ים מיט האפנס, עסטרייך וויל דאָס ניט דערלאָזן. רוסלאנד וויל, קענטיק, שטיצן די סער־בישע פאָדערונגען און וואָלט מחמת דעם זיך צונויפגעשטויסן מיט עסטרייך... דעמאָלט וואָלט דייטשלאנד לויטן אָפּמאך באַדאַרפט העלפן עסטרייך, וואָרום ווין ווערט אָנגעפאלן פון פּעטערבורג. דייטשלאנד וואָלט באַדאַרפט זיך מאָבּיליזירן און קעמפן אף צוויי פראָנטן... פאריז וועט בלי ספק ווערן אונטערשטיצט פון לאָנ־דאָן. דייטשלאנד וועט מוזן אריינטרעטן אין קאמף פאר איר

עקסיסטענץ אַנטקעגן דריי גרויסע מלוכות. אין דעם קאַמף וועט זי מוזן אַליין אײנשטעלן אין קאָן און קאָן אויך אַמאָל אונטערגיין.

„דאָס אַליין איז געדרונגען דערפון, וואָס עסטרייך וויל ניט אַריינלאָזן די סערבן אין אַלבאַניען אָדער אין דוראַצאָ. עס איז קלאָר, אַז דער דאָזיקער ציל קאָן פאַר דייטשלאַנד ניט זיין קיין פּאַראָל פאַר קאַמף אויף לעבן און טויט. עס איז ניטאָ קיין מעג־לעכקייט מיט איין לאָזונג אָנצופייערן די דייטשע נאַציע פאַר אַ קריג, וואָס ווערט געפירט איבער אַזעלכע טעמים, און קיינער קאָן דאָס ניט פאַראַנטפערן מיט זיין געוויסן פאַר גאָט און פאַר זיין פאָלק, איינצושטעלן אין קאָן איבער אַזאַ טעם די עקסיסטענץ פון דייטשלאַנד.

„עס וואָלט ווייט אַריבער די גרענעצן פון אַן אָפּמאַך... אויב מען וואָלט די דייטשע אַרמיי און דאָס דייטשע פאָלק די־רעקט שטעלן אין דינסט פון די קאַפּריזן פון דער אויסוויניקסטער פּאָליטיק פון אַ פרעמדער מלוכה און דאָס כלומרשט האַלטן גרייט דערצו! דער אָפּמאַך פון דרייבונד זיכערט נאָר קעגנזייטיק דעם איצטיקן באַשטאַנד פון די דריי מלוכות. ער איז אָבער ניט מחייב מיטצוגיין אָן טענות און סכסוכים איבער פרעמדע לענדער! דער אָפּמאַך איז אוודאי מחייב צו העלפן עסטרייך, אויב רוס־לאַנד פאַלט אויף איר אָן, אָבער נאָר דעמאָלט, ווען עסטרייך האָט ניט פּראָוואָצירט רוסלאַנד אָנצופאַלן. דאָ אָבער קאָן אַרויסקומען אַזאַ לאַגע אַנטקעגן סערביען, און דאָס מוז ווין ניט אַנדערש אויסמיידן, זי באַדאַרף אויסהערן אָדער מאַכן פאָרשלאָגן פון אַ פּשרה...

„אויב רוסלאַנד זאָל ניט אָננעמען אַזעלכע עסטרייכישע פּשרה־פאָרשלאָגן, וואָס די איבעריקע גרויסע מלוכות האַלטן זיי פאַר ריכטיק, דעמאָלט וועלן די רוסן זיין די בעלי־עוולות. די איבעריקע מלוכות וועלן געבן גערעכט ווין, און אויף די רוסן וועט פאַלן דער חשד, אַז זיי ווילן בכלל מלחמה מיט עסטרייך, און אַלבאַניען איז נאָר אַ פּוסטע אויסרייד. מען וועט זיי האַלטן פאַר

קריגעלניקעס, און אַלע פאַרשטאַנדיקע מענטשן וועלן זיך אָפּווענדן פון זיי".

מיט פּאָליטישער קלוגשאַפט האָט ווילהעלם דער צווייטער אין דאָזיקן דאָקומענט פאַנאַנדערגענומען אַ קאָנפליקט, וואָס האָט כּמעט אין אַלע פּונקטן געשטימט מיט דעם סכסוך פון יולי 14=טן יאָר. דער אויסקוק, אַז ענגלאַנד וועט זיך באַטייליקן, ביסמאַרקס טעאָריע, אַז „אַ בּונד איז ניט קיין חברותא צו מאַכן געשעפטן", דער הויפּט=געדאַנק, אַז איראָפּע וועט פאַרמשפּטן דעם, ווער עס פּראָוואָצירט, די איינזעעניש, אַז די סערבּן באַדאַרפן האָבן אַ האַפן: דאָס איז אַלץ לחלוטין ריכטיק געזען: ער האָט דאָס באַדאַרפט נאָר דעם 6 יולי 1914 איבּערחזרן, גענוי ווי ער האָט דאָס געשריבּן דעם 11 נאָוועמבּער 1912. לויט דער קאָנסטיטוציע האָט דער קיסר אַליין געהאַט צו זאָגן איבּער מלחמה און שלום. אויבּ ווילהעלם וואָלט אין יענעם טאָג איבּער=געחזרט זיינע אייגענע געדאַנקען, וואָלט דער ווינער קאַבּינעט גאָרנישט ניט געטאָן, און דער וועלט=קריג וואָלט אין יענעם מאָמענט ניט אויסגעבּראָכן.

פאַר וואָס האָט זיך די מיינונג געבּיטן? חוץ דער פּסיכאָ=פּאַטישער טבע דעם קיסרס, מוז מען דאָס קודם כּל דערקלערן דורכן געדאַנק פונם פירשטן=מאָרד. דערפאַר זיינען די קריגס=גראַפן אין וויין געווען אַזוי גליקלעך, ווייל זיי האָבן געפילט, אַז נאָכן אַטנטאַט וועט ווילהעלמס שטימונג זיך אומבּייטן.

זינט יענער צייט, אין משך פון די צוואַנציק חדשים, זיינען בּעצם קיין שינויים ניט פּאָרגעקומען. אויבּ די גרופּע פון די קעגנער האָט זיך פעסטער געשלאָסן, האָט מען דאָך אין צווייען פאַרזיכטיק באַדאַרפט אָפּשטופּן איטלעכן קאָנפליקט, איידער דאָס אומגליק בּרעכט אויס. און פונדעסטוועגן בּאַפאַלט ער איצט זיין אַמבּאַסאַדאָר, וואָס האַלט זיך גענוי פאַרן קיסרס דעמאָלטיקע ריכטונג, ווי מען שייגעצט אוים אַ בּעל=העגלה וואָס פאָרט פאַלש פאַר וואָס מוז היינט „ווערן אַן עק מיט די סערבּן און טאַקע בּאַלד"?

דאָס מאָל רייצט אים נאָך אַ צווייטער מאָטיוו די פּוסטע

באַרימערײַ: „דאָס מאָל װעט מען זען, אַז ער װעט זיך ניט באַ־נאַרישן". הינטער דעם שטײַגן די שטימען פון די גענעראַלן, דאָס אײַנגעהאַלטענע שװײַגן פון די אױפגעבלאָזענע הױף־לײַט, דער חניפותדיקער שמײכל פונם קרױנפּרינץ, די שװײַגנדיקע בליקן פון די אַדמיראַלן, די חוזקדיקע פּראָזעס פון דער אַלדײַטשער פּרעסע, װאָס פלעגן איטלעכעס מאָל, װען עס איז געװען אַ האָפענונג אַף קריג, און דער קיסר פלעגט באַשליסן אַף שלום, אים לאָזן הערן: אַט שטײט די שטאַרקסטע אַרמײ אין דער װעלט אַרום אים — און ער דערװעגט זיך ניט.

אױך אַף אינעװײניק איז זײַן גאװה געװען גערײצט. אױב ביסמאַרק, װי ער פלעגט זאָגן אַמאָל, איז געװען געטרײַ דעם קעניג, װײַל ער האָט געגלױבט אין גאָט, איז פאַרקערט װיל־העלמס גלױבן געװען געדרונגען פון זײַן קיניג־געפיל. אַט דאָס „פון גאָטס־גענאָד" איז געװיס דער עכטסטער טאָן אין דעם קיסרס נשמה; מחמת אַט דער מיטלאַלטערלעכער גרונט־שטימונג האָט ער ניט נױטיק דאָס פאָלק: ער בלײַבט אַלײן. אָבער ער טראָגט אַריבער די דאָזיקע טעאָריע, װאָס שטאַמט פון זײַן גאװה, אױך אַף אַלע איבעריקע געקרױנטע הערן. פראַנץ פערדינאַנד איז, חוץ אַלעמען, געװען זײַן פערזענלעכער גוטער פרײַנט, אָדער עס האָט אַזױ אױסגעזען. און אַט אַ דעם ערצהערצאָג פון עלטסטן יחוס האָט מען געהאַט די העזה אַװעקצושיסן, הגם דער דײַטשער קיסר איז געװען מיט אים באַפרײַנדעט? פון גאָטס גע־נאָד און פון װילהעלמס גוטגינציקײט — און דאָך אַװעקגע־לײגט? ער האָט זיך געפילט פערזענלעך באַלײדיקט, װי מחויב צו נעמען נקמה.

דאָס האָבן ריכטיק געהאַט אױסגעחשבונט די קריגס־גראַפן, װאָס אָן װילהעלמס שװערד האָבן זײ זיך ניט געקאָנט רירן.

נאָכמיטאָג װערט גערופן אין פאָטסדאַמער שלאָס־פּאַרק אַרײַן דער אומפּעריע־קאַנצלער, מיטן װיצע־מיניסטר צימערמאַן. װי עס געשיקט זיך, זײַנען בײדע מסכים מיט דער מײנונג פון סוװערען, בפרט אַז ער האָט „אָן צו װאַרטן אַפן קאַנצלערס

פאַרשלאָגן", געגעבן זײַנע אינסטרוקציעס מכּח דעם ענטפער קיין ווין: די לאַגע איז ערנסט, עסטרײַך אליין דאַרף באַשליסן, רומעניען ניט פארטשעפּען, בולגאריען צוציען, דעם סכסוך לאָקאַליזירן. אין ערנסטע מאָמענטן שטייט דער חוב פון בונד. אין אָוונט גיט בעטמאַן איבער דעם עסטרײַכישן אַמבאַסאַדאָר דעם קיסרס באַפעלן, איז נאָך מוסיף: „תּיכּף ארויסטרעטן קעגן סערביען איז דער בעסטער גאנג". גראַף האָיאָס, וואָס זיצט דערבײַ, שאָקלט צו מיטן קאָפּ. ער איז אינגער און לעבעדיקער פארן אלטן אמבאסאדאָר. ער האָט הײַנט אין מיניסטעריום אומעטום גערימט זיך: „מיר וועלן פון סערביען מאכן א תּל!"

שוין דעם צווייטן טאָג הייבן די לײַט אָן איבערצוקלערן: צימערמאַן שטרײַכט אונטער אין א פּריוואַט־בריוו צום דײַטשן אַמבאַסאַדאָר אין ווין, אַז מען מוז עסטרײַך וואָרענען פון צו שטעלן צו שארפע פאָדערונגען; נאָר אָט דער ריכטיקער געדאנק איז געבליבן באהאלטן אין בריוו. דער בריוו אין קאָנווערט, דער קאָנווערט אין שרײַב־טיש. און ערשט אין דרײַ יאָר ארום האָט אים דער שרײַבער געפונען. בעת ער האָט אופגעראַמט זײַנע פּאַפּירן באַם אַוועקגיין פון פּאָסטן. אויך בעטמאַן גייט א ביסל צוריק, וואָרום אַז צימערמאַן וויל אָפיציעל אינפאָרמירן דעם אַמבאַסאַדאָר אין ווין מכּח דעם נעכטיקן שמועס מיטן קיסר און שרײַבט, אַז דער קיסר וועט „אונטער אלע אומשטאנדן זיך שטעלן געטרײַ באַ דער זײַט פון עסטרײַך", מעקט בעטמאַן אויס „באַ אלע אומשטאנדן" און לאָזט זײַן האר זײַן פּשוט און פּראָסט געטרײַ.

אָט דאָס קווײַנקלענדיקע אין דער האַלטונג פון דײַטשן קאַנצלער וועט זיך באַווײַזן אין משך פון פיר וואָכן און שפּעטער נאָך דרײַ יאָר לאנג. בעטמאַן איז געווען דער ערשטער שילער אין גימנאַזיע, פלעגט נאָך איצט לייענען גריכישע ביכער צוליב אָפּרו אין א פרײַער שעה, האָט גלענצנד געענדיקט זײַן יורידישן שטודיום, איז געווען באַרימט פאר א גוטן חבר אף געיעג און האָט בכלל געקאָנט דינען פאר א בײַשפּיל צו באַשטעטיקן ביסמארקס וואָרט, אַז פּרייסן ברײַנגט ארויס אויסגעצייכנטע געהיימ־

ראטן און רעגירונגס-פרעזידענטן, אָבער ניט קיין מלוכה-לייט.

*

אַפן צווייטן טאָג איז דער קיסר אָפּגעפאָרן. ער איז זיך ארומגעשוואומען איבער די צפונדיקע ימים, דער אויסערן-מיניסטער איז אין לוצערן אף א חתונה-רייזע, די שעפן פון דער אַרמיי און פון פלאָט רוען זיך אוים אין קארלסבאד און טאַראַספּ, דער קאַנצלער פאָרט אָפּ אין זיין הויף און וויל רעגירן דורכן טעלע-פאָן. איז דאָס אַ בילד פון אַ רעגירונג, וואָס לעכצט נאָך קריג? אין ווין און אין פעטערבורג האָט קיינער ניט גענומען קיין אורלאָפּ!

דער קיסר האָט געשפּירט, וואָס עס קאָן געשען, ער האָט עס אָבער להלוטין ניט געוואָלט. נאָר דער קאַנצלער, אָנגעטריבן פון די גענעראלן, וואָס האָבן באַדאַרפט האָבן פרייע האַנט אַ פּאָר וואָכן, בכדי צו זיין גרייט צום שלאָגן זיך, האָט אָפּגעשיקט דעם קיסר, וואָס האָט איבער א ריכטיקן אינסטינקט געוואָלט בלייבן, מיטן אויסרייד, אַז אין אויסלאַנד וועט מען זיך דער-שרעקן, אויב דער קיסר וועט זיך אָפּזאָגן פון דער רייזע. פאָרן פאָרן וויל דער קיסר זיין זיכער, אַז אלץ איז גרייט. אפן זעלבן באַנק, נאָך דעם זעלבן נאָכמיטאָג, האָט ער אופגענומען דעם קריגס-מיניסטער, דעם צווייטן טאָג אין דער פרי אַ פאַרטרעטער פון שעף פון אַדמיראַל-שטאַב און צו פאַרטרעטערס פונם שעף פון גענעראַל-שטאַב און פון פלאָט-מיניסטעריום. קיין מאָל איז קיין „קרוינראַט“ ניט געוואָרן אָפּגעהאַלטן, — צום באַדויערן: וואָרום דאָרט וואָלטן די שעפן געקאָנט ארויסזאָגן זייערע ספקות קעגן דעם קיסרס פאַרלאַנגען. פאַלקנהאַינס אופנעם איז קורץ. דער קיסר לייענט אים פאָר דעם ווינער בריוו און מעמאָראַנדום, מסתמא נאָר טיילווייז, וואָרום זיי נעמען ארום 12 געדרוקטע זייטן; דער קריגס-מיניסטער פאַרצייכנט, אַז לויט זיין איינדרוק, איז ווין ניט אַנטשלאָסן צו א קריג, און איז מוסיף אין זיין בריוו

צו מאַלטקע: „הייסט דאָס, אז אייער עקסצעלענץ וועט ניט באַדאַרפן פאַרקירצן אייער אופהאַלט אין די בעדער".

אויך אף מאָרגן אינדערפרי איז דער שמועס מיט די דריי הערן אַ קורצער. דער קיסר זאָגט צו קאַפּעלע, דעם פאַרטרעטער פונם אויבער־אדמיראל: „אין גרעסערע קריגערישע סכסוכים גלויב איך ניט. דער צאַר וועט זיך ניט שטעלן אַפן צד פון די פרינץ־מערדערס. חוץ דעם זיינען רוסלאַנד און פראַנקרייך ניט צוגעגרייט. בכדי ניט צו שאַפן קיין אומרואיקייט פאַר איך אוועק, לויטן קאַנצלערס עצה, אין די צפון־לענדער. איך האָב נאָר געוואָלט אייך געבן צו וויסן מכח דער געשפּאַנטער לאַגע, בכדי איר זאָלט זיך מיישב זיין מכח דאָס איבעריקע".

בא קיינעם פון די אחריותדיקע פאַרטרעטער פון דער דייטשער ארמיי־ און פלאָט־פירונג האָט מען ניט געפרעגט קיין מיינונג. די דאָזיקע הויכע אָפיצערן באַדאַרפן נאָר צונעמען די באַפעלן פון אויבערשטן קריגס־האַר, קיין עצות פרעגט מען ניט בא זיי. דער קריגס־מיניסטער מוז אין איילעניש זיך אליין אָנשטויסן, וואָס עס זיינען די עסטרייכישע פּלענער, און האָט א טעות, וויל מען האָט אים אפילו ניט געוויזן דעם דאָקומענט, וואָס האָט באַוויזן די סכנה פון קריג. צוגלייך האָט דער קיסר א טעות איבער דעם שונא; קיין חידוש ניט: אלץ איז נאָך פאַרהוילן, נאָר אין קליינקייט איז שוין איצט געווים: די דייטשע ארמיי און פלאָט, ד. ה. דאָס לעבן פון צען מיליאָן מענטשן, זיינען פאַרמשכונט דורך דעם וואָרט פון איין קיסר דעם אנדערן, און צוויי ווינער גראַפן האָבן פון היינט אָן „פרייע האנט" איינצושטעלן דעם דאָזיקן משכון אומעטום, וואו עס וועט זיי פירן זייער נאַרישקייט אָדער זייער לייכטזין.

דערנאָך פאָרט די „האָהענצאָלרן" אָפּ. אין משך פון דריי וואָכן, ווען עס ווערט אויסגעפורעמט דער גורל פון אייראָפּע, זעט דער דייטשער קיסר נאָר וואסער און לופט און די פנימער פון זיינע הויף־לייט.

דריטער קאַפּיטל.

דער אולטימאַטום.

דעם צווייטן טאָג אינדערפרי האָבן זיך צונויפגעקליבן אַף אַ זיצונג אין ווינער אויסערן=מיניסטעריום די מיניסטאָרן פון דער מאָנאַרכיע. גראַף בערכטהאָלד האָט אופגענומען די הערן, אויסגעקליבן פאַר אַלעמען די פּלעצער און פירט עלעגאַנט דעם פאַר=זיך: זיין גרויסער מאָמענט. בײַ דער רעכטער האַנט זיצט די רייטער=פיגור פון גראַף טיסאַ מיט זיין אומבאַוועגטער מינע, בײַ דער לינקער האַנט גראַף משירגק, דער עסטרייכישער מיניסטער=פּרעזידענט, וואָס ווייס פּונקט אַזוי ווייניק ווי די געשיכטע, ווי אַזוי קומט ער צום דאָזיקן אָרט. נעבן זיינע געבּרווינטע שטריכן ווייזט זיך דער בלייכער פּוקסן=פּנים פונם פויל פאָן בילינסקי, וואָס ווייס אַלצדינג וואָס עס טוט זיך אין דער מאָנאַרכיע, און אַ ביסל צו פיל פון דעם, וואָס עס טוט זיך בײַ אירע שונאים: אפשר דער געפערלעכסטער מענטש בײַם דאָזיקן טיש. וואו פיר נאַציעס און פינף רעסאָרס האַלטן אין איין חושד זיין איינס דאָס אנדערע.

די דאָזיקע פיר דיפּלאָמאַטן, ציוויל אין גראָ, זיינען גראַד גרייט זיך צו וואַרפן אין די אָרעמס פון די דריי הערן אין גרין, וויים און גאָלד, וואָס זיצן מיט זיי בײַם טיש: דאָס איז דער ק. און ק. קריגסמיניסטער פאָן קראָבאַטין, קאָפּ פון אַ פעלדפעבל מיט באַלקאַנישע וואָנסעס, אַן אַדמיראַל=פאַרטרעטער פון פלאָט=קאָמאַנדיר, און קאָנראַד פאָן העצנדאָרף, די הויפּט=פיגור: דער מאַן, וואָס האָט אויסגעבעסערט די עסטרייכישע אַרמיי, וואָס האָט אויסגעקלערט אַ מלחמה קעגן איטאַליען, בכל אופן דער מאַן, וואָס אין אים שפּיגלט זיך דער קריגערישער שטאָלץ פון דער מאָנאַרכיע.

גראַף בערכטהאָלד האָט אַלצדינג צוגעגרייט מעשה קאַוואַלער און עפנט די דאָזיקע קריגס=זיצונג מיט די ווערטער, אַז מען באַדאַרף זיך אַן עצה האַלטן איבער די מיטלען, "וואָס דאַרפן ווערן אָנגעווענדט צו פאַריכטן די אינעווייניקסטע חסרונות אין באָסניען און הערצעגאָווינע, וואָס האָבן זיך אַנטפּלעקט אין צוזאַ=

מענהאַנג מיט דער קאַטאַסטראָפע אין סאַראַיעוואָ.״ דערנאָך לאָזט ער וויסן זיין פּלאַן „צו מאַכן סערביען איין מאָל פאַר אלע מאָל אומשעדלעך דורך איין קראַפט־באַוויז״. בערלינער מיטווירקונג „איז אָן טענות צוגעזאָגט״. באַשטימענדיקער קלאַפּ, אָפּרעכענען זיך, און די אָפענע הוראה: „איך בין מיר קלאָר דעריבער, אַז דער קריג מיט סערביען וועט זיכער אַרויסרופן א קריג מיטן רוסלאַנד״. (דעם דאָזיקן אַנטשיידנדיקן זאַץ האָט דער גראַף אין פּראָטאָקאָל מיט דער אייגענער האַנט געפעלשט צו דער ווייכערער ווענדונג: „אַז א באַוואָפנטער אַרויסטריט קעגן סערביען קאָן אפשר ברענגען צו אַ מלחמה מיט רוסלאַנד״).

גראַף טיסאַ איז קעגן: „אַף א פלוצימדיקן אָנפאַל אַף סערביען אָן אַ פריערדיקער דיפּלאָמאַטישער אקציע, ווי דאָ ווערט קענטיק געפּלאַנט, וועל איך קיין מאָל ניט מסכים זיין. מיר מוזן ניט אנדערש פאָרמולירן פאָדערונגען, האַרטע, אָבער ניט אוזעלכע, וואָס מען קאָן זיי ניט נאָכגעבן. אויב סערביען נעמט זיי אָן, האָבן מיר צו פאַרצייכענען אַ גרויסן דיפּלאָמאַטישן ניצחון. אפן באַלקאַן שטייגט אונזער פּרעסטיזש. טאָמער ניט בין איך אויך פאַר א קריגערישער אַקציע, בין אָבער מודיע שוין איצט, אַז מיר טאָרן ניט שטעלן זיך אַ ציל חרוב צו מאַכן סערביען אין גאַנצן, ווייל קעגן דעם וועט קעמפן רוסלאַנד אַף טויט און לעבן און ווייל איך ווי דער אונגאַרישער מיניסטער־פּרעזידענט וועל קיין מאָל ניט מסכים זיין, אַז די מאָנאַרכיע זאָל אַנעקסירן א טייל פון סערביען״. בכלל טויג איצט ניט קיין מלחמה, ווייל עס איז געפערלעך.

דערויף ריידן שטירגק און בילינסקי פאַרן קריג. ביידע זיינען זיך סומך אַף דעם קנאַקעדיקן באריכט פון יענעם פּאָטיאָרעק, וואָס נעמט זיך אָן די שוועריקייט אין באָסניען און הערצעגאָווינע איבערצוהאַקן מיטן שווערד. צו דער מיינונג פונם רוב שטייט אויך צו דער קריגס־מיניסטער מיט דער פונקט אַזוי נאַרישער ווי טיפּישער ווענדונג: „א דיפּלאָמאַטישער ניצחון האָט קיין ווערט ניט״. ער עצהט ניט צו זאַמען זיך, ווייל „פון מיליטערישן שטאַנדפונקט מוז איך אונטערשטרייכן, אַז עס וואָלט געווען גינם־

מיקער צו פירן דעם קריג איצט, איידער אין א שפּעטערדיקן מאָמענט... צווײ געלעגנהייטן האָט מען שוין פאַרזאַמט. שלאָגן מיר איצט ניט, וועלן די דרום=סלאַווישע פּראָווינצן דאָס אויפנעמען ווי אַ צייכן פון שוואַכקייט". גראַף שטירגק גייט נאָך אַ טראַט ווייטער: „עס וואָלט געווען געוואונטשן אַראָפּצוזעצן די דינאַסטיע אין בעלגראַד און איבערגעבן די קרוין אַן אייראָפּייאישן פירשט".

גראַף טיסאַ ווערט שטייפער בײַ זיך, ווי ער זעט, אַז ער איז איינער. בשעת אַלע מיניסטאָרן זײַנען דווקא דערפאַר, מען זאָל שטעלן פאָדערונגען ניט אָנצונעמען, נעמט אונגאַרן סטראַשען: „איך בין די הערן אַנטקעגן געקומען דערין, אַז די פאָדערונגען זאָלן זײַן זייער האַרטע. ווען מען דערקענט אָבער קלאָר אונזער כוונה צו שטעלן פאָדערונגען ניט אָנצונעמען, פאַרלירן מיר דעם רעכטלעכן באַזיס אַף צו דערקלערן קריג. ווערט מײַן שטאַנדפּונקט ניט אָפּגעהיט אין דער נאָטע, וועל איך ציען די קאָנסעקווענצן!" דערנאָך ווענדט ער זיך קעגן בילינסקי און וואַרפט אים אויף, אַז ער טראָגט אויך די אחריות פאַרן אַטנטאַט אין סאַראַיעוואָ.

איצטער נעמען די מיליטערלײַט דאָס וואָרט. דער קריגסמיניסטער דערקלערט, אַז מען קאָן פירן אַ קריג אַף דרײַ פראָנטן, מען שטעלט צונויף די פאַרהעלטעניש פון די כחות, מען מאָלט זיך, ווי „אַ שטייגער קאָן אַן אייראָפּייאישער קריג זיך פאַרלויפן". קווינקלענדיק גייט מען זיך פאַנאַנדער.

וועט טיסאַס פעסטקייט פאַרהאַלטן די קאַטאַסטראָפע?

*

דער דײַטשער אַמבאַסאַדאָר אין ווין, פאָן טשירשקי=בײַגנדאָרף, איז געווען אַ פּקח און שטאַרק אָפּגעהיט, בכלל פײַן געבילדעט און ניט זייער אָוממאָדערן, פריער מיניסטער. האָט ער זיך געהאַט אַראָפּגעלאָזט מיט אַ שטאַפּל, איז געשטאַנען שטאַרק פאַרן כבוד פון זײַן פּאָסטן, מער ווי פאַר זײַן אייגענעם, איז ניט געווען קיין בעל=גאווה און אָנגענומען בײַ מענטשן.

ברוגז איז ער געווען נאָר אָפן הויף פון פעטערבורג. בכלל צו שטייף פאר דער רוסישער געזעלשאפט, האָט מיט אים נאָך געטראָפן אַזאַ סיבה: אַף א הויף־באַל האָט אַ גרויס־פירשט ארויסגעכאפט בא אים פון אונטער דער נאָז די דאַמע, וואָס ער האָט באַדאַרפט פירן צום טיש. ער האָט זיך באַקלאָגט; מען האָט זיך אַנטשולדיקט. ער איז אריבערגעזעצט געוואָרן, קיין מאל פאַרגעסט ער דאָס ניט. ער איז חושד דערין פּאָליטיק: אַ פיינט־לעכע שטימונג קעגן דייטשלאַנד. דערפאר זיינען, אגב, פאַראַן נאָך אַנדערע סימנים.

פונדעסטוועגן איז די ערשטע זאַך, וואָס ער האָט געטאָן אין דאָזיקן קריזיס, געווען צו וואָרענען פאר איבעראייליטע טריט. „דערנאָך מוז מען... זיך באַטראַכטן, אַז עסטרייך־אונגאַרן איז ניט אַליין אין דער וועלט, אַז עס איז... אַ חוב אַריינצונעמען אין חשבון די אַלגעמיינע לאַגע אין אייראָפּע". פאַר אָט די קלוגע געדאַנקען האָט ער דאָס געקראָגן דעם פּאַטש אין פּנים אין דער געשטאַלט פון דעם קיסרס אָנמערקונג צו זיין באַריכט; דערצו איז געקומען די אַלטע שנאה קעגן פּעטערבורג. דער אַמבאַסאַ־דאָר וואָלט גלייכער באַדאַרפט זיך אָפּזאָגן פון זיין פּאָסטן, איידער צו שפּילן דעם שטאַרקן מאַן לויטן באַפעל פון בערלין; איז ער אָבער געבליבן און האָט אומגעביטן זיין מיינונג.

ער לאָזט זיך מעלדן באַ בערכטהאָלדן און דערקלערט: „אין שליחות פון מיין קייזערלעכן האַר, אַז אין בערלין וואַרט מען אַף אן אקציע מצד דער מאָנאַרכיע קעגן סערביען און מען וועט אין דייטשלאַנד דאָס ניט פאַרשטיין". אויב ווין וועט איצט ניט באַווייזן קיין מעשים.

תיכף שרייבט בערכטהאלד אַוועק די דאָזיקע טייערע ווער־טער צו זיין שונא צו טיסאַ. יענער אָבער בלייבט נאָך אַלץ פעסט. פאַרקערט ער שרייבט אָן צום קיסר א בריוו, וואו ער דערקלערט דייטלעך זיין שטאַנדפונקט.

נאָר דער קיסר איז אַלט 84 יאָר, און די הויפיש עלעגאַנ־טע באַריידעוודיקייט בערכטהאלדס האָט געווירקט שטאַרקער ווי דער בריוו טיסאָס פון דער ווייטנס. בעת טיסאַ האָט אין בודאַ־

פּעשט מיטן אַלגעמיינעם הסכם פון די אונגאַרישע מיניסטאָרן פאַרגעטראָגן זיין שלום־פּאָליטיק, האָט פראַנץ יאָזעף באַשטעטיקט דעם קריגס־פּלאַן פון זיין אויסערן־מיניסטער.

אַז טיסאַ איז אין אַ וואָך אַרום אַנגעקומען קיין ווין, איז ער געווען פּלוצים אומגעביטן. וואָס האָט אַזוי שטאַרק געווירקט אַף זיין נשמה, אַף זיין מוח? אפשר האָט ער, איבער אַ יאָר צו געווינען דורכן קריג אין די וואַלן, וואָס דרויען דעם בודאַפּעשטער אָליגאַרך, ניט געקוקט אַף די מיליאָנען קרוינען, וואָס ווערן אויסגעגעבן אונטערצוקויפן די ווילערס? אפשר האָבן אים גערירט די בקשות פון זיינע קרובים, די פעאָדאַלע אַגראַריער, וואָס האָבן געוואָלט אויסנוצן דעם מאָרד פון זייער יורש עצר פאַר אַן אויסרייד צו זייער באַזונדערן קאַמף קעגן סערבישן חזיר? אויך האָט אים פּערזענלעכע קנאה־שנאה געשטערט אָנצופּרעגן זיך בא דער אָפּאָזיציע אין אָט דעם קריטישן מאָמענט, זאָל זיין אפילו בסוד.

געוויס איז, אַז ער האָט געהאַט בינתים געלייענט אַ דרויענדיקן דאָקומענט: אַ ווענדונג פונם גענעראַל־שטאַב צום אויסערן־מיניסטער מיט דער התראה, אַז „בא דעם דיפּלאָמאַטישן וועג מוז אַלץ אויסגעמיטן ווערן, וואָס קאָן דורך פאַרשלעפּן אָדער דורך פאַנאַנדערטיילן די דיפּלאָמאַטישע אַקציע לאָזן די קעגנער צייט זיך מיליטעריש צוצוגרייטן. אויב דער באַשלוס צו אַ דעמאַרש איז פעסט, מוז דאָס, נעמענדיק אין באַטראַכט די מיליטערישע אינטערעסן, געשען אין איין איינציקן אַקט מיט אַ קורץ־טערמיניקן אולטימאַטום".

מען מערקט די כוונה און מען בייט די מיינונג. מען הערט דעם סטראַשענדיקן טאָן פון דעם גענעראַל אַנטקעגן דעם דיפּלאָמאַט, וואָס האָט דעם דאָזיקן טאָן זיך באַשטעלט, בכדי איינצונעמען דעם אונגאַר. דער דאָזיקער בריוו איז באַשיימפּערלעך אַ פּועל־יוצא פון בסודותדיקע שמועסן, ער איז אַזוי האַסטיק אָנגעשריבן, אַז מען האָט פאַרגעסן אפילו די דאַטע און ערשט אין יאָרן אַרום ווערט זי געשטעלט על פּי השערה. אין משך פון פערצן טעג הערט טיסאַ אַלץ איינע און די זעלביקע פראַזעס:

פרעסטיזש, קראפט=באווייז, סימן פון שוואכקייט, מאַכן אן עק, אַקציע; דערצו כסדר טרומייטערייען פון בערלין, און בערכטהאָלדס טענות, אַז די שטאַרקסטע אַרמיי אין אייראָפּע איז אף אונזער צד. און בערלין האָט געלאָזן „פרייע האנט"; און צום סוף די בפירושע סטראשונקעס פון די הויכע מיליטער לייט: פאר די רעזולטאטן פונם אפלייגן וועסטו ענטפערן! ער האט ניט באדארפט זיין קיין אפיצער, ער האט געמוזט זיין אן איבערצייגטער פאַציפיסט, ניט לעבן אין קרייז פון פעאָדאַלע האַרן בכדי צו קאנען בײַשטיין דעם דאָזיקן ניסיון!

אזוי איז באַצוואונגען געוואָרן דורך סוגעסטיע דער לעצטער אינעווייניקסטער שונא פון די קריגס=גראפן. טיסא קומט צו גיין צום דייטשן אַמבאַסאַדאָר און איז מודיע, אַז ער איז מסכים אפן אולטימאַטום. אַפן צווייטן טאג גיט ער אפ אין בודאפעשטער פאַרלאמענט א דעקלערונג, אַזוי צווידייטיק, אז אפילו דער „טאַן" אין פאַריז לויבט זיין איינגעהאלטנקייט.

דערפאַר אָבער ווערט אין ווין, וואו קיין פארלאַמענט האָט ניט געשטערט די קרייזן פון די קריגס=העצערס, די עפנטלעכע מיינונג אופגערייצט. א גרויסער טייל פון דער פרעסע צערייסט זיך שרייענדיק אף סערביען, „די דאָזיקע באנדע פון גזלנים און רוצחים", די „שאף=גנבים", „דאָס לייזיקע פאלק". דער געשריי ווערט צו מיטן חודש גרעסער ווי אין אנהייב, און היות ווי די בעלגראַדער בלעטער שווייגן ניט, שטייט אוף די פראגע, ווער האָט דאָס אָנגעהייבן. ניט דא און ניט ערגעץ אַנדערש קאן זי געפינען אן ענטפער: עס איז די דעלפישע גורל=פראגע פון קריג, און איטלעכער ענטפער פאַסט און קיינער באַפרידיקט ניט.

די גראפן טוען זיך זייער אַרבעט אין טיפסטן סוד, אַזוי אַז אפילו דער סערבישער אמבאַסאַדאָר אין ווין קאן כסדר נאר מעלדן, אז עפעס וואס קומט, אבער ניט וואָס עס קומט. אויך האָט העצנדארף אין זיין בריוו געעצהט „אויסצומיידן אלצדינג, וואס וואלט געקאָנט אופרודערן די פיינט פאר דער צייט; פארקערט, מען מוז דורכאויס אין יעדן פרט מאַכן דעם אנשטעל פון

שלום, מעלדן די פאָרשטעלונג פון היינט אָף מאָרגן און תיכּף שפּילן: דאָס האָט מען געהאַלטן פאַר א חריפות.

— האָט איר עפּעס געהערט? פרעגן די פרעמדע דיפּלאָמאַטן אײנער דעם אַנדערן, ווען זיי באַגעגענען זיך אין קאַפע, און הגם זיי הערן גאָרנישט, ווערן זיי דאָך געוואר פאַרשיידענע זאַכן; זיי שמועסן זיך אָן, קאָמבינירן, קריטיקירן.

— איך פאַרזיכער אייך, עקסעלענץ, ווייסן ווייס נאָר אײנער, דאָס איז מטירשקי, און ער זאָגט גאָרנישט.

— שטירגק זאָל אויסזען צעטראָגן?

— איך האָב באַגעגנט ברודערמאַן האָט ער געשיינט.

— שעבעקאָ האָט אָפן דערקלערט, ער שטעלט זיך איין פאַר סערביען, טאָמער ווערט עפּעס פּאַסירן.

— איך מיין, שעבעקא גייט מאָרגן אין אורלאָפּ? אויב אַזוי, איז ער מסתמא רואיק?

— דימען שמייכלט נאָר.

— דימען שמייכלט שטענדיק.

יאָ, מטירשקי שווייגט פון אַלץ, ווייל ער ווייס ניט פיל, וואָרום אויך פאַר בערלין באַהאַלטן די גראַפן זייער סוד. ווי גוט, וואָס די דייטשן האָבן אָף א העפלעכער אַלגעמיינער פראַגע, וואָס קלערט מען מכח דעם אולטימאַטום, געענטפערט מיט א בריטן זשעסט: דאָס איז אין גאַנצן דער עסק פון עסטרייך! פון וואַנען זאָלן זיי נעמען צייט און אינטערעס פאַר אַזעלכע זאַכן, אויב אין בערלינער מיניסטעריום איז מען פאַרנומען מיט גאָר אַן אַנדער פּראָבלעם: צי זאָל מען טעלעגראַפירן דעם קעניג פון סערביען צום מאָרגעדיקן געבורטס-טאָג אָדער ניט? דער אולטימאַטום? אַן עסק פאַר עסטרייך!

נאָך אַלעמען לאָזט מען ווייסן אין בערלין, אַז מען וועט פאָדערן אין בעלגראַד א מאַניפעסט פון קעניג פעטער קעגן דער גרויססערבישער באַוועגונג, אַן אויספאַרשונג איבער די גייסטיקע אויפטוער מיטן אַנטייל פון עסטרייך, באַשטראָפונג פון אַלע קאָמפּראָמעטירטע דורך אָפּזאָגן זיי פון די שטעלעס. די דאָזיקע דריי פאָדערונגען, ניט פאָרמולירט, האָבן געוואוסט עלף ביז פינף טעג

פאַרן אולטימאַטום בעטמאַן אין זיין הויף, יאַגאָוו אין בערלין, טירפּיץ אין מאַרסאָפּ, דער קיסר אפן ים. נאָר קיינער פרעגט קיין שאלות ניט, קיינער פאָדערט ניט קיין דערקלערונגען, פאַרלאַנגט ניט דעם טעקסט.

אדרבא דער עסטרייכישער אַמבאַסאַדאָר מעלדעט פון בערלין קיין ווין: „דער קיסר און אלע פירנדיקע דייטשע קרייזן לאָזן בפירוש אופמונטערן דעם ווינער קאַבינעט, ארויסצוטרעטן קעגן סערביען צום ענערגישסטן און מאַכן א סוף איין מאל פאַר אלעמאָל מיטן דאָרטיקן רעוואָלוציאָנערן פאַרשווערער-נעסט און לאָזן איבער אין גאַנצען דער מאָנאַרכיע, וואָסערע מיטלען זי וויל אויסקלייבן; מען קאָן כמעט זאָגן: זיי שטופּן די מאָנאַרכיע". בערכטהאָלד פאַרזיכערט, „אַז פון א קווינקלען אדער ניט פעסטזיין קאָן גאָר קיין רייד ניט זיין". איבעריקנס, וועט די ענדגילטיקע פאַרמולירונג צוגעשטעלט ווערן דער דייטשער רעגירונג.

אָבער אף דער ווינער קריגס-לוסט פאַלן פריע שאָטנס: וואָס וועט זיין, ווען די דאָזיקע סערבישע באַנדיטן וועלן אונז אָנטאָן דעם צו-להכעיס און אָננעמען אַלץ? „דעמאָלט וועט זיך אַרויסווייזן", שרייבט דער בייערישער אַמבאַסאַדאָר אהיים, „צי דער ווילן צו צעטיילן סערביען איז פעסט און שטאַרק. מען זאָל אָבער גאָר ניט לאָזן, עס זאָל קומען צום צווייטן באַשלוס, און זיי שרייבן די נאָטע אזוי, אַז מען זאָל זי ניט קאָנען אננעמען... מען מיינט, אַז אויב רוסלאַנד וועט ניט צולאָזן די לאָקאַליזירונג, איז דער איצטיקער מאָמענט גינסטיקער זיך אָפּצורעכענען, ווי איטליכער שפּעטערדיקער".

זעלבסטמאָרד פון שרעק פאַרן טויט, האָט געזאָגט ביסמאַרק.

*

אזעלכע ידיעות האבן דערוועקט אומרו אין בערלינער קאַבינעט. אָן אינטעליגענטער מענטש איז ווידער אף זיין פּאָסטן, היות ווי ער איז לחלוטין ניט קיין ראָמאַנטיקער, איז ער, קענטיק, נוטה צו ווערן א ציניקער. הער פאָן יאַגאָוו איז געוואָרן

מיניסטער, א גאַנץ קליין געוואַקסענער מענטש מיט די האַרטע שטריכן פֿון א ספּעציאַליסט, א נאַטור אָן אילוזיעס, אָבער אויך אָן א סך פֿאַראורטיילן, א רעאַליסט, פֿאָרזיכטיק, א מענטשנקענער.

ער זעט באַלד איין די סכנה, וואָס עס שטעקט אין דעם קיסרס בלאַנקאָ-פֿולמאַכט, און זאָגט אין יענע טעג צו קרופּ פֿאָן באָלען: „איך וואָלט קיין מאָל אַזוי ניט געטאָן. היות אָבער ווי דער קיסר האָט פֿון לכתחילה באַשטימט זיין האַלטונג, איז שוין איצט קיין טריט קעגן אים ניט מעגלעך". אַ קלאַסישע פֿאָרמולירונג פֿון דער הויפּט-פֿראַגע; דאָ הערט מען סוף כּל סוף א סקעפּטישע שטים פֿון א דייטשן מיניסטער. אָבער אויך דער האָט ניט דעם מוט צו זאָגן: האַר, איך קאָן אייך מער ניט דינען, נאָר ער נעמט אויף זיך די גאַנצע ירושה פֿון פֿינפֿטן יולי, וואָס דעמאָלט האָט דער מאָנאַרך אָנגעצייכנט דעם קאַנצלער זיין פּאָליטיק.

נאָר יאַגאָוו האָט איינפֿאַלן. ער בעט באַלינען, דעם דירעקטאָר פֿון דער האַמבורג-אַמעריקע-ליניע, ער זאָל וואָרענען דעם ענגלישן אַמבאַסאַדאָר. ער זאָל שטאַרקן אין ענגלישן קאַבינעט דעם ווידערשטאַנד קעגן א פּלאַט-אָפּמאַך מיט רוסלאַנד, וואָס האָט באַדאַרפֿט אָפּגעשלאָסן ווערן. אין דער הויפּט-פֿראַגע רעדט ער ווי די איבעריקע. די שטימונג פֿון דייטשן מיניסטעריום האָרט פֿאַר דער נאָמע שילדערט דער בייערישער אַמבאַסאַדאָר:

„אויב זיי וועלן שטאַרק און מיט הצלחה אַרויסטרעטן קעגן סערביען, וועלן די עסטרייכער און אונגאַרן זיך ווידער שפּירן ווי אַ מלוכה-מאַכט... מחמת דעם האָט מען דאָ אָן שהיות דערקלערט, אז מיר זיינען מסכים צו יעדער אַרויסטריט, וואָס מען וועט דאָרט באַשליסן, אפילו אויב עס זאָל קומען צו א קריג מיט רוסלאַנד... אין ווין האָט מען וויזט אויס, זיך ניט געריכט אַז דייטשלאַנד וועט אַזוי גרינג מסכים זיין, און עס האָט דעם פּנים, ווי מען וואָלט אין ווין ניט זיין שטאַרק צופֿרידן, וואָס דייטשלאַנד האָט ניט אָפּגעהאַלטן און געוועקט צו פֿאָרזיכט...

בכדי צו לאקאליזירן דעם קריג, וועט די דייטשע רעגירונג, תיכף ווי די עסטרייכישע נאטע וועט ווערן איבערגעגעבן אין בעלגראד, אנהייבן א דיפלאמאטישע אקציע בא די גרויסע מלוכות. זי וועט טענען, אז היות ווי דער קיסר איז אוועקגעפארן און דער שעף פון גרויסן גענעראל-שטאב און דער פרייסישער קריגס-מיניסטער זיינען אין אורלאפ, איז די אקציע פון עסטרייך פונקט אזוי אומגעריכט פאר דייטשלאנד ווי פאר די איבעריקע מלוכות...

„א מאביליזאציע פון דער דייטשער ארמיי וועט ניט פארקומען, און מען וויל אויך ווירקן אף עסטרייך, זי זאל ניט מאביליזירן די גאנצע ארמיי, בפרט ניט די טיילן, וואס שטייען אין גאליציען, בכדי ניט ארויסצורופן אווטאמאטיש די מאביליזאציע פון רוסלאנד, וואס וועט אונז אויך צווינגען דערצו, און דערנאך פראנקרייך, און דערמיט ארויסרופן די אייראפייאישע מלחמה... קומט עס אבער דערצו, וועלן מיר האבן אונזערע ענגלישע שוועסטערקינדער, אזוי האלטן דא אלע, אפן צד פון אונזערע קעגנער...“ און נאכדעם ווי אלע מלוכות פון אייראפע קריגן איינגעטיילט זייערע ראלעס, ענדיקט דער דאזיקער בריוו פון א דיפלאמאט ערב דער וועלט-מלחמה מיט א פאריזער הלצה-ווערטל.

אזוי שווימט די מלוכה-שיף, ווי א שמאל זומער-שיפל אראפ טייך, און קיינער האט קיין חשק ניט צו נעמען זיך פארן רודער. קיין איין דייטשער דיפלאמאט וויל ניט קיין אייראפייאישן קריג, אין דער אמתן האפן אלע, אז עס וועט אראפ שטיל. ווארום, אזוי שטייט אין באריכט: „עסטרייך-אונגארן איז א דאנק איר שוואכקייט און קווינקלעניש געווארן בעצם דער קראנקער מאן אין אייראפע; מען איז דעריבער מסופק, צי מען וועט זיך איין ווין אננעמען מיט כח“. אזוי איז מען אין איין מלוכה מסופק, צי די צווייטע איז גרייט צו טאן, די צווייטע ווידער איז איבערגעשראקן, ווען זי זעט, אז די ערשטע מונטערט זי אוף צו מעשים; ביידע וואלטן וועלן, אז די אנדערע זאל איר שטערן, און אז די אחריות פארן ניט-טאן זאל פאלן אף דער אנדערער. היות ווי קיינע גלויבט ניט אין גאנצן אין די אייגענע באשלוסן,

פאַרלאָזט מען זיך אין גאַנצן אַף דער אַנדערער, און מען האָפט, אַז די אומצופרידנקייט פון די קעגנער וועט שוין העלפן בײדן.

אַמאָל כאַפּט זיך יאַגאָוו אוף און דערוועגט זיך צו פרעגן אַ שאלה. באַשיידן פרעגט ער זיך אָן אין ווין: „וואָס זײנען די אידייען פון די עסטרייכיש־אונגאַרישע מלוכה־מענער מכּח דעם, ווי אַזוי סערביען באַדאַרף אויסזען להבא... עס וואָלט פאַר אונז געווען כּדאי צו וויסן לערך, וואו אַהין דער וועג באַדאַרף פירן".

נאָר די קלוגע ווינער האָבן ניט קײן חשק צו באַווײזן זײערע גוטע פרײנט שוואַרץ אַף ווײס זײערע גוואַלדיקע פּלענער, אײדער מען קאָן שוין ניט גײן צוריק. פאַרציען דעם ענטפער פאַר דער דײטשער אַמבאַסאַדע, זאָגן צו כּסדר אַף מאָרגן תשובה. פיר מאָל מוז דער באַראָן, וואָס דער מיניסטעריום האַלט בײַ זיך צו שרײַבן זײַנע אולטימאַטומס און ענלעכע מעלדונגען, איבער־שרײַבן די נאָטע, אײדער דער מיניסטאָרן־ראַט דערקענט זי פאַר גוט. דערבײַ שטויסט מען זיך ווידער צונויף מיט טיסאַ, וואָס האָט שוין לכתחילה געוואָלט פאַרוואָרענען זײַן אונגאַרן אַנטקעגן עסטרײַך דורך דעם, וואָס מען זאָל שוין איצט דערקלערן, אַז מען זאָגט זיך אָפּ פון אַנעקסיעס. ווארום אַז בערכטהאָלד לאָזט וויסן, אַז ער האָט בּדעה די שכנישע מלוכות צום גרעסטן רוב צו צעטײלן, שטעלט טיסאַ ווידער אַרויס זײַן אולטימאַטום. גראַף שטירגק קערט זיך ווידער אום צו זײַן פאַרלאַנג: אַראָפּצוזעצן די סערבישע דינאַסטיע: דער גראַף איז קענטיק בּרוגז אַף דער דאָ־זיקער משפחה. צום סוף גײט מען זיך צונויף אַף דעם תנאי, אַז מען וועט העכסטנס צונעמען עטלעכע סטראַטעגישע פּונקטן.

בכן, גראַף בערכטהאָלד, וויל דער פײַנטלעכער גומער ברודער אַרויסכאַפּן בײַ אײַך די בעסטע שטיקער פון גרויסן רויב, וואָס צוליב אים שטערט איר די רו פון אײראָפּע, נאָך אײדער די ביקסן האָבן ערגעץ געשאָסן? נאָר דער מיניסטער שמײכלט...

*

די נאָטע ווערט סוף כּל סוף פאַרטיק. זי איז זײער לאַנג.

זי פֿאָדערט קודם כּל פֿון סערבּישן קעניג אַ דערקלערונג, וואָס
זאָל שענדן יעטווידע גרויס=סערבּישע אַגיטאַציע; די דאָזיקע דער=
קלערונג באַדאַרף תיכּף אָפּגעדרוקט ווערן לויט אַן אָנגעוויזענעם
טעקסט אין דעם אָפֿיציעלן מלוכה=אָרגאַן, אַזוי ווי אַ באַליידיקטער
קריגט צוגעמשפּט, מען זאָל דעם פּסק פֿאַרעפֿנטלעכן אין צייטונג.
דערנאָך גייען צען פֿאָדערונגען. דערפֿון זיינען פֿינף געווענדט
קעגן דער אַגיטאַציע: דערשטיקן איטלעכע פּראָפּאַגאַנדע אין דער
פּרעסע און אין פֿאַראיינען, פֿאַנאַנדערלאָזן די „נאַראָדנאַ", קאָנ=
טראָלירן דעם לימוד אין די שולן, אָפּזאָגן פֿון דינסט אַלע
קאָמפּראָמעטירטע אָפֿיצערן און באַאַמטע, וואָס זייערע נעמען וועט
באַשטימען ווין, מיטאַרבעט פֿון דער ק. און ק. רעגירונג בײַ דער
אויספֿאָרשונג. עס איז, בכן, מעגלעך אַן אַלגעמיינע פּראָסקריפּציע.
דערנאָך גייען פּונקטן איבער דעם אַטענטאַט, אויספֿאָרשונג מיט
אָנטייל פֿון עסטרײַכישע באַאַמטע.

דאָס זיינען די הויפּט=פּונקטן פֿון אולטימאַטום. די לעצטע
פֿאַרשאַרפֿונגען האָט גראַף פֿאָרגאַטש נאָך מוסיף געווען מיט אַ
בלייפֿען קורץ פֿאַרן אָפּשיקן, דאָ ווערן מלוכה=אַנשטאַלטן, מיינונ=
גען, געפֿילן אָן טענות געשטעלט פֿאַר אַ פּאַרטייאישן משפּט,
און געגעבן נאָר אַכט און פֿערציק שעה צייט אָנצונעמען ווי עס
שטייט און גייט. זיי האָבן באַדאַרפֿט איבערגעגעבן ווערן אין בעל=
גראַד אַזוי, אַז ווען מען וועט זיי מעלדן אין פּעטערבורג, זאָל
דעמאָלט דער פֿראַנצויזישער פּרעזידענט, וואָס געפֿינט זיך דאָרט
איצט אויף באַזוך, שוין זיין אַוועקגעפֿאָרן; די שעהן ווערן אויס=
גערעכנט. אין לעצטן מאָמענט ווערט יאַגאָוו געוואָר, אַז פּואַנקאַ=
רעס פֿאַרלאָזט פּעטערבורג ערשט אין אָוונט, און ניט בײַ טאָג,
בכן הייסט בערכטהאָלד איבערגעבן די נאָטע מיט אַ שעה
שפּעטער. אַזוי אַרבעטן ביידע האַנט בײַ האַנט, דער דייטש זאָרגט
פֿאַר דער צייט, ווען עס דאַרף איבערגעגעבן ווערן אַ נאָטע,
וואָס ער ווייס זי ניט, אָבער וואָס ער איז פֿאַר איר ערב. ביידע
פֿאַראייניקט דער עכט מלוכה=מענערישער געדאַנק, אַז דער
פֿראַנצויז און דער רוס טאָרן דעריבער קיין שמועס ניט פֿירן,
אַז דער פֿראַנצויז מוז קריגן די ידיעה, ווען ער וועט זיין ווייט

אין ים ארויס. דער גראף בערכטהאָלד וויל מיט זיין נאָטע מאכן א סורפריז. ער ווייס, אַז דער דאָזיקער פיינקוכן, זיין מייסטער־שטיק, באַטייט אַן אולטימאטום צו אייראָפּע. אויך זיין אלטער קיסר זעט קלאָר: יענער זאָגט, אַז ער באַקענט זיך מיטן אולטי־מאַטום, צו בילינסקען: „רוסלאנד קאָן דאָס ניט אָננעמען אזוי... מען טאָר זיך דעריבער ניט נאַרן: עס ווערט אַ גרויסער קריג!"

דאָנערשטיק אין אָוונט האָבן עס באַדאַרפט לייענען די סערבן, נאָכדעם ווי כמעט פיר וואָכן האָט מען זיך געסודעט, אַזוי אז ביידע לענדער זיינען געוואָרן נערוועז און זייער פרעסע ווילד. מיט צוויי טעג פריער האָט דער דייטשער אַמבאַסאַדאָר אין ווין סוף כל סוף דעם דאָקומענט אין זיינע הענט. ווערט ער ניט דערשראָקן? לויפט ער ניט צום טעלעפאָן, גיט אָפּ זיין מיניסטעריום אַ געניועם באריכט און פארלאנגט די פולמאכט ניט צו דערלאָזן, אַז די נאָטע זאָל אָפּגעשיקט ווערן אין דער פאָרם?

ער שיקט זי אפילו ניט איבער דורכן טעלעגראף, זי איז מיט אַן אמת צו לאַנג צום שיפרירן. מאָרגן וועט דאָך דער עסטרייכער זי איבערגעבן און מען וואָלט דורך אַ דאָקומענט, וואָס אלע וועלן לייענען, „קאָמפּראָמעטירן דעם שיפר".

אזוי גייען אוועק אומזיסט די אנטשיידנדיקע 24 שעה.

ערשט דעם צווייטן נאָכמיטאָג ברענגט דער אַלטער גראף אין בערלין, וואָס זיין שעף האָט אים באַשיימפערלעך געהייסן פארציען די זאַך ביזן לעצטן מאָמענט, דעם פּאַפּיר צום דייטשן מיניסטער. איצט לייענט יאַגאָוו, וואָס האָט אף זיין בלאַנקאָ־וועקסל געוואוסט די ציפער דריי, אָבער ניט די צאָל נולן, וואָס מען וועט צו איר צושטעפן, דעם גאנצן אַקצעפּט, וואָס פאר אים האָט דער קיסר מיט צוויי וואָכן צוריק בלינד, אָן זיך מיישב צו זיין ערב געווען. ער דערשרעקט זיך און זאָגט: „דאָס איז אָבער היפּש שאַרף!" דערויף ענטפערט דער אַלטער גראף די קלאַסישע ווערטער: „יאָ, מען קאָן מער גאָרנישט מאַכן! מאָרגן אינדערפרי יוערט דאָס אזוי איבערגעגעבן אין בעלגראַד".

— דאָ קאָן מען גאָרנישט מאַכן, אַזוי קלערט יאַגאָוו, אַזוי קלערט בעטמאַן, וואָס אַפילו דער ווינער פּעפּער האָט אים ניט געעפנט די מויל. באַמערקן זיי ניט, אַז דער אַלטער אונגאַר נאַרט זיי אָפּ אַפילו איבער דער שעה. ווען זי ווערט דערלאַנגט? און אויב ער האָט נאָר א טעות, טאָ פאַר וואָס מישן זיי זיך ניט אריין היינט אין אָוונט? אמת, דעם קיסר וואָלט מען אָפּ זיין שיף אזוי גיך ניט געקאָנט דערלאַנגען; אָבער זיי וואָלטן אין אַ האלבער שעה צייט געקאָנט ריידן מיט ווין, און ווין אין צוויי שעה צייט מיט איר בעלגראדער אַמבאַסאַדאָר. בעטמאַן, יאַגאָוו, צימערמאַן דערקלערן, אמת, אַלע, אַז די נאָטע איז „פון אַלע זייטן צו שאַרף"; אָבער קיינעם פאלט ניט איין איבערצואַנדערשן דעם צירקולאר צו די דייטשע אַמבאַסאַדאָרן, וואָס איז טעלעגראַפירט געוועז נעכטן און היינט קיין פּעטערבורג, פּאריז און לאָנדאָן, וואָס האָט געדאַרפט דינען איבערמאָרגן פאר אַן אָנווייז באם פירן אונטערהאנדלונגען מיט די קאַבינעטן. אין דעם דאָזיקן צירקולאר שטייט געזאָגט, אַז דייטשלאַנד האַלט, אַז די נאָטע פון זיין פארבינדעטן איז „גערעכט און געמעסיקט": אַזוי האָט מען געשריבן, איידער מען האָט די נאָטע געקענט. איצט לאָזן די הערן זייער אומבאַדינגטע הסכמה צום אולטימאַטום אָפיציעל באַשטיין פאר אייראָפּע: מען שטעלט זיך איין פאר עסטרייך, הגם אליין האַלט מען, אַז די נאָטע איז ניט גערעכט.

אָבער אַז עמיצער האָט אין די נאָענטסטע טעג גערעדט מיטן גראַף בערכטהאָלד מכּח דער סכּנה פון זיין אולטימאַטום, האָט ער א מאך געטאָן גרינג מיט די מאַניקירטע פינגער דורך דער לופט. א שאָקל געטאָן מיטן עטוואָס איינגעמידטן קאָפּ און העפלעך פאריכט: „פּארדאָן, עקסעלענץ, דאָס איז ניט קיין אולטימאַטום, דאָס איז א דעמאַרש מיט א טערמין".

פערטער קאַפּיטל.

די איבערשראַקענע.

אין דער הארטער בעט פון אן אכּסניה אין אַ סערבישן העק ליגט א גראָהאָריקער מענטש מיט אַ דרייסטן פּנים; טונקל,

פול מיט קנײטשן, געטרײסלט פון לעבן, אָבער ניט אומצובריינגען. אָקאָרשט האָט ער פאַרענדיקט זײַן װער־װײס־װיפילטע װאַלרעדע, באַגלײט פון זשװויאָ־רופן פון זײַנע פּאַרטײ־חברים, איז געקומען צוריק, מאָרגן אינדערפרי פאָרט ער װײַטער, ער איז מיד פון היץ און שטויב, פון פראַזעס און צװישן־רופן, פונדעסטװעגן קאָן ער ניט אָפּלאָזן. דאָס איז פּאַשיטש, דער סערבישער מיניסטער־פּרעזידענט.

— איצט מוז עס קומען, טראַכט ער און קוקט אף דער װאַנט. מער װי אַ פּאָר טעג קאָן דאָס מער ניט געדױערן, און גראָד איצט די פאַרשאָלטענע װאַל־נסיעה! די דאָרטן, אין װין, זײ האָבן דאָס באַקװעמער. דער קיסר באַשטימט, אַ פּאַלאַץ שטײט גרײט, אפשר אויך אַ זומער־רעזידענץ, און כל זמן דער אַלהעכסטער האַר איז צופרידן, שפּיגלט זיך דער מיניסטער אין זײַן גענאָד. אונזער אײנער מוז כסדר אנקומען צום פאָלק; װי יענער רוימער, װאָס איך האָב אים אַמאָל געזען אין שעקספּירס טראַגעדיע, פאַרגעסן װי ער הײסט. דעמאָלט אין ציריך אַלס אינזשענער.

— דרײַסיק יאָר ראַדיקאַלער פירער און נאָך אַלץ װאַלרעדעס! איז מען ניט אין עצם געװען פרײער װי אַ יונגער עמיגראַנט אין בולגאַריען, אין דער שװײץ, פאַרמשפּט צום טויט, אָבער ניט געשעדיקט? צי רוסלאַנד װעט דאָס מאָל האַלטן װאָרט? מיר האָט דער צאַר דערױף די האַנט געגעבן: „זאָגט אײער קעניג, פאַר סערביען װעלן מיר אַלץ טאָן!“ אָבער װאָס װײס ער נעבעך פון פּאָליטיק! איזװאָלסקי איז אַװעק, האַרטװיג טויט, סאַזאָנאָװ ניט זיכער.

און צװישן שלאָף און װאָך גײען פאַר אים פאַרבײַ די געשעענישן פון דער לעצטער צײַט, װאָס ער האָט הונדערט מאָל װעגן זײ געטראַכט און לױט זײ געבױט זײַנע פּלענער. מעגלעך אַז ער טראַכט װעגן ביסמאַרק: צי האָט יענער ניט באַדאַרפט האָבן דרײַ מלחמות, בכדי צו פאַראײניקן די שבטים פון זײַן ראַסע? ער, פּאַשיטש, האָט אָקאָרשט געהאַט פאַרענדיקט צװײ

מלחמות, זיין לאַנד איז געוואָרן כמעט אין צווייען די גרויס, די אַלטע שונאים, די בולגאַרן און טערקן, זיינען געווען צעקלאַפּט. אויב ער וואלט מיט רוסלאַנדס הילף געקאָנט זיך צוכאַפּן צו דער צעטרייסלטער מאָנאַרכיע, דעמאלט וואלטן די לעצטע דרום־סלאוון זיך פאראייניקט מיט סערביען, און עס וואלט מקוים גע־וואָרן דער פארלאנג פון פופצן מיליאָנען און דער חלום פון פינף יאָרהונדערטער! שטענדיק איז פאר אים געווען א מוסטער גראד ביסמאַרק, דער גרויסער שונא פון סערביען, וואָס האָט דעמאָלט אַפּן בערלינער קאָנגרעס מאַקע אָפּגענומען בא טערקיי באָסניע, נאָר נים אָפּגעגעבן צוריק סערביען. גראד פון דעם ביסמאַרקן דאַרף ער אָפּלערנען. אויב יענער האָט צוגענומען בא פראנק־רייך צווי געמישטע פראווינצן, פאר וואָס זאָלן מיר נים צונעמען בא עסטרייך צווי אנדערע, וואס געהערן צו אונזער ראַסע און נים צו עסטרייך אפילו יורידיש?

— אף א שפּאַציר דערלאַנגט מיר דער האפּערדיקער גראף פון וויין נים די דאזיקע צווי לענדער, וואָס ער האָט נאָר געהאַט דאָס רעכט צו פארוואלטן זיי. פארוואס האָט די טער־קישע רעוואָלוציע געגעבן אים מער רעכט, ווי אונז? איר האָט געקאָנט צווינגען צו בעטן בא אייך מחילה, פארוואָס איר האָט צוגעכאַפּט בא די טערקן אַ שטיק לאַנד, אבער אונזערע געדאַנ־קען זיינען פריי. האָבן זיך נים שוין א סך פעלקער אין אייראפּע באַפרייט דורך קאַמף מיט עסטרייך?

פון די דאָזיקע געדאַנקען רייסט אים ארויס א קלאַפּ אין טיר: אַ טעלעגראַמע פון בעלגראַד. דער עסטרייכישער אולטימאַ־טום. תיכף קומען אהיים!

*

מיט דריי וואכן צוריק, דריי שעה נאכן אַטנטאַט, אז די די ידיעה איז אָנגעקומען אין בעלגראַד, האָט דער קליגסטער מענטש אין שטאָט געזאָגט: „הלואי זאל דאָס נים זיין קיין סערב!“ דער וואס האָט דאָס געזאָגט, איז אליין נים געווען קיין סערב, און ער האָט געזאָגט פונקט דעם היפוך, וואָס ער האָט מיט אַן אמת געוואלט, ווארום שוין זינט יאָרן האָט ער געשטרעבט צו

קריג און צעבלאָזן דעם קאָנפֿליקט. פֿון בעלגראַד האָט ער געוואָלט פֿירן דאָס זיגרייכע רוסלאַנד קיין ווין. דאָס איז געווען האַרטוויג, דער רוסישער אַמבאַסאַדאָר, אַ גרויסער חשוב אין בעלגראַד, וואָרום זיין האַר, דער רוסישער קיסר, איז דאָך געווען דער העכסטער שטערן אין הימל פֿון דער סערבישער האָפֿענונג. אין אָוונט פֿונם אַטענטאַט זיינען באַ אים געווען געלאַדן געסט.

אויפֿן צווייטן טאָג גייט האַרטוויג אַריבער צו זיין עסטרייכישן קאָלעגע. מיט שווינדיקער פֿיינטשאַפֿט דריקט מען זיך די הענט באַם אויסדריקן דעם מיטגעפֿיל.

— באַלד קומט די אָפּרעכענונג, טראַכט דער רוס, דער שונא פֿון עסטרייך.

— באַנדיטן! טראַכט דער עסטרייכער, דער שונא פֿון רוסלאַנד.

אין אַ מינוט אַרום פֿאַלט האַרטוויג אַראָפּ פֿון שטול און אין צוויי מינוט אַרום איז ער טויט.

— זייער ניט אָנגענעם גראַד באַ אונז! קלערט דער יונגער באַראָן, ניט תּופֿס צו זיין דעם סימבאָל פֿון דער סצענע. צי וועלן דאָס פֿאַרשטיין די פֿעלקער?

אין די ערשטע טעג נאָכן אַטענטאַט זיינען אַלע קרייזן אין בעלגראַד געווען שטאַרק געדריקט. מיט עטלעכע וואָכן צוריק זיינען די אָנפֿאַלערס געווען דאָ, פֿון דאַנען האָבן זיי מיט דער הילף פֿון סערבישע אָפֿיצערן און באַאַמטע מיטגענומען געווער; אומבאַשטימטע קלאַנגען איבער אַן אַטענטאַט, וואָס דאַרף פֿאָרקומען, זיינען דערגאַנגען צו דער רעגירונג. מען האָט געפֿילט, אַז די וועלט, קודם כּל די שונאים, וועלן גלויבן, אַז מען טראָגט אַ מאָראַלישע אַחריות. אויך האָבן איצט באַדאַרפֿט אָפּגעשלאָסן ווערן ווירטשאַפֿטלעכע אָפּמאַכן מיט דער מאָנאַרכיע. דער גאַנצער באַלקאַן איז אין יולי געלעגן ווי אונטער אַ באַרג. פֿון דאָסניי האָט מען געפֿילט, ווי עס שטויסן זיך דאָ צונויף צוויי ראַסעס און קולטורן, וואָס הינטער זיי זיינען געשטאַנען צוויי מיליטער-מלוכות. די אַלטע פֿיינטשאַפֿט צווישן עסטרייך און רוסלאַנד

האט צעטרייסלט דעם דאזיקן ווינקל פון אייראפע. צוערשט האבן די בלעטער געשענדט דעם אטנטאט. אבער שוין דעם צווייטן טאג האט דער סערבישער אמבאסאדאר אין פעטערבורג זיך נארישערוויז אויסגעדריקט פאר דער פרעסע, אז דער אטנטאט שטאמט פון דער אומצופרידנקייט אין באסניען. דערנאך האט גלייכצייטיק אין בעלגראד און אין ווין געפלאצט א ראקעטע, אז איצט מעג מען אנהייבן און עס האט זיך אנגעהייבן א פייערווערק פון זידלערייען אין דער פרעסע, וואס קיין איינע פון די רעגירונגען האט ניט אפגעשטעלט.

אין באשטימטן טאג איז אין דער עסטרייכישער אמבאסאדע אלץ גרייט. זינט אינדערפרי הורט זיך דער אמבאסאדאר גיזל איין: צווישן 4 און 5, אזוי איז דער באפעל פון זיין הער, פלוצים קומט אן א טעלעגראמע פון ווין: היות ווי פואנקארע פארלאזט פעטערבורג ערשט 11 אזייגער, זאל גיזל איבערגעבן די נאטע „פריסטנס עטלעכע מינוט פאר 5” און תיכף טעלעגראפירן, צי ער וועט אנהייבן 5 אדער ערשט אום 6. גיזלס אופרעגונג שטייגט: פון איין שעה זיינען אפהייניק פעלקער-גורלות און הגם ער האט נאר באדארפט טעלעפאנירן, אז ער גייט אום 6, פאלט ער ניט ארויס פון זיין טראגישער ראלע און טעלעגראפירט, אז ער וועט „אלץ אנווענדן, דורכצופירן דעם דעמארש ערשט אום 6 אזייגער”. מעטערניכס ירושה.

6 אזייגער ווערט דער אולטימאטום איבערגעגעבן. דער פינאנס-מיניסטער וואס פארטרעט פאשיטשן: „עס וועט קוים זיין מעגלעך אזוי גיך צונויפצורופן דעם מיניסטארן-ראט. א טייל פון די מיניסטארן זיינען אין וועג.”

גיזל שמייכלט: „אין דער צייט פון אייזנבאנען, טעלעגראף און טעלעפאן בא דער גרויס פון קעניגרייך איז דאס ניט שווער צו דערגרייכן”. א היסטארישער זאץ.

*

די ווירקונג איז געווען א שרעקלעכע. אין צוויי שעה ארום וויים די גאנץ שטאט, עסטרייך וויל אונז חרוב מאכן, עס ווערט

א מהומה, מען גלויבט אלע קלאַנגען, אַז דער פירער איז געהרגעט, יענער פירער אראָפּגעזעצט, פאַרטריבן. בעת אַלע ווילן אָפּוואַרפן, פאַלט די שטימונג, ווייל מען פילט זיך פאַרלאָזן.

אַף מאָרגן אינדערפרי איז אנגעקומען פּאַשיטש; מען זיצט ביז פאַרנאַכט, נאָר צו קיין החלטה קומט מען נים. אָבער ער באַרואיקט, הייסט דעם קרוינפּרינץ טעלעגראַפירן קיין רוים, באַזונדערס באַוועגט קיין פּעטערבורג, וואו די נאָטע איז באַוואוסט זינט היינט פרי: ער איז אומבאַשיצט און ווענדט זיך צום קיסרס סלאַווישן האַרץ.

פּלוצים פאַרנאַכט לאָזן זיך הערן די שטימען פון צוויי גרויסע מלוכות באַם טיש פון די סערבן, וואָס זיצן אַף דער באַראַטונג: ווי גאָטהייטן ווערן זיי אויפגענומען פון די איבערגעשראָקענע. לאָנדאָן עצהט: אָננעמען ווי ווייט מעגלעך; פּאַריז עצהט: זוכן צו געווינען צייט, אָנרופן אייראָפּע פאַר אַ בורר. אָבער דאָס גרויסע רוסלאַנד שווייגט.

אַפן צווייטן טאָג, דעם לעצטן וואָס איז געבליבן צום ענטפער, איז די שטימונג אינגאַנצן טונקל, ווייל עס פעלט די טעלעגראַמע פון רוסלאַנד. פּאַשיטש גופא עצהט שלום. דאָס פאָלק איז אויסגעמאַטערט נאָך צוויי מלחמות, די דינאַסטיע איז אין סכנה צו פאלן אינאיינעם מיט די ראַדיקאַלן; פּויערים און אָפיצערן, די טרעגער פון די לעצטע נצחונות, זיינען שונאים פון די ראַדיקאַלן, מחמת מורא אָדער פאָרזיכט האָט דער קעניג פּעטער אין מאַי זיך געהאַט אָפּגעזאָגט פון טראָן, און דער קרוינפּרינץ איז געוועזן רעגענט.

פּאַשיטש עצהט, מען זאָל אָננעמען, ווי ווייט מעגלעך, דאָס הייסט כמעט אָן טענות: אַכט פונקטן ווערן אָנגענומען, הגם מיט וויכטיקע אָפּשוואַכונגען, עס ווערט אפילו צוגעזאָגט די דערנידעריקנדיקע דערקלערונג מיט אַ באַפעל צו דער אַרמיי; נאָר אַף צו באַשטראָפן די שולדיקע ווערט פאַרלאַנגט אַ באַווייז, און אויך וויל מען נים צולאָזן קיין עסטרייכישע באַאַמטע, ווייל דאָס איז

קעגן דער קאָנסטיטוציע. אין אייניקע פּרטים מאַכט מען זיך תמעוואַטע: ווי וועט מען טאָן דאָס, וואָס באַטייט יענס.

בעת דער לעצטער רעדאַקציע פאַרשפּרייט זיך אין שטאָט די פאַלשע ידיעה. אז פון צאַר איז אָנגעקומען אן אופמונטערנדיקע טעלעגראַמע. עס בייט זיך די שטימונג. מיליטער־לייט פאָדערן קריג. טומל אַף די גאסן. דער קרוינפּרינץ באַווייזט זיך צו פוס מיט אָפיצערן, מען באַגריסט אים מיט אויסרופן. מען קומט אָן צום שלאָס: לאָזט זיך אויס אַ בוידים. שלוחים לויפן פון איין אַמבאַסאַדע צו דער צווייטער. עוויוואַ אַף איטאַליען. מען שפּירט זיך אָפּגענאַרט אין דער האָפענונג. די דעמאָנסטראַציע גייט צו דער פראַנצויזישער אַמבאַסאַדע, וואו דער יונגער אַטאַשע וויים צו זאָגן דעם עולם ניט מער ווי „סימפּאַטיע". מען גייט צום ענגלענדער, לאָזט ער זיך ניט ריידן. רוסישע טעלעגראַמעס צו פאַרשיידענע בעלגראַדער טוער ווערן ניט אָפּגעטראָגן צו די אַדרעסאַטן. נאָר עפּנטלעך אויסגעהאַנגען אַף דער פּאָסט: אַלע זיינען אופמונטערנדיק. ווידער מאַניפעסטאַציעס צום שלאָס: „נידער מיט עסטרייך! אַ קלאָג צו די פּחדנים!" דער קרוינפּרינץ פאַרלירט די פירונג. נאָר דער קלוגער פּאַשיטש לאָזט זיך ניט פאַרטומלען, וואָרום דער צאַר שווייגט. דיפּלאָמאַטיש לאָזט ער זיך אָפּן בּיידע וועגן, פון איין זייט נעמט ער אָן דעם אולטימאַטום. פון דער אַנדער זייט לאָזט ער מאָביליזירן אין גאַנצן לאַנד.

1 אזייגער. קעניג פּעטער זיצט דער ערשטער פאַר אַ פּאַפּיר, וואָס אין גיכן באַדאַרף אַזעלכער ליגן פאַר א טוץ רעגירערס. ער רופט אויפסניי צו געווער זיין פאָלק, וואָס האָט קוים אָפּגעאָטעמט.

דורך א מאָרד איז ער געקומען אפן טראָן, מיט עלף יאָר צוריק; דער רוסישער אַמבאַסאַדאָר האָט געזען דורכן פענסטער, ווי מען האָט אומגעבּראַכט דעם לעצטן אָברענאָוויטש. צולעצט איז די מחלוקת צווישן די צוויי הייזער געווען אויס. אָבער ווי באַנקאָס גייסט באַווייזט ער זיך אַלע מאָל פאַרן אַלטן אין שעהן פון קריזיס. ענגלאַנד האָט ניט געוואָלט ריידן. דאָס איז דאָך

דער זעלביקער סער עדוואַרד גריי, וואָס האָט דעמאָלט אָפּגערופן זיין אַמבאַסאַדאָר, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז קעניג פּעטער האָט געוואוסט מכּח דעם מאָרד פון זיין שונא. דערנאָך האָבן אַ סך זאַכן זיך אויסגעגלייכט, אָבער דער אַלטער האָט געפילט, אַז מען האָט אים נאָך אַלץ פיינט. דער צאַר איז גרויס! די טאָכטער, אמת, האָט ער ניט געגעבן, אָבער ער איז מעכטיק און האָט פיינט עסטרייך.

ער חתמעט אונטער דעם באַפעל פון מאָביליזאַציע. עס ווערט צונויפגעשטעלט אַ הויף-צוג, עס ווערט אַריינגעטראָגן אַהין דאָס גאָלד פון באַנק, דאָקומענטן, דריי אַזייגער פאָרט אָפּ די קעניגלעכע פאַמיליע, די רעגירונג פון דער הויפּט-שטאָט, וואָס ליגט באַם גרענעץ פון עסטרייך, ווייט אין לאַנד אריין. די פּעסטונג, דער וואָקזאַל, די שטאָט אין באַוועגונג, דער גאַרניזאָן, די אַמוניציע ווערט ארויסגעפירט, אלץ קיין דרום, אין דער ריכטונג פון ניש.

מיט איין מאָל באַווייזט זיך אַ בילד, וואָס איז מסוגל קלאָר צו מאַכן גאָר די שרעקנס פון דער מלחמה מער ווי דאָס אָפּנאַרערישע בילד פון סאָלדאַטן מיט מוזיק און פאָנעס: דאָס זיינען די ערשטע סאַניטאַרע קאָלאָנעס — אַ שווייגעדיקע וואָרעניש.

בינתים האָט דער עסטרייכער צונויפגעפּאַקט זיינע זאַכן און איז געשטאַנען אָנגעגרייט צום פאָרן, ווייל ער האָט באַשטימט געהאָפט, אַז סערביען וועט אָפּוואַרפן. קורץ פאַר 6 אַזייגער קומט צו אים אַריבער פּאַשיטש צו פוס, בכדי איבערצוגעבן דעם סערבישן ענטפער.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט קיסר ווילהעלם אָנגעשריבן נעבן אָט דעם דאָקומענט פון פאַרהאַסטן קעניג-מערדער: „גלענצנדער אופטו פאַר אַ צייט פון 48 שעה... דערמיט ווערט בטל יעדער גרונט פאַר אַ מלחמה, און גיזל האָט רואיק געמעגט בלייבן אין בעלגראַד. אַף אַזאַ ענטפער וואָלט איך קיין מאָל ניט באַפוילן קיין מאָביליזאַציע".

אַזוי פֿאַרשטאַנדיק האָט רעאַגירט דער דייטשער קיסר. ווען אָבער האָט געהאַט באַפֿוילן צו ברענגען אַהיים אַ קריג־צושטאַנד מיט אָדער לעבעדיק. גיזל האָט גאָר קיין צייט ניט געהאַט גענוי איבערצולייענען דעם לאַנגען דאָקומענט: ער לויפֿט אים דורך מיט די אויגן, באַרויִקט זיך בײַ די עטלעכע אָבערס און אויבנס און שיקט אַף אַזוי האַסטיק דעם פֿון פֿריִער צוגעגרייטן ענטפֿער אין מיניסטעריום, אַז דער קוריִער איז אָנגעקומען באַלד נאָך פּאַשיטשן: די באַציִאונגען זיינען איבערגעריסן. אַף לייענען דעם דאָקומענט און ענטפֿערן האָט מען באַדאַרפֿט האָבן ווייניקסטנס אַ שעה צייט. נאָר גיזל האָט באַוויזן אַ קונץ: 35 מינוטן נאָכן באַקומען די סערבישע נאָטע האָט דער קוריִער־צוג שוין געטראָגן אים מיט זיינע מענטשן איבער דער אייזנבאַן־בריק קיין זעמלין, אַף דער טעריטאָריִע פֿון דער מאָנאַרכיִע. אַ שעה צייט איז ער געווען דער וויכטיקסטער מענטש אין איראָפּע.

פֿינפֿטער קאַפּיטל.

די אויפֿגערעגטע.

פֿון ים אַוועק יאָגט דער אָפֿענער אויטאָ דורך דער ליכטיקער זומער־נאַכט אין שטאָט אַריין, אין גרויסן בויגן רינגלט ער אַרום דעם האַפֿן, בכדי צו קומען אין שטאָט. אין גרויסן בויגן נעמט אַרום דער געדאַנק פֿונם מענטשן אין יום־טובדיקן פֿראַק דעם האַפֿן און די צוויי שיפֿן, וואו עס איז אַקאָרשט פֿאָרגעקומען די האַרציקע געזעגעניש. ער זעט, ווי די קיסרלעכע שיף שיסט אַרויף אין לייכטקוילן איר געזעגן־גרוס אין דער לופֿט, און ווי דער פֿרעמדער קרייצער ענטפֿערט, פֿאַרקערעווענדיק פּאַוואָליע קיין מערב, צום פֿינישן אויסגוס.

מיר זיינען איצט פֿאַר די טויערן פֿון פּעטערבורג, און דאָס איז דעם צאַרס אויסערן־מיניסטער, וואָס האָט זיך אַקאָרשט געהאַט געזעגנט מיטן פּרעזידענט פֿון פֿראַנקרייך נאָך פֿיר טעג גלענצנדע פֿייערונגען און ערנסטע שמועסן. די בילדער פֿון די דאָזיקע טעג פֿליען האַסטיק פֿאַרביי. ווי די הייזער אין די

גאסן, וואו ער פאַרט, ער קאָן זיי ניט איינהאַלטן. סאַזאָנאָוו טראַכט:

— מערקווירדיק קאַלט איז געווען דאָס פּובליקום. צי האָבן די פּראָנצווין געשפּירט, אַז דער בייפאַל איז געווען אַ געדונגענער? צי זיי האָבן באַמערקט, אַז די אַרבעטער האָבן געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער און געוואונקען מיט רויטע טיכלעך? איך גיי אין געווען, אַז זייערע קעשענעס זיינען געווען פול מיט שטיינער. וואָס האָט מען געקאָנט טאָן? האָט מען געזאָלט די פּראָנצווין מכבד זיין מיט אַ שחיטה? זיין מאַיעסטעט האָט זיך גוט געהאַלטן, קיין מענטש האָט ניט באַמערקט, וויפיל דער גאַסט מיט זיינע פּרעטענזיעס איז אים געפאַלן אַף די נערוון, זיין אויפפיר איז געווען מער פון אַ מאָנאַרך, איידער פון אַ פּרעזידענט. די מעשה באַם אופנעם פון דיפּלאָמאַטן-קאָרפּוס איז שוין געווען צו טאַקטלויז. דער גוטער פּואַנקאַרע האָט דאָך געמוזט פילן אַז ער איז דאָ אַ גאַסט און האָט בעצם ניט קיין רעכט צו מוסרן אַ פרעמדן אַמבאַסאַדאָר: „פאַרגעסט ניט, עקסעלענץ, אַז סערביען האָט גוטע פריינט אין דער וועלט, וואָס וועלן זי ניט פאַרלאָזן!” נו יאָ, אָבער מען זאָגט דאָך דאָס ניט. דערצו נאָך דעם אונגאַר אין פּנים אַריין, וואָס קלערט זיך מיט ביטול: איר זייט אַ פּאַרטיי-פירער, און איך האָב צוויי און צוואַנציק דורות!

דער צונטער-רויטער קאָנוואַי האָט אים שטאַרק אימפּאָנירט. צי האָט ער באַמערקט די איראָניע, ווי אַזוי ער מיט זיין סאָציאַליסטישן מיניסטער איז אַריינגעפאָרן אין דער פּעטראָ-פּאַוולאָווסקער פעסטונג, אַרומגערינגלט פון אונזערע קאָזאַקן? „דער עולם” מיינט פּאַלאָג, „פרעגט זיך נאָר, צי ווערן די דאָזיקע צוויי רעוואָלוציאָנערן אָפּגעפירט אין פעסטונג”. אין אַזעלכע מאָמענטן ברענגט מיך דער פּאַראַדאָקס פון אונזער בונד צום לאַכן.

סאַזאָנאָווס אויטאָ איז אָנגעקומען ביזן גלייכן שאָסיי, ער זעט דעם פּיסאַזש צעפּליסן אין שיין פון דער פּעטערבורגער ווייסער נאַכט, אַ סעקונדע שפּירט ער די שיינקייט פון דער

שטאַט, אָבער שוין אַרבעט זיין מוח קלאָר, עס פליען פאַרבײַ זײַ־נע אופטועון און פּלענער פון די לעצטע יאָרן. ווידער קומען זײַנע פּלענער צו אַ קריזיס, ווי דאָס איז געווען פאַר צוויי יאָרן, בשעת ער האָט אויסגעאַרבעט דעם פּלאַן פון אַ באַלקאַן־בונד. דעמאָלט האָט ער אַוועקגעשטעלט דעם צאַר פאַר אַ בורר פון באַלקאַן.

— האָט ניט אויסגעוויזן, אַז אַלץ איז פאַרטיק? טראַכט סאַזאָנאָוו ווייטער. איטאַליען האָט טריפּאָלי; איצטער איז געקומען אונזער צייט צו נעמען אַ חלק פון דער טערקישער ירושה: דעם קאַליפס קאָפּ אף אַ גאָלדענער שיסל! דער באָספּאָר און די דאַר־דאַנעלן זיינען געלעגן גרייט — שטרעק אויס די האַנט און נעם. און אויב מען האָט דער קיסרין אויסגעמאָלט דאָס בילד, ווי אַזוי אין דער איא סאָפיא וועט ווידער קלינגען דאָס קירכן־ליד, האָט דער צאַר זיך אָפּגעווענדט פון באַראָן פרעדעריקס און אַנדערע בעלי־חלומות און באַוויליקט נייע שיפן פאַרן שוואַרצן ים. נאָר דער פאַרשאָלטענער קאַיאָ האָט אופגערייצט די פאַריזער באַנקירן און צו נישט געמאַכט איזוואָלסקים אַרבעט.

— פאַשיטש וועט איצט אויך ניט שלאָפן. אַז ער איז דאָ געווען דאָס לעצטע מאָל, איז ער אַ ביסל צו פיל צוגעשטאַנען. „בײַ דער זייט פון סערבישן קרוינפּרינץ וואָלט די טאָכטער פון אייער מאַיעסטעט געוואָרן צאַרין פון דער דרום־סלאַווישער אימ־פּעריע". באַלקאַנישע פּראַזעס. דעם דאָזיקן פויער האָט זיך פאַר־גלוסט צו פאַרשרכנען דעם צאַרס אַ טאָכטער.

— נאָר פּאָרט האָט דער סערבישער באַזוך געבראַכט נוצן, טראַכט סאַזאָנאָוו ווייטער. דעמאָלט האָט אונזער גענעראַל־שטאַב געקאָנט אנווייזן אף דעם באַטייט פון אַ סערבישן אָנפאַל אף עסטרייך: „דעמאָלט וואָלט עסטרייך געווען געצוואונגען אָפּצוטיילן פיר ביז פינף קאָרפּוסן קעגן סערביען. פאַר איטלעכן רוסישן האַרץ האָבן די ים־דורכגוסן אַזאַ גוואַלדיקן באַטייט, אַז מיר מוזן זיך אַריינמישן בײַ אַן אומבייט. פאַרשטייט זיך, דער קאַמף פאַר קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז מעגלעך נאָר בעת אַן אייראָפּײַ־אישן קריג".

סאַזאָנאָווס אויטאָ פאָרט אַריין אין פאָרשטאָט, ער הערט שיסן.

— נאָך אַלץ? טראַכט ער אומצופרידן. 83,000 שטרייקערס, אף וויבאָרגער זייט אפילו פּרואוון צו מאַכן באַריקאַדעס. אין דער זעלביקער שעה ווען אונזער גוואַרדיע שפּילט אין קראַסנאָיע סעלאָ פאַרן פראַנצויז זיין רעוואָלוציאָנערן מאַרש!

— פאַרוואס לאָזט דאָס מאַקלאַקאָוו באַלד שיסן אין די מענטשן? וועט דאָס קיין מאָל ניט נעמען קיין סוף? פאַרשאָלטענע אינדוסטריע. אין דאָרף איז אַלץ פיין און שטיל, עס האָט געקאָנט נאָך הונדערטער יאָרן בלייבן אזוי. אַז זשאָרעס וועט געוואָר ווערן די צאָל פון די נעכטיקע הרוגים, צעבונטעוועט ער קעגן אונז א האַלבן פּאַרלאַמענט.

דער אויטאָ דערנענטערט זיך צום ברעג נעווא. עס איז כמעט האַלבע נאַכט, אָבער נאָך אַלץ שפּילט מוזיק אין די רעסטאָראַן=סעדער. נאָך דעם הייסן טאָג וויל די שטאָט א ביסל זיך אָפּקילן. דעם מיניסטערס געדאַנקען גייען אַריבער פון פראַנצויזישן פּאַרלאַמענט צו די פּאַריזער באַנקירן. ער טראַכט וועגן די לעצטע דריטהאַלבן מיליאַרדן, וואָס פראַנקרייך האָט געגעבן בפירוש מיטן תנאי צו בויען נייע סטראַטעגישע אייזנבאַנען אין פּוילן. ווי גוט די גאָלדענע קייט פון די פיל מיליאַרדן פאַרבינדט ביידע פעלקער. דעמאָלט פאַלט אים איין דער אַרטיקל, וואָס דורך אים האָט סוכאָמלינאָוו מיט עטלעכע וואָכן צוריק אַריינגעבראַכט אומרו אין אייראָפּע: „רוסלאַנד איז גרייט, פראַנקרייך מוז אויך זיין גרייט”, און ער האָט געעצהט די פראַנצויזן איינצופירן א דינסטצייט פון דריי יאָר, וואָרום צו זיבן צוויי מיליאָן סאָלדאַטן מוז מען האָבן דריי פערטל מיליאָן פראַנצויזישע, אַנדערש טאָר מען ניט ריזיקירן. גוט, וואָס מיט פּואַנקאַרע איז מען געווען זיכער; שוין אין זיין ערשטן מאַניפעסט האָט ער געשריבן: „פראַנקרייך מוז זיין גרויס און שטאַרק צוליב די אינטערעסן פון דער ציוויליזאַציע און שלום. קודם כל איז נויטיק ענערגיע”. קאָן מען דען קונציקער פאַרשווייגן דעם רעוואַנש=געדאַנק?

דער מיניסטער איז געוואָרן אומרואיק. דעפּעשן פון ווין און בעלגראַד האָבן געגעבן אָנצוהערן, אַז עס גענענט די שעה פון אַנטשיידונג. אים זאָגט אויך עפּעס דאָס האַרץ. דער דאָזיקער רעאַליסט איז ניט פריי פון מיסטישע שטריכן, און ווי ער באַקלערט אַזוי פלענער און פאָרגעפילן, רופט ער אויס צום שאָפער: „פאָר אין מיניסטעריום!" דער נאַכט-שווייצער איז נשתומם, די דינערס לויפן, די טירן קלאַפּן, נאָר אין שיפריר-ביורא באַוואונדערט מען דעם שעפס חוש הריח, ווארום מען האַלט גראַד אין אָפּשיפרירן אַ לאַנגע דעפּעשע פון בעלגראַד און אין צוואַנציק מינוט וועט זי זיין פאַרטיק.

— וויוויאַני האָט, הייסט דאָס, געהאַט רעכט. מען האָט אים באַדאַרפט פאַרכאַפּן, בערכטהאָלד האָט אויסגערעכנט די שעה ווען אונזערע פראַנצויזן וועלן אָפּפאָרן.

סאַזאָנאָוו צאַמט איין זיין אומגעדולד דורך אונטערהתמען פאַפּירן. אַרום האַלבער נאַכט ברענגט מען צו אים דעם אָפּשיפרירטן ווינער אולטימאַטום.

*

מיט אַ געשריי האָט דעם אַנדערן פרימאָרגן אייראָפּע זיך אויפגעכאַפּט פון איר זומער-שלאָף. קאַבינעטן און מיסיעס, שטאַבן און באַנקירן פון אַלע הויפּט-שטעט זיינען געקומען אין באַוועגונג, האָבן איבערגעריסן דעם אורלאָפּ, אַרויסגערופן זייערע מענטשן אַהיים, אומרואיק, נייגעריק, דערשראָקן.

דאָ אין פעטערבורג זיינען דער רוב פון די מעכטיקע אין קאַבינעט און אין גענעראַל-שטאַב געווען פרייליך אויפגעלייגט. זיי האָבן דאָך שוין פון לאַנג געגאַרט נאָך מלחמה. „דאָס צוקונפט לאַנד פון סערביען ליגט אין געביט פון איצטיקן עסטרייך-אונגאַרן... די צייט אַרבעט פאַר סערביען און פאַר דער מפּלה פון אירע שונאים, וואָס ווייזן אַרויס דייטלעכע סמנים פון צעפוילונג",

— אַזוי איז געשטאַנען ניט אין אַ צייטונג-אַרטיקל, נאָר אין אַ אָפיציעלער דעפּעשע, וואָס סאַזאָנאָוו האָט אָפּגעשיקט נאָכן ערשטן באַלקאַנישן קריג צו דער בעלגראַדער רעגירונג, בכדי איר איינ-

צוגעבן מוט. אין האַרבסט פון יאָר 13 האָט דער פראַנצויז געשריבן פון פעטערבורג אַהיים: „זינט דעם אָנהייב פונם באַלקאַן־קריזיס זוכט רוסלאַנד כסדר צו דערנידעריקן עסטרייך אַפן באַלקאַן, בכדי זיך אָפּצורעכענען פאַר 1908, וואָס דעמאָלט האָט ערנטאַל דערנידעריקט רוסלאַנד". און אין יאַנוואַר 1914 האָבן דער קריגס־מיניסטער און דער שעף פון גענעראַל־שטאַב דערקלערט, אַז „רוסלאַנד איז פולקום גרייט צו אַ קאַמף מיט דייטשלאַנד, שוין אָפּגערעדט פון אַ קאַמף מיט עסטרייך".

היינט אַרום האַלבן טאָג זיינען געזעסן אין פעטערבורג דריי גרויסע מלוכות באַ איין טיש. דער פלינקער פראַנצויז האָט אינדערפרי איינגעלאַדן דורכן טעלעפאָן דעם אויסערן־מיניסטער און אים צוגעזאָגט אַ זעלטענעם געריכט, וואָס קיינער וואָלט אים ניט געקאָנט אָנבאָטן: דעם ענגלישן אַמבאַסאַדאָר. סער דזשאָרדזש ביוקענען, קאָנסערוואַטיוו, גוט געשטימט, אויב ניט פאַר פראַנקרייך איז דאָך פאַר רוסלאַנד און קעגן דייטשלאַנד, האָט אַף דעם פרישטיק קעגן אייגענעם ווילן געמוזט זיין איינגעהאַלטן. פּאַלעאָלאָג, דער בעל־הבית, איז געווען בויגעוודיק, באַרײדעוודיק, אויפגעמונטערט דורך זיין פּרעזידענט פּואַנקאַרע און געווים דער אויפגערעגטסטער באַם דאָזיקן היסטאָרישן טיש. שוין מיט דריי וואָכן צוריק האָט ער נביאות געזאָגט אין אַ בריוו צו בריאַנען: „איך שפּיר מיר גייען אַנטקעגן אַ שטורעם; וואו און ווען ער וועט אויסברעכן, קאָן איך ניט זאָגן".

סאַזאָנאָוו אָבער האָט אין יענעם טאָג נאָך קיין קריג ניט געוואָלט: סערביען איז מאָראַליש געווען הינטערשטעליק אַנטקעגן עסטרייך, רוסלאַנד גופא איז נאָך אויך ניט געווען פאַרטיק — דאָס האָט דער מיניסטער געוואוסט, ניט געקוקט אַף דער באַרימעריי פון די מיליטער־לייט. דעריבער האָט ער געקלערט וועגן אַ טיילווייזער מאָביליזאַציע, בכדי צו דריקן אַף עסטרייך, און דייטשלאַנד זאָל זיך ניט אַריינמישן; נאָך די ערשטע נצחונות פון עסטרייך וואָלט מען געקאָנט ראַטעווען סערביען; עס וואָלט געווען אַ דיפּלאָמאַטישער ניצחון, די מיטל־אייראָפּייאישע מלוכות אָפּגעשטופּט, ערנטאַלס ניצחון פון 1908 צו נישט

געמאַכט. טאָמער מאָבליזירט אָבער דייטשלאַנד אויך? דעמאלט איז גילטיק דער בונד מיט פראנקרייך, דעמאלט עפענען זיך אויף ברייטע פערספעקטיוון, אויב מען קען נאר אף געוויס רעכענען אף ענגלאנד. דעמאלט קען מען געווינען דאָס העכסטע, די דארדאנעלן!

היינט אינדערפרי האָט אים דאָס קלאָר געמאכט זיין פאַריזער אַמבאַסאַדאָר, וואָס איז געווען געקומען צוזאַמען מיט פּואַנקאַרע, אָבער נאָך ניט אָפּגעפאָרן. דאָס איז געווען איזוואָלסקים חלום.

ניט איבער דעם גלייכן טעם, נאָר מיט דער גלייכער היץ זוכן איצט ביידע, דער פראַנצויז און דער רוס, ארויסצוקריגן אַ וואָרט פון ענגלענדער: האָט ער זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אונז, קלערט דער פראַנצויז, דעמאָלט געווינען מיר געוויס די מלחמה! האָט ער זיך אַרויסגעזאָגט אָפן פאַר אונז, קלערט דער רוס, דעמאָלט איז אָדער דער דרייבונד שרעקט זיך איבער, אָדער מיר זיגן! דער דאָזיקער פראַנצויז קלערט וועגן מלחמה, דער דאָזיקער רוס פילט ווי דער סערב און וויל האַלטן אָפן צוויי וועגן, און דער שלום־וועג איז פאַר אים היינט דער בעסערער.

באַם טיש זיינען אַלע דריי מסכים אין צוויי פונקטן: ווין איז משוגע און בערלין שטייט פון הינטן. פּאַלעאָלאָגס באַריכט גיט איבער די הויפּט־פּונקטן פונם דאָזיקן שמועס:

דער פראַנצויז: „וואָס עס איז נייטיק, וועלן מיר טאָן. נאָך נעכטן האָבן דער צאַר און אונזער פּרעזידענט צוגעזאָגט איינער דעם אַנדערן: מיר וועלן טאָן פעסט און אַנטשלאָסן.“

דער רוס: „און אויב די דאָזיקע פּאָליטיק פירט צו אַ קריג?“

דער פראַנצויז: „זי וועט אונז פירן צו קריג נאָר דעמאָלט, אויב די גערמאַנישע מלוכות האָבן לכתחילה באַשלאָסן אָנצווענדן כח“.

דער ענגלענדער: „איך מיין מיר וועלן בלייבן נייטראַל. איך האָב מורא, אַז פראַנקרייך און רוסלאַנד וועלן צעריבן ווער פונם דרייבונד".

פויזע. דער בעל־הבית פון הויז און דער בעל־הבית פון לאַנד שווייגן צעמישט. דערמאָלט זאָגט סאַזאָנאָוו אַנטשלאָסן: „באַ די איצטיקע תנאים וואָלט ענגלאַנדס נייטראַליטעט געווען גלייך צו אַ זעלבסטמאָרד!"

„וועט איר דען ניט," העלפט אונטער פּאַליעאָלאָג. „אַז ענגלאַנד קאָן דאָ שפּילן אַ באַשטימענדיקע ראָלע. ערשט מיט פיר טעג צוריק האָט דער צאַר געזאָגט צו מיר: „אויב דייטשלאַנד איז ניט אין גאַנצן אַראָפּ פון זינען, וועט זי ניט דערוועגן זיך אָנצופאַלן אויף די פאַראייניקטע רוסלאַנד, פראַנקרייך און ענגלאַנד."

סער דזשאָרדזש ביוקענען איז די מעשה שטאַרק פּריקרע; ער זאָגט: „איך האָב מורא, אַז אונזער עפנטלעכע מיינונג איז נאָך ווייט דערפון צו פאַרשטיין, וואָס דער נאַציאָנאַלער אינטערעס פאַרלאַנגט. אין סערביען זיינען מיר ניט פאַראינטערעסירט דירעקט, און דער מענטש פון גאַס וועט קיין מאָל ניט מסכים זיין צו אַ קריג פון וועגן סערביען".

אַזוי האָבן די דריי מלוכות דעם ערשטן טאָג פאַרנומען זייערע פּאָזיציעס.

*

די זיצונג פונם מיניסטאָרן־ראַט געדויערט פינף **שעה**. זי איז געוואָרן איבערגעטראָגן אויף מאָרגן צו דער זיצונג פון מלוכה־ראַט. היינט איז דערווייל באַשלאָסן געוואָרן אַז ווין באַדאַרף אָפּלייגן דעם אולטימאַטום, בכדי די גרויסע מלוכות זאלן קאָנען שטודירן דעם באַשולדיקונגס־מאַטעריאַל קעגן סערביען, און דעם קריגס־מיניסטער איז געגעבן געוואָרן רשות פאָרצולייגן מאָביליזאַציע קעגן עסטרייך, „אויב דאָס וועט זיין נויטיק". אַן עפנטלעכע דערקלערונג האָט געזאָגט, אַז רוסלאַנד קאָן ניט בלייבן גלייכגילטיק. אינדערפרי איז געקומען צום אויסערן־מיניסטער דער

עסטרײַכישער אַמבאַסאַדאָר, פֿאַרנאַכט דער דײַטשער, זײַ זײַנען געווען פֿאַרשײדענע מענטשן, און האָבן אײנער דעם אַנדערן ניט געקאָנט לײַדן.

דער עסטרײַכישער אַמבאַסאַדאָר גראַף סאַפּאַרי איז אַ פּוי־נער קאַוואַלער פֿון אונגאַרן. ער לײענט פֿאַר אָפֿיציעל די נאָטע צו סערביען, אָבער סאַזאָנאָוו פֿאַלט אים אַרײַן כּסדר אין די רײד: ער וויל מאַכן דעם אָנשטעל פֿון נערוויז מער ווי ער איז, בּכדי דער אונגאַר זאָל טעלעגראַפֿירן קײן ווין מכּח דער „רוסישער אופֿרעגונג".

„איר ווילט האָבן פֿון פּאַשיטשן פֿאַרזיכערונגען? ער וועט אײַך געבן פֿינף און צוואַנציק מאָל, אויב איר ווילט. אָבער אײ־ערע פֿאָדערונגען טרײַבן אַרויס די סערבן פֿון זײער אײגענער שטוב! איר וועט דאָך וועלן שטענדיק זיך אַרײַנמישן! וואָסער לעבן גרײט איר דאָ פֿאַר אײראָפּע!"

דער אונגאַר לײענט ווײַטער.

סאַזאָנאָוו: „וואָס האָט זיך דער ווינער קאַבינעט אַזוי מטריח געווען, ווײַבאַלד ער האָט דאָך שוין געשטעלט אַן אולטימאַטום? עס איז אַ טעות, ווען אײַער מאָנאַרכיע מײנט, אַז די ציוויליזיר־טע וועלט פֿילט איר מיט!"

„עס וואָלט געווען טרויעריק, אויב די מאָנאַרכיע וואָלט אין דער דאָזיקער פֿראַגע וואָס עס איז אײַנגעשטעלט אין קאָן דאָס הײליקסטע וואָס זי האָט, און וואָס עס איז אויך הײליק פֿאַר רוס־לאַנד, ניט געפֿונען קײן מיטגעפֿיל!"

"די מאָנאַרכישע אידײ האָט מיט דער זאַך ניט צו טאָן. איר ווילט קריג און האָט אָפּגעבראָכן די בריקן הינטער זיך!"

מיר זײַנען די פֿרידלעכסטע נאַציע אין דער וועלט. מיר מוזן אָבער באַשיצן אונזער לאַנד קעגן רעוואָלוציע און אונזער דינאַסטיע פֿון באָמבעס!"

„פֿרידלעך? איר צינדט דאָך אָן אַ שׂרפֿה אין גאַנץ אײראָפּע!"

אָנדערטהאַלבן שעה געדויערט דער דאָזיקער וויכּוח.

אינאָווגט דערקלערט דער דייטשער אמבאַסאַדאָר, גראַף פורטאַלעס, פייערלעך, אַז דייטשלאַנד אונטערשטיצט עסטרייך אָן תנאים. סאַזאָנאָוו זאָגט:

„עסטרייך האָט פאָרגעלייגט דורכצוקוקן דאָקומענטן. נאָכדעם ווי זי האָט שוין אָפּגעשיקט אן אולטימאַטום. האַלט איר דאָס פאַר ריכטיק?"

„איך באַדויער, עקסעלענץ, וואָס איך קאָן מיט אייך ניט מסכים זיין. עסטרייך־אונגאַרן קאָן ניט אָננעמען קיין אריינמישונג אין איר פאַרהעלטעניש צו סערביען. אויך מיר קאָנען ניט אָננעמען קיין פאָדערונג, וואָס זאָל גיין קעגן דער ווערדע פון פאַרבינדעטן לאַנד".

„מיר וועלן ניט לאָזן סערביען אליין אין קאַמף קעגן עסטרייך".

„איר האָט עסטרייך ניט ליב גענוג. פאַרוואָס ווילט איר פאַרביטערן די לעצטע יאָרן פון א בכבודיקן מאָנאַרך?"

סאַזאָנאָוו קוקט אָן דעם דייטש מיט שנאה, דערנאָך זאָגט ער קאַלט: „אמת, מיר האָבן עסטרייך ניט ליב. און פאַרוואָס זאָלן מיר זי ליב האָבן? זי האָט אונז שטענדיק נאָר געשאַדט. און אויב איר בכבודער מאָנאַרך טראָגט נאָך היינט די קרוין אפן קאָפּ, האָט ער דאָס צו פאַרדאַנקען אונז. דערמאָנט זיך נאָר, ווי אַזוי ער האָט אונז ארויסגעוויזן זיין דאַנק אין די יאָרן 55, 77 און 1908! אונז אופצוווארפן, אַז מיר האָבן עסטרייך ניט ליב!"

דער מיניסטער איז צעהיצט, דער אמבאַסאַדאָר גייט אוועק. באַלד נאָכדעם דערציילט סאַזאָנאָוו די מעשה דעם פראַנצויז און ענדיקט: „דער שמועס האָט זיך געענדיקט זייער אופגערעגט".

*

דער קרוינראַט איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אפן צווייטן טאָג אין לאַגער פון קראַסנאָיע סעלאָ, און דאָס איז געווען א צרה! די גאַנצע געגנט אַרום האָט געגלאַנצט פון מיליטער אָן א שיעור. אומעטום פול מיט שטאַב־אָפיצערן, דער אמתער קריגס=

לאגער. דער צאַר איז געווען ארומגערינגלט נאָר פון גענעראלן, שעפן און גרויספירשטן: עס איז כמעט געהאַנגען ווי א סטראַ־שונעק איבער אים. נאָך פרישטיק איז אָנגעקומען דער ענטפער פון ווין, אַז עסטרייך קאָן בשום אופן ניט פאַרלייגנערן דעם אול־טימאַטום: די שטימונג, וואָס איז פריער געווען ערנסט און איינ־געהאַלטן, איז איצט געוואָרן אן אופגערייצטע. דאָס אַלץ צוזאַמען מיטן טאָן פון דער נאָטע, מיט דער אופרודערנדיקער השפעה וואָס פּואַנקאַרע האָט איבערגעלאָזט, האָט קענטיק באַרעכטיקט דעם נאַטירלעכן ווילן פון די אָפיצערן צום קריג.

צו וואַרימעס איז געזעסן באַם צאַרס טיש דער אַדיוטאַנט פון דייטשן קיסר, גענעראַל פאָן כעליוס, אַ הויך קולטיווירטער מענטש, וואָס האָט פאַרשטאַנען זיך ניט צו מאַכן הערנדיק און זעענדיק די שנאה ארום. דער גובערנאַטאָר פון פעטערבורג כאַפּט זיך ארויס מיט אַ וואָרט וועגן מאָביליזאַציע. דער אויבערשטאָלמייס־טער ווענדט זיך צו אים העפלעך און זאָגט: „וואָס עס איז באַ־שלאָסן, טאָר איך אייך ניט זאָגן; איר מעגט אָבער משער זיין, אַז עס איז זייער ערנסט". קלאַפּט אָן מיט אים די קעלישקעס און זאָגט ווי צום געזעגענען זיך: „האָפנטלעך וועלן מיר זיך אין בעסערע צייטן".

אום זעקס טוט אַ גענעראַל אַ קוק אָפן זייגער און זאָגט צום דייטש, מיט א רמז אַף דעם אולטימאַטום: „איצט הייבן באַלד אָן די האַרמאַטן אפן דונאי צו פייערן, וואָרום אזאַ נאָטע קאָן מען אָפּשיקן נאָר דעמאָלט, ווען די האַרמאַטן זיינען אָנגע־לאָדן".

אינאָווינט אין דער אָפּער ווערט דעם צאַר אונטערגעטראָגן אַן אָוואַציע, וואָס דער גרויספירשט ניקאָלאַי האָט צוגעגרייט. ער האָט באַשטימט דעם באַשלום פון קרוין־ראַט. רויזיק, מיט א גראַ־ער שפּיציקער באָרד, דרייסטע בליקן, אַ פריינט פון די פראַנ־צויזן נאָך פון דער פאַריוער גוטער צייט, אַ מאַן וואָס מען שטעלט אים זיך פאָר באַ פרויען און באַ דינער מיט אַ בייטש אין האַנט, דער מאַן פון א ליידנשאַפטלעכער מאָנטענעגרערין,

וואָס אינטריגירט קעגן דייטשלאַנד שוין זינט יאָרן: שוין לאַנג איז ער געווען דער קאָפּ און די פּויסט פון דער רוסישער קריגס=פּאַרטיי קעגן דייטשלאַנד.

נעבן אים איז געזעסן אין היינטיקן קרוינראַט סוכאָמלינאָוו, דער קריגס=מיניסטער, מחבר פון דעם אַרטיקל „רוסלאַנד איז פאַרטיק" און פון די מעמאָראַנדומס פון די לעצטע יאָרן וועגן איינעמען די ים=דורכגוסן. נעבן אים יאַנושקעוויטש, שעף פונם גענעראַל=שטאַב. גלייך געשטימט ווי ער; דערנאָך דער אַלטער גאָרעמיקין, מיניסטער=פּרעזידענט, ווי שטענדיק אַהין און אַהער. סאַזאָנאָוו גופא רעדט נישט פאַרן קריג, ער האָפט איינצושרעקן דורך דער מאָבּיליזאַציע. נאָר דער אַלטער פירנעמער גראַף פרעדעריקס, באַלטישער דייטש, דער איינציקער מענטש באַם הויף, וואָס האָט קיין שונא נישט. הגם ער ווערט זינט יאָרן באַשאָטן מיט כיבודים, ווייזט אַרויס אין דער דאָזיקער זיצונג זיין פריינטשאַפט צו דייטשלאַנד.

מיט פּוסטע בליקן פּרעזידירט אַ בלייכער, שוואַכער מענטש, באַדריקט פון מונדיר און געווער: וואָס איז בבֿילות צו טאָן דער דאָזיקער צאַר אַנטקעגן די טיגער=בליקן פון דעם גרויספירשט, זיין פעטער. וויבאַלד עס שטייט אים נישט ביי אַ פרידלעכער קאַבינעט, און אפילו נישט ראַספּוטין? האָבן זיי דען נישט דעם צאַר אַריינגעבלאָזן אין אויער זינט די באַלקאַן=מלחמות, זינט ערנטאַל און זינט יאַפּאַן, אַז נאָר אַ גרויסער קריג צוזאַמען מיט פראַנקרייך קאָן ראַטעווען דעם גלאַנץ און די מאַכט פון טרוין? קוים האָט ער אָנגעוויזן דעקרעט, אַז עס וועט זיין שווער צו מאָבּיליזירן בעת די גרויסע שטרייקן, טרעט אַרויס קעגן אים מאַקלאַקאָוו און באַווייזט: די אינעווייניקסטע סכנה קען אײַנגעשטילט ווערן נאָר דורך דעם רוף צו אַ נאַציאָנאַלן קאַמף, קריג, בכדי זיך צו ראַטעווען פון דעם אינעווייניקסטן שונא. באַשלוס: געמען אין אויג צו מאָבּיליזירן דרייצען קאָרפּוסן קעגן עסטרייך, די אויספירונג אָבער איז אָפּהענגיק פונם אָנפאַל אויף סערביען, דעם טאָג דאַרף באַשטימען דער אויסערן=מיניסטער.

זעקסטער קאַפּיטל.

אפֿן ים.

רוישיק גליטשט זיך די „פראַנס“ דורך דער נאַכט. עס איז די זעלביקע שעה, ווען דער סערבישער און דער רוסישער פּרעמיער זיינען געפֿאָרן אין זייערע הויפּט־שטעט, באַגעגענען די החלטות, וואָס דער שריט פֿון די ווינער קריגס־גראַפֿן האָט זיי אָנגעגעבן, און ווי די געדאַנקען פֿון די צוויי מיניסטאָרן האָט זיך געווענדט צום עבר, אַזוי ווי זיי וואָלטן אויסגענוצט די פֿרייע צייט וואָס זיי איז געבליבן צוליב פֿאַרגלייכנדיקע זכרונות, אַזוי איז דאָס אויך געשען מיט די צוויי פֿירערס אַפֿן שיף, וואָס יאָרן לאַנג האָבן זיי אַרויסגעקוקט אַף פּלאָנטערנישן אין אייראָפּע.

פּואַנקאַרע האָט געהאַט דערלעבט זיין העכסטן מאָמענט. איז דער דאָזיקער מאָמענט ניט געווען גרעסער ווי יענער, ווען ער האָט זיך צוגערשט באַוויזן אַפֿן באַלקאָן פֿון עליזיי־פּאַלאַץ, אָקאָרשט ווי ער איז אויסגעקליבן געוואָרן פֿאַר אַ פּרעזידענט? האָט ער דאָס געחלומט אין זיינע יונגע יאָרן, אַז ער וועט פֿאָרן אין איין קאַראָט מיט דער בלייכער צאַרין דורך שורות פֿון דער גוואַרדיע, בעת דער צאַר רייט בא זיין זייט? איצט האָט דאָס לעבן געפֿאָדערט די העכסטע שפּאַנונג, כּדי צו פֿאַרענדיקן דאָס, וואָס מען האָט געקאָנט דערגרייכן דורך צענדליקער יאָרן ליידנשאַפֿטלעכער איינגעשפּאַרטקייט, אַריינטרייבן זיין פֿאָלק אין אַ מלחמה, דאָס איז ניט געווען מעגלעך, ער האָט דאָס גוט געוואוסט; אָבער ווען דער אַלטער שונא זאָל לייכטזיניק אָנהייבן זיך, אָדער מען זאָל דאָס קאָנען באַווייזן, אַז ער הייבט אָן: וואָס פֿאַר אַ מזל איז דעמאָלט צו זיין אין יענער שעה דער פֿירער פֿון די פֿראַנצויזן! וואָרום ער האָט געהערט צו יענע מעכטיקע, וואָס האָבן אין דער אייגענער נשמה געשפּייזט די פּלאַם פֿון רעוואַנש, וואָס האָט באַם פֿאָלק געהאַלטן אין אויסגעלאָשן ווערן. קיין חידוש ניט, ער איז אַ לאָטרינגער און איז זיך מודה נאָכן קריג: „אין מיינע שול־יאָרן (באַלד נאָכן קריג פֿון 1870) האָט מיין גייסט, וואָס איז געווען פֿאַרפֿינסטערט פֿון דער מפּלה,

שטענדיק געשטרעבט אריבערצוגיין דעם גרענעץ, וואָס דער שלום פון פראנקפורט האָט אונז געהאַט איינגעשטעלט. און אַז איך פלעג זיך אַראָפּלאָזן פון מיינע לופטיקע וואָלקנס, האָב איך געזען פאַר מיין דור נאָר איין ציל אין לעבן — צו קריגן צוריק די פאַרלאָרענע פראָווינצן". די דאָזיקע טיפסטע איבערלעבעניש פון זיינע יונגע יאָרן האָט ער קיין מאָל ניט געקאָנט פאַרגעסן.

פון דעם נקמה־דאָרשטיקן אינגל איז געוואָרן אַ מלוכה־מאַן, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט צו וואַרטן. אין באָסנישן קריזיס האָט ער דייטלעך געלאָזט וויסן, זיין פאַרבינדעטן, אַז פראַנקרייך וועט קיין מאָל ניט לאָזן זיך אַריינציען אין אַ קריג צוליב די רוסישע אינטערעסן אויפן באַלקאַן; אין אויגוסט 1912 האָט ער אַפילו געוואָרנט סאַזאָנאָוון: „איר זאָלט נישט רעכענען אויף אונזער מיליטערישער הילף אויפן באַלקאַן, אַפילו אויב עסטרייך וועט אָנ־פאַלן אויף איך", אָבער באַלד דערויף, אין נאָוועמבער 12, האָט ער אַ קערעווע געטאָן און צו דער גרויסער פרייד איזוואָלסקיס, וואָס אים האָט ער אַגב ניט געקאָנט ליידן, האָט ער אַרויס־געשטעלט „גאָר אַ נייעם שטאַנדפונקט": „אויב עסטרייך זאָל פאַרברייטערן איר לאַנד, וועט געשטעלט ווערן אין ספק דער גלייכוואָג אין אייראָפּע און דורך דעם אויך די אייגענע אינטערעסן פון פראַנקרייך"; דערביי קאָן פראַנקרייך „אַריינגעפּלאָנטערט ווערן אין מיליטערישע אָפּעראַציעס" (דאָס איז די פּחדנותדיקע אַרומ־שרייבונג פונם מסוכנדיקן וואָרט „קריג", וואָס עס האָבן אויס־געקלערט דיפּלאָמאַטן פון אייראָפּע; אַזוי איז מען זיך נוהג צו זאָגן נייבילדונג, ווייל מען וויל ניט אַרויסברענגען אויפן צונג דאָס וואָרט קרעפּס). אין יאַנואַר 1914 האָט פּואַנקאַרע געלאָזט אַפילו פאַרזיכערן די רוסן „אין נאָמען פון פראַנצויזישן אויסערן־מיניסטער, אַז פראַנקרייך וועט גיין אַזוי ווייט, ווי רוסלאַנד וויל". די דאָזיקע קלאָרע בלאַנקאָ־פולמאַכט, וואָס פּאַריז האָט געגעבן פּעטערבורג, נאָכדעם ווי מיט צוויי יאָר צוריק האָט זי זיך אָפּגעזאָגט, איז אמת געווען אויסן איין באַשטימטן פאַל (לימאַן פאָן זאַנדערס אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל), אָבער עס האָט געהאַט די זעלביקע פּסיכאָ־לאָגישע ווירקונג, ווי די הבטחה וואָס קיסר ווילהעלם האָט גע־

געבן אין ווין. אין דעם זעלביקן חורש האָט פּואנקאַרע געזאָגט: „רוסלאַנד האָט אַ גוואַלדיקע צוקונפט, איר כּח האַלט אין אנט־וויקלען זיך... אין צוויי יאָר ארום וועט זיין א מלחמה. גאָר מיין מי וועט זיין געווענדט דערויף, אז מיר זאָלן זיין גרייט".

פּואנקאַרע שפּאַנט ארום איבערן פּאַרדעק, ער דערמאָנט זיך די לעצטע שעה, בשעת דער קיסר האָט אפן שיף געזעגנט־פּערט אף זיינע טאָאַסטן, אויסגעהערט מיט צושטימונג זיינע ווערטער. צי וועט זייער ווירקונג לאַנג האַלטן? פארשטאַנען האָט אים דער קיסר גוט. וואָרום זיינע דענישע קרובים האָט ער שפּעטער דערציילט: „בּכל אופן וויל הער פּואנקאַרע ניט שלום צוליב שלום. ער גלויבט אין א גוטן קריג".

מסתמא טראַכט דער פּרעזידענט אין דער דאָזיקער שעה נאָך א מאָל איבער די געשעענישן פון דער לעצטער תקופה. זיינען טאָקע אוועק ערשט פינף וואָכן, זינט ער האָט מיטן נער־ווייזן וויוויאַני געבּילדעט דעם קאַבּינעט? וואַלן אין פּאַרלאַמענט אין אַפּריל, דערנאָך די פאַרשאָלטענע הוספה־וואַלן מיטן ניצחון פון די סאָציאַליסטן אין מאַי, און צולעצט האָט דער פּרעמיער אַריינגעצויגן נאָך עטלעכע געגנער פון דער דריי־יאָריקער דינסט־צייט אין פּאַרלאַמענט. פאַלעאָלאָג האָט דעם ניצחון געשטעלט אף זיין אייגענעם חשבון: ער זאָל אים האָבן איבערצייגט.

און וואָס קאָן טראַכטן וויוויאַני אין די דאָזיקע שעהן אפן באָרט פון „פראַנס"? צי לאַכט ער זיך ניט שטילערהייט אויס פון פאַלעאָלאָגס געזעלשאַפטלעכער אופרעגונג, וואָס ער האָט ספּעציעל געלאָזט קומען פון פּאַריז לעמעטר, בכדי אויסצופּוצן מיט בּלומען דאָס הויז פון דער אַמבּאַסאַדע? דערנאָך האָט אים זיין אַמבּאַסאַדאָר, אמת, איבערגעגעבן וויכטיקע צייכנס פון דער שטימונג: אין געצעלט בּאַם גרויספירשט בעת דער רעווי האָבן בּיידע מאָנטענעגרערינס, אַנאַסטאַסיאַ און מיליצאַ, אים אָנגע־פּלוידערט פולע אויערן: „דאָס זיינען היסטאָרישע טעג, ווייסט איר! הייליקע טעג! איך האָב היינט אַ דעפּעשע פון פּאַפּאַ, אַז סוף חודש האָבן מיר מלחמה! ווייסט איר, אַז ער איז אַ העלד ווי אין דער איליאַדע, מיין פּאָטער? זעט איר דאָס פּושקעלע,

וואָס איך שייד זיך ניט דערפון! איר מיינט, דאָס איז צוקערקעס. עס איז דערין לאָטרינגגער ערד. איך האָב דאָס גענומען אף יענער זייט גרענעץ, אז מיר זיינען געווען פאר צוויי יאָרן אין פראנקרייך. דאָס איז אלץ באדעקט מיט ווילד־גראָז, איך האָב דאָס אָפּגעריסן אין לאָטרינגגען, אין אַנעקסירטן געביט, א גאנצן הויפן, און דערנאָך געלאָזט ווידער איינזייען די זאָמען! איר וועט זען, פון עסטרייך וועט בלייבן אַ תל, עלזאַס קומט צוריק, אונזערע סאָל־דאַטן טרעפן זיך אין בערלין" — און פלוצים האָט זי אָפּגע־האקט און געזאָגט שטילערהייט: „איך מוז זיך איינהאלטן, דער קיסר קוקט אף מיר".

ביידע פראַנצויזן, דורכגעטריבענער איידער זייערע קאָלעגן אין בערלין, אָבער לחלוטין ניט ווינציקער פון זיי גרייט צו מלחמה, מער געבונדן דורך דער מאשינעריע פון דער רעפּובליק, אָבער געניט אין אלע קונצן, ווי אזוי מען נארט אָפּ אַ המון: אזוי טראכטן זיי ארום די שטיקנדיקע היץ פון די פאַרגאַנגענע יום־טוב־טעג, באַקלערן די ווערטער פון היסטערישע גרויס־פירשטינס, ווי אזוי זיי וועלן שפּעטער פארצייכנט ווערן אין די מעמוארן; זייער שטימונג איז גלייך צו דער שטימונג פון א צוקוקער, וואָס מאָלט זיך אויס אין דער פּויזע, ווי עס וועט אויסזען דער ווייטערדיקער אקט, און וואָלט וועלן, ער זאָל אויסזען דוקא אזוי און ניט אנדערש.

מיט אמאָל שפּרינגט ארוף א מאטראָס איבער די טרעפּ און דערלאנגט א לאנגע ראַדיאָ־טעלעגראמע: דאָס איז דער אולטימאַטום פון ווין צו סערביען, וואָס מען האָט נאָכגעשיקט דורך ראַדיאָ, מען אָטעמט אָפּ פרייער. פּואנקארע הייסט פאָרן גלייך אהיים. וויוויאַני הייבט אָן נאָך בא־נאכט צו שיקן אינ־סטרוקציעס קיין פּאַריז, מיטן פולן דאמף! אהיים!

*

דעם צווייטן טאָג בא זון־אונטערגאַנג, אף דער הייך פון מאַלמיי, שטייען צוויי מלוכה־שעפן אף די בריקן פון זייערע שיפן, קוקן אויס, חשבונען, הייסן זייערע אָפיצערן קוקן, חשבונען און

ווידער קוקן, ביידע האָבן געקאָנט גרינג אויסחשבונען, אַז די סכנה וואָס היינגט איבער אייראָפּע רופט אהיים אויך דעם צווייטן, אַז זייערע שיפן האָבן זיך געקאָנט באַגעגענען. אין דער זעלביקער שעה פירט די „פראַנס" איר פּרעזידענט איבערן באַלטישן ים קיין האַווה, די „האָהענצאָלערן" דעם קיסר קיין קיל. בײַ ביידן קלאַפּן די הערצער אין קריגערישער אופרעגונג, ביידע האָבן געוואוסט, אַז אין דער לופט אַרום ציטערן עלעקטרישע כוואַליעס, אויבן אין די קאַבינעס האָבן זייערע ראַדיאָ-אָפיצערן געהערט פרעמדע ראַדיאָס, אָבער אַלץ איז געווען שיפרירט. פונדעסטוועגן האָט מען נאָך אַפן באָרט פון די פיינטלעכע שיפן געפרוווט פאַנאַנדערצושיפרירן; דערנאָך האָט מען אופגעהערט.

די בעלי-בתים פון ביידע שיפן האָבן אין יענע טעג באַקלערט די וועלט. אין דעם פראַנצויז האָבן די געפילן זיך געראַנגלט: ער האָט געוואָלט רעוואַנש, דאָס דערציילט ער אַליין, בכן האָט ער באַדאַרפט זיין צופרידן מיט אַן אופגעצוואונגענעם קריג; פון דער אַנדער זייט האָט ער, ווי אַ לאָטרינגער, באַדאַרפט מורא האָבן, זיין היים זאָל ניט פאַרוויסט ווערן, היות ווי ער האָט ניט געקאָנט אָנפאַלן, האָט ער באַדאַרפט ווינשן, די דייטשן זאָלן זייערע פּלענער אָפּלייגן ביז **1917**. וואָס דער קיסר האָט געפילט, איז געווען נעדרונגען בײַ זיין קווינקלענדיקער נאַטור פון שטימונגען און אומשטאַנדן: די גאַנצע צייט אַרומגערינגלט נאָר מיט מיליטער-לייט, אין דער לופט פון אַן „אַדמיראַל פון אַטלאַנטישן אָקעאַן", אָן דער געלעגנהייט צו הערן די התראה פון אַן ערנסטן פּאָליטיקער, אין נאָך אַ קלענערן קאָנטאַקט מיט אַלע קלאַסן פון פאָלק, ווי אין דער היים. דערצו טאַקע מיט אַן אמת דערצערינג איבער דעם מאָרד פון אַ גוטן פריינט, האָט ער געמוזט טראַכטן דאָס. וואָס עס באַווייזן די נאָטיצן, וואָס ער האָט געמאַכט אין יענעם חודש יולי אויף די ברעגעס פון די דעפּעשן, וואָס מען האָט אים איבערגעשיקט:

באַריכט פון ווין, וואו דער אַמבאַסאַדאָר דערציילט, אַז בערכטהאָלד קליגט זיך אַרויסצוגעפינען פאָדערונגען, וואָס סערביען זאָל ניט קאָנען אָננעמען. נאָטיץ פונם קיסר: „אָפּטרעטן פון

סאַנדזשאַק! דעמאָלט איז באַלד פאַראַן דער ויצעקו! דעם סאַנדזשאַק מוז עסטרייך ניט אנדערש באַלד קריגן צוריק, בכדי... ניט צו דערלאָזן סערביען צוצוקומען צום ים".

מיסאַ וויל זיך באַגיין איידל און פּאָרזיכטיק, דאָס שטערט בערכטהאָלדן. דעם קיסרס נאָטיץ: „אנטקעגן מערדער. נאָך דעם, וואָס געשען! משוגעת!"...

באַריכט פון לאָנדאָן, אַז די רעגירונג ריכט זיך, אַז בערלין וועט אָפּגילטן אָפּצוהאלטן ווין פון צו שטעלן פאָדערונגען וואָס קאָנען ניט ווערן נאָכגעגעבן. דעם קיסרס נאָטיץ: „ווי קום איך דערצו? דאָס האָט גאָר ניט צו מיר! וואָס הייסט „ניט קאָנען נאָכגעבן"? די פּארשוינען האָבן געטריבן אַגיטאַציע מיט מאָרד און מוזן אָפּקומען דערפאַר!" מען האָפט, אַז אין ווין וועט מען ניט באַשטיין דוקא אַף פאָדערונגען, וואָס ציען צו קריג. דעם קיסרס נאָטיץ: „דאָס איז א ניט געהערטע בריטישע חוצפּה. איך בין ניט באַרופן אַף גרייס שטייגער צו לערנען זיין מאַיעסטעט דעם קיסר, ווי אַזוי ער באַדאַרף אָפּהיטן זיין כבוד".

יאַגאָווס הבטחה, אַז מען וועט אין לאָנדאָן דערקלערן, אַז אַף די דאָזיקע אינעווייניקסטע פראַגן קאָנען מיר קיין ווירקונג ניט האָבן. דעם קיסרס נאָטיץ: „דאָס זאָל מען דעם גריי זאָגן ערנסט און דייטלעך! בכדי ער זאָל זען, אַז איך פאַרשטיי ניט קיין קאַטאָוועס... סערביען איז א רויבער-באַנדע, וואָס מען מוז איר אָפּצאָלן פאַר איר פאַרברעך!.. עכט בריטישער אופן צו דיינקען און באַפעלערישער שטייגער פון אויבן אראָפּ. און איך שטופּ דאָס אָפּ".

באַריכט פון לאָנדאָן איבער גרייס ערשטער אידיי פון א קאָנפערענץ. דעם קיסרס נאָטיץ: „איך האַלט ניט מיט; נאָר אַז עסטרייך וועט מיך בפירוש בעטן, וואָס עס לאָזט זיך ניט גלויבן. אין פראַגן פון כבוד און פון לעבן פרעגט מען ניט קיין עצות בא אנדערע".

באַריכט פון פּעטערבורג איבער סאַזאָנאָווס סטראַשונעק, אַז אויב עסטרייך וועט איינשלינגען סערביען, דעמאָלט וועט ער פירן קריג. דעם קיסרס נאָטיץ: „אַנו, זאָל ער!"

באריכט פון רוים מיט א וואָרעניש איבער דער האלטונג פון איטאליען, דעם קיסרס נאָטיץ: „דאָס איז לויטער באָלבעריי, און עס וועט שוין רעכט ווערן פון זיך".

בעטמאַן מעלדעט, אז ער מיינט, אז דייטשלאַנד באדארף דערוויל זיך האלטן רואיק. דעם קיסרס נאָטיץ: „רו איז דער ערשטער חוב פון א בירגער! נאָר רו, תמיד רק רו!!! א רואיקע מאָביליזאציע איז אויך עפּעס נייס".

אין אָט דער דאָזיקער שטימונג איז דער קיסר אָנגעקומען אין פּאָטסדאַם.

זיבעטער קאַפּיטל.

די קווינקלענדיקע.

ענגלאַנד איז געווען אויפגערעגט. וואָס איז דאָס פאַר א קריגס־דיבוק אריין אין אָט דער רואיקער נאַציע, וואָס האָט גע־זלעבט פּאציפיסטיש פון קלוגשאַפט, ניטראַל לויט דער לאַגע, פאַר־זיכטיק ווי א ראַסע! זינט וואָכן רעדט מען און מען שרייבט פון פּרייוויליקע, האַרמאַטן, אמוניציע, אַיידער אפילו אפן קאָנטינענט זיינען אָט די נעמען און בילדער געוואָרן פּאָפּולער. וואָס איז געשען אזוינס, וואָס האָט געקאָנט אויפרודערן די אינזלען?

איינער פון זיי, אירלאַנד, האָט זיך ארופגעוואָרפן אפן צווייטן, און אז דער ליבעראַלער קאַבינעט האָט אים געוואָלט באַרואיקן דורך פרייהייטן, האָט איינע פון זיינע פּראָווינצן מורד געווען און ניט געוואָלט לאָזן דורכפירן די פרייהייטן. די פּראָטעסטאַנטן פון אולסטער האָבן פּראָטעסטירט, מיט זייערע דרומדיקע ברידער האָבן זיי ניט געוואָלט לעבן בשותפות. און זייער ווילן האָבן זיי געוואָלט דורכפירן מיט באַריקאַדעס און ביקסן; ערשט אז זייערע ברידער פון דרום זיינען געוואָרן אַקטיוו, האָט מען פאַרבאָטן אריינצופירן קיין אירלאַנד געווער און אמוניציע און ארום די ברעגעס געזוכט האַרמאַטן און מינעס. איבער דעם אופשטאַנד אין אולסטער האָט די רעגירונג שוין געוואָלט מבטל זיין דעם האָמ־רול, אָבער זי האָט מורא געהאט פאר אומרוען אין דרום. וואָס

זשע טוט מען? טראַכטן דער קעניג און די מיניסטאָרן. זאָלן מיר
באַווייזן דער וועלט אַ בילד פון א בריטישן בירגער=קריג?

ווי זיי זיינען זיך אַזוי מיישב, איז דורכגעפלויגן א נייע
אומרואיקע בשורה דורך שטעט און גאסן: אין דעם סאָלדאַטן=
לאַגער קאָרעג, וואו עס ווערן זינט לאַנגע צייטן אויסגעבילדעט
זעלנער, איז געוואָרן אן אופשטאַנד קעגן קריגס=מיניסטעריום,
הויכע אָפיצערן האָבן געוואָלט אַראָפּוואַרפן א רעגירונג, וואָס איז
געווען צו מילד אַנטקעגן אירלאַנד. זינט מענטשן געדיינקען, האָט
אין ענגלאַנד רעגירט פּאַרשטאַנד און צאָל, אויך פאַנטאַזיע און
אַוואַנטיורע, אָבער קיין מאָל ניט די שווערד. איצט האָט עס א
בליץ געטאָן אפן אומרואיקן אינזל, אויך אין דער היים, עס האָט
אויסגעדוכט, אז דער פּאַרלאַמענט, וואָס פון אים שטאַמט די רע=
גירונג, שטייט אין סכנה מצד עטלעכע אָפיצערן, מצד געדונגענע
זעלנערס. מען האָט ניט געטרויט די אייגענע אויגן און אויערן.
אַסקוויט האָט געראַטעוועט זיך און דעם קאַבינעט, דורך דעם
וואָס ער איז פלוצים אליין געוואָרן קריגס=מיניסטער.

אין אָט דעם טומל זיינען די שאָסן פון סאַראַיעוואָ פאַר=
הילכט געוואָרן. וואָס געהער זיך אָן צו אונז סערביען? האָט גע=
זאָגט דער ענגלענדער פון גאס, האָט איבערגעדרייט זיין בלאַט
צייטונג און געזוכט די נייס פון בעלפאַסט און קאָרעג. נאָר ווינ=
ציק מענטשן האָבן געוואוסט, וואָס פאַר א מלחמות עס האָבן
זיך דערווייל אָפּגעטאָן אין דעם קאַבינעט, וואָסערע מלחמות אין
דער נשמה פון די פירערס. בעצם איז דער קאַבינעט באַשטאַנען
פון פינף מענטשן; צוויי אַנדערע זיינען געווען חשוב דורך זייער
אָפּאָזיציע. פון די איבעריקע זיינען דריי געווען באַלאַסט אין
מלוכה=שיף און צוויי זעגלערס.

אַסקוויט, מיט א קאָפּ פון אַ דיקנס און מיט א כאַראַקטער
פון א רוימער, קוקט מיט פיקחותדיקע אויגן אין דער וועלט
אַריין, און אז ער רעדט, פורימט דער געגאָלטער מויל שאַרף די
קאַלטע, געשטעלטע געדאַנקען, וואָס ער באַטיילט זיי מיטן אַיינגע=
האַלטענעם זשעסט פון אַן ענגלענדער. שטענדיק פעסט בא זיך,
ניט צו גיך, אַ רעאַליסט, אָבער מיט א געוויסער מורא פאַר

האסטיקע באשלוסן, זעט ער אוים מער ווי א פירער פון הויז, איידער פון קאבינעט. ער איז פאר א „בכבודיקן שלום" און קוקט זיך צוערשט צו צום קאָנפליקט פון דער ווייטנס. אפן אלגעמיינעם שלום־קאָנגרעס פאר זעקס יאָרן האָט ער געזאָגט: „די גוואלדיקע באוואָפענונגען ווערן געמאַכט ניט צוליב צירונג, אָדער צוליב ווײלונג, נייערט בכדי אויסגענוצט צו ווערן אין גע־העריקן מאָמענט, אפשר בא א צופעליקן אויסבראָך פון טעמפּע־ראמענט".

לאָרד האָלדיין איז מער פאַרקלערט: אַ הומאַניסט, מיטן קאָפּ פון אַן אַלטן קאַרדינאַל פון טינטאָרעטאָ, א שוויגער, פאר דייטשלאנד האָט ער אַ שוואַכקייט: דערפאַר קען ער אויך בעסער די שוואַכע זייטן פון דייטשלאנד. נאָכדעם ווי ער האָט שטודירט ליטעראַטור און פעדאגאָגיק אין דייטשלאנד, אויסגעארבעט א פּלאן פון טעכניקום אין לאָנדאָן לויטן בערלינער מוסטער, האָט אים קעניג עדוואַרד אָנגעטרויט דאָס קריגס־מיניסטעריום, בכדי ער זאָל פארגרעסערן די קליינע ענגלישע אַרמיי, איבערבויען דעם גענעראַל־שטאַב לויטן דייטשן שטייגער. — אַזוי האָט אים דער גורל אויסגעקליבן צו שמידן די כלי־זיין קעגן דעם לאנד, וואָס ער האָט ליב. נאָר ער איז געווען פעסט בא זיך צו באנוצן כלי זיין נאָר על פּי נויט און מיט אַ פארקלעמטן האַרץ איז ער פאר צוויי יאָרן געקומען צוריק פון בערלין, וואו ער האָט פאָר־געלייגט אַן אָפּמאַך וועגן באגרענעצן דעם פלאָט, אָבער ער האָט גאָרנישט געפועלט, ווייל טירפיץ האָט סאַבאָטירט. די דאָזי־קע פארהאנדלונגען זיינען אים באזונדערס שווער געוואָרן איבער די חלוקי דעות צווישן קיסר, קאַנצלער און אויבער־אַדמיראל, און געקומען צוריק איז ער אנטוישט מער אין די מענטשן, איידער אין די פאָדערונגען. ער האָט אָנגעבאָטן א הסכם, געפונען האָט ער חשד, צי האָט ער ניט געמוזט אָנהייבן זאָרגן, וואָס מער מען איז אריין אין יולי?

נאָך בלאסער איז געוואָרן זיין גוטער פריינט סער עדוארד גריי, וואָס זינט אכט יאָר האָט ער, אלס אויסערן־מיניסטער, אָפּגעהאלטן פון מלחמה ניט נאָר ענגלאנד, נייערט אויך דעם

קאָנטינענט. אין אָט דעם סאַמע אויסטערלישסטן צווישן די פינף כאַראַקטאָרן האָבן זיך צונויפגעמישט די נאַציאָנאַלע דאגות פון אן ענגלענדער, וואָס האָט בײַ איטלעכן קריג געזען א סכנה פאַר זײַן לאַנד, וואָס איז געווען אַף פיר פינפטל אָנגעוויזן אַפן אַרײַנפיר פון ברויט, מיט די געדאַנקען פון אן אייראָפּייער און די וואונטשן פון אַ קריסט. און דאָס אַלץ האָט אים געבראַכט צו א פּאַציפיסטישער האַלטונג, ווי קיין איין מלוכה־מאַן אין אייראָפּע האָט זיך ניט געטאָרט ערלויבן און וואָס זײַן אייגענע פּאָליטיק האָט קענען אַלע גוטע כּוונות שטענדיק געמוזט פון איר אָפּטרעטן.

ער האָט זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט, אין דער געזעלשאַפט כּמעט ניט צו טרעפן, דורך שרעקלעכע אומגליקן האָט ער גע־האַט אָנגעוואָרן זײַן פרוי און זײַן ברודער א ליבהאָבער פון פויגלען און פון פיש־פאַנג, האָט מער ליב געהאַט צו דעקלאַמירן סענטימענטאַלע פּאָעזיע איידער צו האַלטן פּאַרלאַמענטאַרישע רעדעס. ער פּאָרט ווייניק אַרום, רעדט קיין פרעמדע שפּראַך ניט, האָדעוועט קיניגלעך אין דאָרף. האָט ליב קינדער, שווייגט א סך. רעדט ער אָבער אין אונטער־הויז, ווערט אַלצדינג שטיל, וואָרום ער רעדט אין א מערקווערדיק שיינעם סטיל, אָן צו אַכטן אַף דער גאַלערייע, און זאָגט אַרויס מאָדערנע אידייען אין דעם פאָרם פון אן אַלט־ענגלישן לאָרד.

פונדעסטוועגן איז ער ניט געווען שטאַרק געניט, כּדי אין דער אַנאַרכיע פון אייראָפּע זיך אַרויסצומאַכן פון דער נעץ פון די בונדן, און ער איז אוועק צו ווײַט פון ברעג, אַזוי אַז א ניט־געווינטלעכער ווינט האָט דאָך געקאָנט דערגרייכן זײַן שיף. וואָרום אויך אים פאַרכאַפּט דער חשד פון אַלעמען קעגן אַלעמען, און נאָכדעם ווי אין בערלין האָט מען אָפּגעוואָרפן האַלדיינס פּלענער, און די סכנה פון דײַטשן פּלאָט איז אַלץ מער געוואַקסן, איז ער אוועק אַזוי ווײַט, אַז ער האָט פון קעניג עדוואַרדס אַלטע אָפּרײַדן מיט פראַנקרײַך געמאַכט איין אָפּמאַך, וואָס לויט אים האָט ענגלאַנד בײַ געוויסע תנאים, ווען א דריטער וועט אָנפאַלן,

באַדאַרפֿט נעמען אויף זיך דעם שוץ פֿון דעם פֿראַנצויזישן צפֿון־ברעג. דער איינציקער דאָקומענט, וואָס אין דעם האָט ער פֿאַר־בונדן זיין פֿאָטערלאַנד צוליב קריג, איז געווען א בריוו צום אַמבאַסאדאָר קאַמבאָן, וואָס אין אים האָט ער צוגעזאָגט, אז אויב פֿראַנקרייך וועט שטיין אין גרויסער סכנה, וועט מען זיך צוזא־מען מיישב זיין, צי מען זאָל בשותפֿות אַרויסטרעטן.

אָבער שוין מיט דעם דאָזיקן אַנטשיידנדיקן בריוו, וואָס איז געווען געשריבן אָן דעם וויסן פֿון קאַבינעט, און נאָר עטלעכע מיניסטאָרן האָבן פֿון אים געוואוסט, האָט ער אוועקגעגעבן מער פֿון דער פֿרייהייט פֿון ענגלאַנד, וויפֿיל עס איז געווען אין אים געשריבן. ער אליין האָט געגלויבט אין „פֿרייער האַנט“; אין דער אמתן האָט ער ענגלאַנד געבונדן מאָראַליש. צי האָבן ניט די אָפֿיציעלע באַראַטונגען, און נאָך מער די פּריוואַטע פֿאַרבינדע־רונגען פֿון גענעראַלן פֿון שטאַב און פֿון פֿלאָט, געשאַפֿן א לופֿט, וואָס האָט געמוזט פּאַוואָליע פֿאַרשטיקן דעם פֿרייען אָטעם פֿון אויסערן־מיניסטער? א גרויסער ענגלישער היסטאָריקער, גוטש, רעדט מכּח „פּאַקטישע התחייבותן“ אפֿילו דאָרט, וואו קיין פֿאָר־מאַלע זיינען ניט געווען. ללאָיד־דזשאָרדזש רעדט מכּח א „התחייבות פֿון כּבוד וועגן“. טשערטשיל אפֿילו מכּח א „לאגע, ווען מיר האָבן געהאַט נאָר די התחייבותן, אָבער ניט דעם נוצן פֿון א פֿאַרבינדעטן... מיר זיינען מאָראַליש געווען מחויב צו קומען פֿראַנקרייך צו הילף“.

אז דאָס קעניגלעכע פּאָר־פּאָלק האָט אין אַפּריל 1914 באַזוכט פּאַריז און גריי האָט זיך געשפּירט נאָענט צו די קאָנ־טינענט אינטערעסן, האָט ער אויסגעמיטן צו פֿאַרבינדן זיך מער. ער האָט אָבער ניט געקאָנט שטערן דעם פֿלאָט אין יוני זיך צונויפֿצורייידן מיט די רוסן אין דעם זין, אז ענגלאַנד — נאָך אַלץ אין פֿאַל פֿון א פֿאַרטיידיקונגס־מלחמה — באַדאַרף „פֿעסט־האַלטן אין צפֿון־ים“ א טייל פֿון דייטשן פֿלאָט. ער האָט ניט געקאָנט שטערן, אז בעת ער האָט גערעדט און געחלומט וועגן שלום און הסכּם, זאָלן די לייט פֿון גענעראַל־שטאַב, און בראש פֿון זיי סער הענרי ווילסאָן, איינשטעלן זייערע מענטשן אויף

מלחמה און ספּעציעל קעגן דייטשלאַנד. ער האָט ניט געקאָנט שטערן, אַז עס זאָלן אויסגעאַרבעט ווערן ביז אין די לעצטע פּרטים די פּלענער, ווי אַזוי אַרויסצוזעצן אויפן ברעג זעקס דיוויזיעס. און אַז עס זאָל שטענדיק וואַקסן די גוטפרײַנטשאַפט צווישן די גענעראַל- און אַדמיראַל-שטאַבן. דער רוסישער אַמבאַסאַדאָר האָט זומער 1914 געקאָנט שרײַבן אַהיים: „איך בין מסופק, צי עס לאָזט זיך געפינען אַ שטאַרקערע גאַראַנטיע פאַר בשותפישע מיליטערישע אָפּעראַציעס אין פאַל פון אַ קריג, ווי דער גײַסט פון דער דאָזיקער אַנטאַנטע, ווי ער ווײַזט זיך איצט אַרויס, פאַרשטאַרקט דורך די מיליטערישע אָפּריידן". בכן איז פאַר גרײ און פאַר זײַן רעגירונג געבליבן דער איינציקער אויסוועג „ניט צו קוקן די פאַקטן אין די אויגן אַרײַן", צו מאַכן זיך ניט וויסנדיק און, ווי זײַנע קאָנסערוואַטיווע געגנער האָבן געטענהט, ווײַטער „צו זיצן ניט אַנטשלאָסן און צו פּרוּוון זײַן גוטפרײַנט מיט אַלע צדדים".

אַזוי איז דאָס געשען, אַז ווען מען האָט אים אין פרי-יאָר 1914 אָנגעפרעגט אין אונטערהויז, צי עס זײַנען פאַראַן אָפּמאַכן מיט רוסלאַנד, האָט ער דאָס אָפּגעלייקנט. שפּעטער האָט ער זיך אַזוי פאַרטיידיקט: „פּאָליטישע התחייבותן מאָר מען ניט האַלטן בסוד; צוגרייטונגען פון אַרמיי און פלאָט צוליב מעגלעכע מלחמות זײַנען נויטווענדיק, מען מוז זיי אָבער האַלטן בסוד. אין אונזער פאַל האָט מען געזאָרגט דערפאַר, אַז די דאָזיקע הכנות זאָלן ניט אַרײַננעמען אין זיך קיין פּאָליטישע התחייבותן". אַז דאָס איז געווען דער פאָרמאַלער אמת, באַווײַזט פון דאָסניי, ווי אַלע לענדער פון אייראָפּע זײַנען געווען ניט געשיצט, ווי אַלע מיניסטאָרן האָבן זיך געשראָקן און געסטאַרעט זיך אויסצובאַהאַלטן זיך הינטער די האַרמאַטן, וואָרום אַהין האָט זיי געשפּאַרט די אַלגעמיינע אַנאַרכיע פון אייראָפּע.

דאָס דאָזיקע פאָלק פון סוחרים, וואָס האָט קיין מאָל ניט געטאָרט ווינטשן זיך, אַז דער גרעסטער קונה זײַנער זאָל אומקומען, האָט געמוזט, ניט געקוקט אויף דער אַלץ וואַקסנדיקער קאָנקורענץ, סטאַרען זיך אײַנצושטעלן צווישן זיך און צווישן דייטש-

לאנד אַ פאַרהעלטעניש ווי פאַרצייטן צווישן ספּאַרטאַ און אַטען: „מיר וועלן קיין מאָל ניט צולאָזן דעם חורבן פֿון אַטען", אַזוי האָט ספּאַרטאַ אָפּגעוואָרפֿן דעם פֿאָרשלאָג פֿון טעבען, „וואָרום גריכנלאַנד אָן אַטען איז אַ מענטש נאָר מיט איין אויג". מען האָט דעם קיסר און זיין אימפּעריע אַפֿן אינזל ניט געליבט; אָבער וועגן אַ געפּלאַנטן אָנפֿאַל האָט קיינער ניט גערעדט און אפילו ניט געטראַכט.

פֿונדעסטוועגן האָט גריי געוואוסט, ווי גרינג עס איז בײַ דעם ליגנערישן און נאַציאָנאַלן שטאַנד פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַלן רעכט, אַז עס זאָל קאָנען באַשולדיקן דעם אַנדערן אין צוגרייטן אַן אָנפֿאַל גראָד דער, וואָס האָט דעם אָנפֿאַל געמאַכט אָדער געוואָלט מאַכן.

ללאָיד דזשאָרדזש איז געווען אין קאַבינעט אַ קעלט, דאָס הייסט אַ שטיקל דיכטער, דערצו נאָך, ווי אַ זון פֿון אַן אָרימען וועבער, אַ קענער פֿון פֿאָלק. אין אים האָט זיך פֿאַראייניקט איבערגעשפּיצטקייט און פֿאָלקסטימלעכקייט. באַרײַרעוודיקייט און ענערגיע אין אַזאַ מאָס, אַז ער האָט בהדרגה געמוזט ווערן דער פֿירער. ער איז געווען אין גאַנצן געשטעלט אַף לעבנס־געניטשאַפֿט. פּונקט ווי אַסקוויט אַף דער טעאָריע פֿון רעכט, אַזוי דעמאַגאָגיש און בײַפּאַל־זובעריש, ווי גריי איז אויסגערעכנט, רודף־שלומדיק און אײַנזאַם. צום בעסטן האָט ער געקאָנט טראַכטן מיט די אויגן און האָט זיך געזוכט ידיעות מכח געזעץ־פּראָיעקטן איבער דעם פּלאַט אָדער קוילן־גרובן אַפֿן אָרט גופֿא, אַפֿן ים אָדער אין די גרובן, בײַ די דייטשן האָט ער שטודירט סאָציאַלע פֿראַגן, אָבער די בעסטע זייטן פֿון דאָזיקן פֿאָלק זיינען אים געבליבן פֿרעמד, ווייל ער האָט ניט געהאַט קיין טעם פֿאַר קונסט און וויסנשאַפֿט, און ער האָט פּונקט אַזוי ווייניק געקאָנט ליידן די דייטשן ווי די פֿראַנצויזן. פֿונדעסטוועגן האָט ער געזען קלאָר און האָט שוין מיט זעקס יאָר צוריק געפֿרעגט זיינע לאַנדסלייט: „קענט איר דען ניט פֿאַרשטיין, אַז דייטשלאַנד מעג זיין אומרו־איק? וואָלט איר אַליין ניט באַוואָפֿנט זיך און געבויט, אויב אייער לאַנד וואָלט געווען אַזוי איינגעשפּאַרט צווישן שונאים אין פֿאַל

פון אן אייראָפּייאישן קריג?" אלע מאָל האָט ער געהאַלטן פאַר ניט קלוג דאָס כסדרדיקע סטאַרען זיך איבערצוזאָגן איינע די אַנדערע אין באוואָפנענען זיך. צווישן די מיטגלידער פון קאַבינעט איז ער געווען צום ווינציקסטן וועלט־מאַן און אויך צום ווינציקסטן טיפּי־שער ענגלענדער.

דער לעצטער איז געווען בײדעס, טשערטשיל, אַן אור־אייניקל פון הערצאָג פון מאַלבאָראָ, האַלב־אַמעריקאַנער לויטן בלוט און קענער פון דער וועלט, איז געווען גענוטה צו שטאַרקן דאָס לאַנד, וואָס האָט אים געהאָלפן צו ווערן גרויס. ניט טיף ווי גריי אָדער רואיק ווי אַסקוויט, ניט גרונטיק ווי האָלדיין און ניט קיין פאָלקס־מענטש ווי ללאָיד דזשאָרדזש, האָט ער זיך אַ פּאָר צענדליק יאָר אַרומגעדרייט ווי אַ האַלבער אוואַנ־טיוריסט, אויסגעפּרוּווט כלערליי געביטן: ליטעראַטור און קונסט און וויסנשאַפט און טעכניק און קריג; אויסגעווען אַ וועלט, גע־שריבן ביכער איבער אַרמיי־פאַרוואַלטונג און איבער פרייען האַנדל, צוגלייך שטענדיק איבער זיך אַליין, שטענדיק פאַנטאַסטיש, שטענ־דיק שאַרף־אויגיק, ניכפּיסיק. אין אויפבוי פון ענגלישן פלאָט האָט ער א סך אויפגעטאָן, ווי אַ מענטש אַ דרייסטער איז דער קריג אים געווען נאָענט; ער און ענווער פּאַשאַ זיינען דעמאָלט געווען די איינציקע מיניסטאָרן אין אייראָפּע, וואָס האָבן געקעמפט ווי סאָלדאַטן אויפן פראָנט.

צווישן די פינף קאַבינעטן אין אייראָפּע, וואָס האָבן געהאַט די דעה, האָט דער ענגלישער, וואָס די דערמאָנטע פינף האָבן אין אים געהאַט די באַשטימענדיקע דעה, ווינציקער פון אַלע געוואָלט מלחמה, צום לייכטסטן זיך אַנטקעגן געשטעלט און דאָך זי ניט פאַרהאַלטן, הגם גראַד דער דאָזיקער קאַבינעט וואָלט זי געקאָנט פאַרהאַלטן

*

זינט אָנדערטהאַלבן יאָר איז אין לאָנדאָן געזעסן אַ נייער אַמבאַסאַדאָר, וואָס איז אין לאָנדאָן געווען באַליבט, אין בערלין פאַרהאַסט. פירשט ליכנאָווסקי, וואָס אים איז דאָס לאַנד פון זיין

מיכיע געווען כמעט אזוי ליב ווי זיין פאָטערלאנד, האָט שטענדיק געקעמפט קעגן די רעזולטאַטן פון דעם דייטשן פלאָטן-בוי, וואָס איז געווען געווענדט קעגן ענגלאַנד, און קעגן דער פריינטשאַפט פון דייטשלאנד מיט עסטרייך. דאָס, וואָס ער האָט ענגלאנד מער ליב געהאַט ווי עסטרייך, איז געווען א פעלער נאָר דערפאַר, ווייל ער איז ניט דערגאנגען ביז צום שפיץ. וואָס פון אים האָט מען געקאָנט איבערבויען בכלל די דייטשע פּאָליטיק. אומאָפּהייגיקער ווי זיינע קאָלעגן דורך ראנג, פארמעגן און דורך פריינטשאַפט צום קיסר, וואָס האָט אים געדוצט און געבעטן בא אים פּריוואטע באַריכטן. האָט דער פירשט געפּרואווט צו פירן צענטראל-פּאליטיק פון דער פעריפעריע אויס. האָט דורך דעם פארמערט זיינע שונאים אין מיניסטעריום און געמאַכט שווערער זיינע גוטע פריינט צו ווירקן פאר אים.

ליכנאָווסקי האָט דער ערשטער אריינגעטראָגן אין דעם ענין דעם טאָן פון אן אייראפייער, ער שרייבט תיכף קיין בערלין, אז עס וועט „שווער אנקומען אַרויסצושטעלן די גאַנצע סערבישע נאַציע ווי א פאלק פון רוצחים און מערדער.. די עסטרייכישע פּאָליטיק דאַרף מען באַטראַכטן ווי אן אוואנטיוריסטישע, ווייל זי קאָן ניט ראַדיקאַל פארענטפערן דעם פּראָבלעם און ניט האַבן אויס די גרויס-סערבישע באַוועגונג.” כסדר ווארנט ער נאָך מאַרט פאַרן אולטימאַטום קעגן שטיצן די באַלקאנישע אוואנטיורע: „וואָס איז שייך דער לאקאליזירונג פונם קריג.... וועט איר דאָך מודה זיין, אַז דאָס געהער אַריין אין געביט פון די פרומע וואונשן. דערפאַר האַלט איך, אַז מען מוז אָנווענדן אַלץ, אַז די עסטרייכישע פאָדערונגען זאָלן אַזוי פאָרמולירט ווערן, אַז בא א געוויסן דרוק מצד פעטערבורג און לאנדאָן זאָל מען זיי אין בעלגראַד קאָנען אָננעמען, און ניט אַז זיי זאָלן פירן צו א קריג”... די דאָזיקע התראות, וואָס צו זיי זיינען אין דער אַנדער וואָך צוגעקומען נאָך, גיבן דעם פירשט ליכנאָווסקי אַ בכבודיקן אָרט אין דער געשיכטע צווישן די דריי דייטשע דיפּלאָמאַטן, וואָס האָבן ריכטיק געזען.

יאַגאָוו, וואָס האָט שוין אויך לאַנג ניט געגלויבט אין עסטרייך, הגם ער האָט געפירט די אַלטע פּאָליטיק, האָט געטענט: ווין איז אָפּגעשוואַכט דורך די קריזיסן אַפן באַלקאַן, דעריבער מוזן מיר זי שטיצן. „מען וועט אין פּעטערבורג זיך א ביסל בייזערן, אָבער אין עצם איז רוסלאַנד איצט ניט גרייט צו מלחמה. פראַנקרייך און ענגלאַנד וועלן אויך ניט וועלן קריג... דערווייל ווערט אונזער גרופּע אַלץ שוואַכער... קאָן מען ניט דערגרייכן די לאָקאַליזירונג, און רוסלאַנד פאַלט אָן אַף עסטרייך, קאָנען מיר דעמאָלט ניט לאָזן עסטרייך פאַלן א קרבן... איך וויל ניט קיין פאַרהיט=קריג, אָבער ווען דער קאַמף זאָל אויסברעכן, טאָרן מיר ניט זיך אַרויסמאַכן".

זינט דעם אָנהייב פון דעם קריזיס ווערט דערציילט מכח אַלע אייראָפּייאישע דיפּלאָמאַטן, אַז זיי האָבן זיך געהאַלטן שטייף, בפרט ווערט געריטט בערכטהאָלדס „זייער גוטע שטימונג". מכח ליכנאָווסקין אָבער מעלדן אַלע פרעמדע דיפּלאָמאַטן שוין זינט אָנהייב יולי, אַז ער האָט „אויסגעזען שטאַרק פאַרדאַגעט" — דאָס איז געוויס א שבח פאַר אים. דאָס, וואָס ער האָט זיך גוט געקאָנט צופרידן מיט גריי, ניט געקוקט אַף זייער גאָר פאַרשיידענעם לעבנס=פיר, איז פאַר ביידן א גוטער סימן. צוזאַמען האָבן זיי אקאָרשט געהאַט פאַרענטפערט צוויי האַרבע פּראָבלעמען, וואָס מען האָט מכח דעם פאַרהאַנדלט יאָרן לאַנג: וועגן פאָדער־אַזיען און פּאָרטוגעזיש אַפריקע. זיי האָבן בכן געקאָנט זיין אָפענער קעגן אַנאַנד, ווי א וואָסער עס איז אַנדער פאָר דיפּלאָמאַטן. אַף א דירעקטער פראַגע גיט גריי דעם אמבאַסאַדאָר א דירעקטן ענטפער: קיין פאָרמאַלע אָפּמאַכן האָט ענגלאַנד מיט קיינעם ניט; נאָר די באַציאונגען מיט פראַנקרייך און רוסלאַנד זיינען „זייער אינטים".

גריי האָט לויט זיין גאַנצן מהות באַדאַרפט זיין געשטימט קעגן סערביען. בלוטיקע פאַרברעכנס און סקאַנדאַלן זיינען געלעגן אַף דער דינאַסטיע. פונדעסטוועגן זיינען זיינע ערשטע ווערטער איבער דעם אולטימאַטום געווען: „די דאָזיקע נאָטע שטייגט אַרי־

בער אלץ, וואָס איך האָב ביז אַהער געזען פון דעם מין... דאָס איז דער שרעקלעכסטער דאָקומענט, וואָס א מלוכה האָט ווען עס איז געשיקט צו אן אומאָפּהײנגיקער מלוכה".

דאָס האָט ער געזאָגט צום אמבאַסאָדאָר פון עסטרײך מענסדאָרף, אַ פארשטאַנדיקן עסטרײכישן גראף. דער דאָזיקער און דער דײטשער און דער רוסישער אַמבאַסאדאָר זײנען קרובים און מוזן באַלד, געטריבן פון זײער מיסיע, ווערן שונאים; פונקט אַזוי ווי די דרײ מושלים נוצן אוים די קרובישאַפט, בכדי צו צע־רײסן די ברידערשאַפט פון די פעלקער. און איצט טוט גרײ אין מיטן אלע דיפלאָמאַטישע קונצן דער ערשטער אין אײראָפּע דאָס נאַטירלעכע: ער רעדט מיט ליכנאָווסקין מכח די שרעקנס פון א קריג צווישן די פיר: „ווער עס וועט אויך בלײבן זיגער פון אזא קריג, אײנס איז זיכער: אַלע וועלן זײן אויסגעמאַטערט און בדלות, אינדוסטריע און האַנדל וועלן חרוב ווערן, קאַפּיטאַל־קראפט צעגישמעט; די ארבעטסלאָזיקײט וועט ארויסרופן רעוואָלוציאנערע באוועגונגען".

אין די דאָזיקע צוויי ערשטע טעג, באַאומרואיקט באַזונ־דערס דורך די ידיעות פון דער פעסטקײט אין פעטערבורג, רעדט גרײ געווענדט צו דרײ זײטן: צום סערב דורך זײן פארטרעטער: „מײן עצה איז, אָנצונעמען ווי ווײט מעגלעך, אָבער אויך אָנ־פרעגן די מײנונג פון אַנדערע מיסיעס". צום עסטרײכער: „איצט גײט עס דערין, צו פרואוון, וואָס עס לאָזט זיך נאָך טאָן, בכדי אָפּצוווענדן די סכנה". צום דײטש: „איך בין מודה, אַז עסטרײך מעג פאַרלאַנגען באַפרידיקונג און אויך די באַשטראָפונג פון אלע פערזאָנען, וואָס שטײען אין פארבינדונג מיטן מאָרד... איך... בין זיכער, אַז נאָך דער עסטרײכישער מאָביליזאַציע וועט קומען די רוסישע. דעמאָלט, דוכט מיר, איז געקומען דער מאָמענט, אַז מיר זאָלן מיט אײך און מיט פראנקרײך און איטאַליען זוכן צו פארמיטלען צווישן עסטרײך און רוסלאַנד. אָן אײער מיטהילף וועט קײן שום פארמיטלונג גאָרנישט ניט פועלן".

אַ טיפּישער בײשפּיל פון אינטערנאַציאָנאַלער פארמיטלונג; אַ באווײז, אַז דער דאָזיקער ענגלענדער האָט געשטעלט דעם

שלום פון אייראָפּע העכער פאַר דער סיסטעם פון די בונדן און גלייכוואָג.

ביידע אַמבּאַסאַדאָרן טעלעגראַפירן צו זייערע מיניסטעריומס. אָבער ליכנאָווסקי שרייבט צו די ממש נביאישע ווערטער: „גרייס פאַרשלאַג איז די איינציקע מעגלעכקייט אויסצומיידן אַ וועלט־קריג. וואָס באַ אים שטעלן מיר איין אין קאָן אַלץ און קאָנען גאָר־נישט ניט געווינען... אויב פראַנקרייך ווערט אַריינגעצויגן, קאָן ענגלאַנד ניט בלייבן גלייכגילטיק".

צוגלייך ווענדט זיך גריי קיין פּעטערבורג: „דאָ, מיין איך, וועט די עפנטלעכע מיינונג ניט האַלטן פאַר גוט, אויב מיר וועלן אָנהייבן קריג צוליב דעם סערבּישן סכסוך. זאָל אָבער דער קריג אויסברעכן, קאָנען מיר... ווערן אַריינגעצויגן, און איך מי זיך ניט צו דערלאָזן צו קריג... די איינציקע מעגלעכקייט פון שלום איז, אַז די איבעריקע פיר גרויסע מלוכות זאָלן אַלע צו־זאַמען ווענדן זיך צו עסטרייך און רוסלאַנד מיט דער פאָדערונג, זיי זאָלן ניט איבערטרעטן די גרענעצן. אויב דייטשלאַנד וועט דערויף מסכים זיין, בין איך זיכער, אַז פראַנקרייך און מיר וועלן אַרויסטרעטן אין דעם זין".

אַזוי האָט דער דייטשער אַמבאַסאַדאָר געמעלדעט אין זיין מיניסטעריום פאַר אַ השערה דאָס, וואָס דער ענגלישער מיניס־טער האָט געגעבן צו וויסן זיינע אַמבּאַסאַדאָרן, אויך דעם בער־לינער, ווי אַ מעגלעכקייט: אין פאַל פון אַ קריג וועט ענגלאַנד מסתמא ניט קאָנען בלייבן נייטראַל.

דאָ הייבט זיך אָן דער טראַגישער פּלאָנטער. זינט יענעם טאָג לאָזט גרייען ניט רוען די פראַגע: — צי זאָל איך זאָגן אָפן פאַר גאָר דער וועלט, פאַר דייטשלאַנד דאָס, וואָס איך האָב געלאָזט וויסן בסוד מיינע אַמבאַסאַדאָרן, אַז ענגלאַנד וועט אין פאַל פון קריג זיך מאָביליזירן, כדי דייטשלאַנד זאָל מורא קריגן און גיין צוריק? פּאַריז און פּעטערבורג וואַרטן אַף אונזער אויס־לייזנדיק וואָרט. געבן אַ וואָרט טאָר איך ניט, וואָרום נאָר דער פּאַרלאַמענט קאָן באַשליסן די לעבנס־פראַגע: בינד איך היינט

מיין לאַנד דורך א יאָ, קאָן מאָרגן דאָס לאַנד זיך אָפּטרייסלען פון מיר. וואָרום נים איך און ניט אַסקוויט ווייסן ניט, וואָס עס וועט זאָגן דער מענטש פון גאַס, די פּרעסע, דער פּאַרלאַ־מענט, ווען עס וועט האַלטן אַזוי ווייט. אַלץ וועט זיין געווענדט דערמאָלט פון די אומשטאַנדן, ווער עס וועט אויסזען דער באַפעלטער.

— און פונדעסטוועגן האָב איך באַדאַרפט סטראַשען! טראַכט ער ווייטער. אין בערלין און אין ווין טרייבן די מילי־טער־לייט צו מלחמה, און די גוואַלדיקע דייטשע אַרמיי, וואָס איז בעסער צוגעגרייט, איידער אירע שונאים, קאָן האָפן אַף א נצחון איבער דעם צוויבונד, אָבער נים איבערן דרייבונד.

דעם הויפּט־פונקט פון די דאָזיקע אינעווייניקסטע מלחמות האָט גרוי שפּעטער געשילדערט מיט די ווערטער: „א סכנה האָט פאַר מיר געשוועבט, אַזוי מאַוומדיק, אַז איטלעך וואָרט האָט באַדאַרפט זיין אויסגערעכנט... זי צו פאַרהיטן: נעמלעך אַז פראַנקרייך און רוסלאַנד זאָלן זיך נים אַריינוואַרפן אין א קריג מיט דייטשלאַנד מיט דעם חשבון, אַז מיר וועלן זיי אונטערשטיצן; אָבער די דאָזיקע אונטערשטיצונג וועט זיך נים לאָזן פאַרווירק־לעכן, און דערנאָך, אַז עס וועט שוין זיין צו שפּעט, וועט מען אַף אונז אַרופוואַרפן די אחריות, אַז מיר זאָלן האָבן זיי אַריינגענאַרט אין דעם געפערלעכן קריג".

אַזוי ווי אין דער אַלטער טראַגעדיע ווערט דאָ קלאָר די פאַריאַושטע לאַגע פון א מענטשן, וואָס זוכט מיט אַלע כחות פון האַרץ און גייסט אויסצומיידן דאָס פאַלשע, וואָס די צעשטערנדיקע רעזולטאַטן פון דעם זעט ער דייטלעך פאַראויס; ער איז אָבער, אַלץ איינס וואָס ער טוט, דורכן גורל געצוואונ־גען צו טאָן דאָס פאַלשע, און דאָס מחמת א שוואַכקייט, ווייל מיט יאָרן צוריק האָט ער צוגעזאָגט מיט האַלבע ווערטער. קליין איז די שולד, ריין איז דער ווילן, גרויס דער פלאַנטער, עכט דאָס שטרעבן, טראַגיש דער סוף: פונקט ווי אין דער טראַגעדיע פון עסכילאָס.

אַכטער קאַפּיטל.

די וואַרטנדיקע.

אין עקספּרעס=צוג זיצט אַ מענטש, דריי טעג און דריי נעכט איינער אַליין, טראַכט, פיבערט: איזוואָלסקיס מוח איז דער געפּייניקטסטער מוח יענע טעג אין אייראָפּע, זיין האַרץ איז דאָס ליידנשאַפטלעכסטע. ווי אַ סימבאָל שטורעמט ער גראַד איצט פון פּעטערבורג קיין פּאַריז, דורך דייטשלאַנד: ווי דער קוריער פון שרעק, אַזוי לאַנג געוואונטשן דעם מאָמענט, אַזוי געשפּירט — און דאָך צו פרי! ווייל זיין גאַנצער מהות האָט געלעכצט נאָכן דאָזיקן קריג, האָט ער שטענדיק געוואָרנט פאַר אַ צו פריען אויסבראַך, פאַר האַרטוויגס אינטריגעס אין בעלגראַד. ניט פאַר 1917, און נאָר בײַ גינסטיקע תנאים. די צייט האָט באַדאַרפט עסטרייך קרישלדיק מאַכן: דעמאָלט וואָלט געקומען איזוואָלסקיס גרויסע שעה! נאָר היינט? צי וועט מען אין פּאַריז האָבן צו פיל מוט, צי צו ווייניק? אָפּגעלאַרט אפשר אויף אַ פּאָר יאָר, אויף אַ פּאָר שעה געוויס! וואָלט די דעפּעשע אָנגעקומען פון בעלגראַד קיין פּעטערבורג מיט צוויי שעה פריער, וואָלט ער באַלד מיטגעפאָרן מיט דער „פּראַנס“, קיינער וואָלט אים ניט פאַרהאַלטן דאָ, וואו זיינע תלמידים און אפילו זיינע שונאים האָבן אים גוט געקאָנט פאַרבייטן; בײַ דער זייט פונעם פּרעזידענט וואָלט ער פאַרבראַכט אָט די וויכטיקסטע טעג פון לעבן, אַזעלכע רייכע שעהן, וואָס קערן זיך קיין מאָל ניט אום, ווען ער וואָלט מיט ביידע פירערס פון פראַנקרייך געקאָנט אויסחשבונען יעדער גאַנג ווי אויפן שאַך=ברעט, יעדער בשותּפותדיקן שריט אויספּרובירן, באַשליסן!

נאָך אויפן וואַרשעווער וואָקזאַל האָט פּאַלעאָלאָג געשוואָרן, אַז דאָס איז דער ריכטיקער מאָמענט: „דאָס מאָל איז מלחמה“, האָט ער געזאָגט שטילערהייט. אָבער ער האָט דאָך ניט געהאַט דעם פּערזענלעכן מאָטיוו: נקמה! דאָס איז געווען דער רוף פון דער נשמה, וואָס האָט זינט פינף יאָר כסדר געקלונגען אין קאָפּ פון רוסישן מלוכה=מאַן.

ער זעט אויס ווי א פּאַשאַ. מען מאלט זיך אים אויס ווי אַ בעל־הבית פון לייב־שקלאַפן; האַרטער קאָפּ, ברוטאַלע געמבע, גראָבע ליפּן, וואָס קאָנען זיך אריינזויגן אין רויב: אַלץ דערמאָנט אָן דער לעגענדע פון דעם פינסטערן רוסלאנד מיט בייטש, בראַנפּן, ווייבער. איבער דעם אבער איז געוואָרפן א פאַרלאַנג, א פאַרלאַנג נאָך נקמה.

עס זיינען איצט פאַרביי זעקס יאָר, איז ער געזעסן אין בוכלאָו׳ א מערישן שלאָס, ווי א גאַסט אין הויכן לענשטול באַם קאַמין פון גראף בערכטהאָלד. ליכט האָבן געברענט, קאַווע איז געוועזן סערווירט, די דינערס ניט צו זען, טירן צוגעמאַכט: דע־מאָלט האָט ער זיך געלאָזט אָפּנאַרן פון גראף ערנטאַל. האָט ניט גאָרטשאַקאָווס שאָטן דורכגעשוועבט דורכן צימער? מיט דריי־סיק יאָר צוריק האָט יענער געהאַט אָפּגעשלאָסן א געהיימען אָפּ־מאַכן מיט עסטרייך: ווען זי וועט אמאל די צוויי טערקישע פּראָ־ווינצן באָסניען און הערצעגאָווינע, וואָס זי האָט איבערגענומען צו פאַרוואַלטן, צונעמען פאר זיך, זאָל רוסלאַנד שווייגן; דאָס נעמ־לעכע וועט עסטרייך שווייגן, ווען רוסלאַנד וועט רעוווידירן דעם אָפּמאַך מכח די ים־דורכגוסן. דעמאָלט איז געווען דער מאָמענט, מקיים צו זיין דעם אלטן אָפּרייד, וואָס די וואָס האָבן אים אָפּ־געשלאָסן פוילן שוין לאַנג אין דער ערד.

און דאָך האָט ער זיך געלאָזט באַ אָט דעם קאַמין אָפּ־נאַרן פון עסטרייכער, האָט זיך ניט געקאָנט אויסבאַהאַלטן פאר די אָנפראַגעס אין דומע — און האָט געמוזט גיין.

נקמה פאר בוכלאָו! דאָס איז פון דעמאָלט אָן זיין געדאַנק. זיין שונאס א תלמיד, וואָס שוין אין פּעטערבורג האָט ער אים ניט געקאָנט אַריבערטראָגן, דער בעל־הבית פון הויז באַ יענער באַגעגעניש, גראף בערכטהאָלד איז דערווייל געוואָרן עסטרייכי־שער אויסערן־מיניסטער. צו צעקלאַפּן אים, צו מאַכן אויס עסט־רייך, ווען די רעכטע שעה וועט קומען — דאָס ווערט איצט דער באַוועגער פון אַלע זיינע מעשים. און ער אינטריגירט מיט די סערבן, גיט אונטער חשק טיטאָני צו גיין אף טריפּאָלי, רייצט אוף דעם באַלקאַן צו מלחמה קעגן סטאַמבול, ד.ה. קעגן עסט־

רייך, און ווידער אמאל רומעניען; ווערט אַמבאַסאַדאר אין פּאריז, כדי איינצוזעטענען מיט פראנקרייך, מיט קאיאָ קאָן מען גארנישט אויספירן, דעם פּחדן און דעם פריינט פון די דייטשן. אָבער דער־נאָך קומט פּואַנקאַרע, דער לעבּלעבער הער לואי גייט אוועק פון פּעטערבורג, אלע פּאסטנס ווערן באַזעצט מיט אָנהייגער פון צאר, פּואַנקאַרע ווערט פּרעזידענט, זיין השפּעה וואַקסט כסדר, אָנשטאט צו פּאלן. ער איז שמאַרק געפּעלן דעם צאר אין פּאריז, און אז איזוואָלסקי האָט אים באַוויזן זיין נייעם אופּטו. דער פּאר־באַרגענעם סערביש־בולגארישן אָפּמאַך קעגן די טערקן, רופט פּו־אַנקאַרע אויס, נאָך איידער ער האָט געענדיקט לייענען דעם דאָ־קומענט: „דאָס איז דער אינסטרומענט פון קריג!" דערנאָך זאָגט ער צום רוס; „אויב דער צוזאַמענשטויס זאָל אַרויסרופן אַן אריינ־מישונג פון דייטשלאַנד,... דעמאָלט וועלן מיר אויך א מינוט ניט זאַמען צו טאָן אונזער התחייבות קעגן רוסלאַנד". נאַטירלעך האָט ער באַטאָנט, אז פריער מוז דייטשלאַנד אָנפאלן.

זינט אַגאַדיר און זינט דעם שמועס פון ביידע פארבינדעטע האָט זיך אין פראַנקרייך ווידער אופגעכאַפּט דער געדאַנק פון רעוואַנש, דער באַזוך פון ענגלישן קעניג האָט אים אינגאַנצן גע־שטאַרקט. שטענדיק זיינען געווען די וואָס פירן צו א מלחמה נאָר א פּאָר טויז, נאָר עטלעכע הונדערט מענטשן, — דאָ פּונקט ווי אין אלע איבעריקע עקן פון אייראָפּע, — אבער זיי־ערע שטימען זיינען געווען הויך, זייער לאַגע מעכטיק, זייערע רייך־מיטלען גלענצנד. אַזוי האָט דער רוסישער גראף בענקענ־דאָרף געשריבן אין פעברואַר 1913 קיין פּעטערבורג: „אויב איך באַקלער קאַמבאָנס שמועסן מיט מיר... דערצו נאָך פּואַנקאַרעס האַלטונג, קומט מיר אַרויף דער געדאַנק, וואָס איז גלייך צו אַן איבערצייגונג, אז פון אַלע גרויסע מלוכות איז פראנקרייך די איינציקע, וואָס, אויב ניט צו זאָגן, אז זי וויל מלחמה, וואָלט זי זיך דאָך ניט שטאַרק מצער געווען, ווען זי זאָל אויסברעכן". פּואַנקאַרע פלעגט אַמאָל קומען צום באַזוך צום דייטשן אמבאסא־דאָר, וואָס קיין פראנצויזישער פּרעזידענט האָט דאָס פריער ניט געטאָן, אָבער זיין לאָטרינגער האַרץ האָט אַזוי הויך געקלאַפּט,

אַז אפילו הער פּאַן שיין האָט עס דערהערט. מיט אים זייַנען די פֿראַנצויזן געווען אָפֿנהאַרציק, באַרטו האָט צו אים געזאָגט: „גיט אונז אַוועק צוריק עלזאַס־לאָטרינגען, דעמאָלט זייַנען מיר מיט אייַך די בעסטע פֿרייַנט אין דער וועלט". אינם דאָזיקן יאָר האָבן זיי זיך געריכט אַף מלחמה: דער גובערנאַטאָר פֿון פּאַריז, גענעראַל מישעל, האָט געפֿאָדערט אין בודזשעט־קאָמיסיע אויסערגעוויינטלעכע צוגרייטן פֿון מעל פֿאַר דער הויפּט־שטאָט, וואָרום „דאָס איז אַן אויסערגעוויינטלעך יאָר, מיר ווייסן ניט, צי מיר וועלן אין מערץ אָדער אַפּריל ניט מאָביליזירן".

אין מאַי האָט דער בעלגישער אַמבאַסאַדאָר פֿאַרצייכנט, אַז פֿראַנקרייַך איז בלי ספק געוואָרן שאָוויניסטישער; „זיי זאָגן, אַז איצט זייַנען זיי זיכער אין ניצחון"; צוגלייַך האָט אים געזאָגט אַן אַלטער דיפּלאָמאַט: „קומט עס איצט צו אַ שווערן סיכסוך, מוזן די פֿירער פֿון בייַדע מלוכות קומען צו אַ הסכם אין דרייַ טעג, טאָמער ניט, וועט זייַן קריג!"

זינט צוויי טעג האָט דער אולטימאַטום צו סערביען געהאַלטן דעם מיניסטעריום און די פּרעסע אין גרימצאָרן, באַוונדערס פֿון וועגן טערמין. קיינער גלויבט ניט דער פֿאַרזיכערונג פֿון דייַטשלאַנד, אַז זי ווייס גאָרנישט. מען האַלט, אַז זי ווייסט דאָס ווין דעם וועג. די פֿראַנצויזישע רענטע פֿאַלט נידעריקער, ווי ווען עס איז זינט 1870. מען מוז שליסן די בערזע, אַלע מיינען, אַז דייַטשלאַנד וויל מלחמה. אין מיניסטעריום זיצט דער אַלטער ביענוועני־מאַרטען, וואָס פֿאַרטרעט בייַדע פּרעזידענטן, וואָס שווימען אַפֿן שיף, און שיקט כסדר עלעקטרישע פֿונקען איבערן ים. נאָר עס פֿעלט טאַלענט און גלאַנץ פֿון פּערזענלעכן שמועס. צוערשט פֿאַרהאַנדלט ער איבער גרויס נעכטיקן פֿאַרשלאָג מכה אַ קאָנפֿערענץ. ער זאָגט צום דייַטשן אַמבאַסאַדאָר: „אייַער ווענדונג צו אונז, צוזאַמען אויפֿצוהאַלטן דעם שלום, האָט דאָ זייער גוט געווירקט".

„דייַטשלאַנד איז איינס מיט פֿראַנקרייַך אין דעם הייסן פֿאַרלאַנג נאָך שלום", זאָגט הער פּאַן שיין. „דער פּונקט פֿון ווירקונג ליגט אין פּעטערבורג".

„איך פֿערזיכער אייך, אַז איך שטעלע אַלעס אין אָרדנונג — זעהט, אויף צו בארואיקן, נאָכדעם ווי עסטרייך=אונגאַרן וועט פֿאַרזיכערן, אַז זי איז ניט אויסן קיין אַנעקסיע“.

„בשותּפותדיקע אַרויסטרעטונגען פֿון די גרויסע מלוכות אין ווין זיינען קעגן אונזער מיינונג, מען זאָל עסטרייך=אונגאַרן און סערביען לאָזן אליין“.

הערט מען ווי זיי לייגן? שמעקט מען די פּאַרדומפּענע לופט פֿון די קאַבינעטן? מיט רעכט שטעלט דער קיסר אינם זעלביקן טאָג אַוועק אונטערן באַריכט פֿון פּאַריז — ער, אמת, מיינט דערמיט צו טרעפֿן נאָר דעם פֿראַנצויז, — די אנמערקונג: „נאַרישער פּלפּול!“

ניינטער קאַפּיטל.

די פּראָטעסטירנדיקע.

וואו איז געבליבן דער שׂכל? צי איז ער אוועקגעפֿלויגן פֿון אייראָפּע, נאָכדעם ווי ער האָט זיך עטלעכע מאָל באַוויזן מיט רחמים=בעטנדיקע בליקן הינטער די שטולן פֿון די דיפּלאָמאַטן? האָבן אפשר די בשתיקהדיקע הכנות אים אַריינגעטריבן אין יאוש? אָט דער טעמפּער קלאַפּ פֿון געפּיטערטע טאָפּלטע טירן, אָט דער גליטשנדיקער הענט=דרוק פֿון די דיפּלאָמאַטן, דאָס שאָרשקען פֿון די שיפֿריר=ביכער, דאָס בימבלען פֿון די טעלעפֿאָנען, דאָס וויקלען די קאַרטעס פֿון גענעראַל=שטאַב. דער פֿאַלשער שׂכל פֿון אָט די אַלע הערן און קעניגן? צי האָבן אים דערעסן אָט די אַלע געשטאַלטן, וואָס גראָבן זיך אין דער פֿינסטער, וואָס אַרבעטן הינטער געשלאָסענע טירן פֿון אַלטע פּאַלאַצן אַרום די טייוול=מאַשינעס, זיי זאָלן פּלאַצן פּינקטלעך צו דער באַשטימטער שעה און באַגראָבן דעם ערד=טייל מיט אַ גוואַלדיקן טראַסק? פֿאַריאושט האָט דער שׂכל פֿאַרלאָזן די קאַבינעטן און איז אַרויס אַפֿן גאַס.

עס רוישט דורך די שטעט. ער האָט זיך אַריינגעמישט צווישן די מיליאָנען, ווייל די צוואַנציק צו דרייסיק הערן פֿון

אײראפּע האָבן זיך פון אים אָפּגעקערט, ער איז געקומען צװישן די װאָס אַן נאמען, װײל די מיט די גרױסע נעמען האָבן אין אים געפּעלשט. איצט רײצט ער די שקלאַפן צום פּראָטעסט. יענע זײנען גרײט, מען באַדאַרף זײ ניט אײנצורײדן. פאַרשטיקט און פאַרשװיצט ברומען זײ; הינטער זײערע שרױבשטעק און דרײ־בײנק, קעסלען און דאַמף־האַמערס, מאַטאָרן און װאַלצן הערן זײ, װאָס עס דערצײלט זײ די צײטונג װעגן קומענדיקן שטורעם.

אָבער אינאװענט טרעטן זײ אַרױס פון זײער פאַרגליװער־טער גראָקײט, פון דער שטיקנדיקער אײנגשאַפּט פון זײערע פאַר־שטעט אין די גלענצנדע קװאַרטאַלן פונם געלט אַרײן. עטלעכע גוטע פרײנט צוזאַמען, אַנדערע מיט זײערע פרױען, און אײדער זײ זײנען דאָס תופס, אַן דאָס צו װעלן, טרעפן זיך צונױף טױזנ־טער ענלעכע מענטשן בײ די באַלעבאַטע ראָגן גאַסן, װאו די קאַפּײען לאָזן אַרײן דעם לאַרעם פון שטאָט און לאָזן אַרױס דעם לאַרעם פון די מוזיק־קאַפּעליעס. דאָרט טרעפן זיך צונױף די אײנגעמאַטערטע און אױפגערעגטע. זײ קענען זיך ניט און קענען דאָך אײנע די אַנדערע, זײער מלבוש, זײער אָנבליק, זײער קאָליר פאַרבינדט זײ אין עקבערנדיקע געדאַנקען.

זײנען דאָרט פאַראַן עטלעכע יונגעלײט, װאָס פײפן און רופן: קומט מיט! איך װײס, װאו דאָס מיניסטעריום ליגט! מאַרש פאַראױס! און מיט אײן מאָל בילדן זיך קאָלאָנעס. זײ שטעלן זיך אױס צו פינף, צו אַכט, װאָרום אַזױ זײנען זײ געװאױנט, פון מי־ליטער, פון דער דעמאָנסטראַציע, די מײדלעך נעמען זיך אונטער די הענט, די פרױען לאָזן אַראָפּ די הענט און שפּאַנען נעבן זײערע מאַנען. בײז בלישטשען אַריבער קנעפּ און אױגן פון באַװאָפנטע פּאָליציסטן, נאָר זײ לאָזן זײ דורך. איצט פאַרלאָזן זײערע װײבע לענשטולן מיניסטאָרן און אַמבאַסאַדאָרן, שטאַט־סעקרעטאַרן, גענעראַלן, לאָרדן, גראַפן און גרױספירשטן, זײ גײען צו צו די אָפענע פענסטער: װאָרום די גאַס רױשט.

צי קלינגט דאָס ניט װי אַ מאַרש, אײדער מיר האָבן באַ־פױלן צו מאַרשירן? װאָס איז דאָס פאַר אַ געזעמל, אײדער דער

קיסר אָדער דער פּרעזידענט האָבן אונטערגעשריבן דעם דעקרעט? ווילט איר איבער גוואלד?

„שלום! שלום! נידער דעם קריג!“

— אך אזוי! די סאצים! א שמייכל גליטשט זיך איבער דער געמבע פון דעם ווינער קריגס־גראף. דערשראקן קוקט אראפּ דער בערלינער קאנצלער, מיט שנאה פינקלט דאָס אויג פונם גרויספּירשט. שטום פאַרשט דער לאָנדאָנער פּרעמיער נאָך צאָל, מאָן און תנועה פון דער מאַסע, און דער פראנצויז, וואָס שטאמט פון איר, בייסט די ליפּן.

„שלום! שלום! מיר ווילן ניט קיין מלחמה!“ רוישט עס אין טויזנט קולות פון בראנדענבורגער טויער אריבער, ארום דעם ראַנג פון דער ברייטער ווילהעלמשטראסע, און צוזאמען מיטן ריח פון איבערגעזומערטע לינדן שטייגט ארויף צו די פענסטער פונם נידעריק לאַנגען מיניסטעריום עפּעס ווי דאמף פון די פארשוויצטע קליידער פון די טויזנטער.

„שלום! שלום! נידער דעם קריג!“ רוישט עס אין דער זעלביקער שעה פון ווינער בורג־רינג אריבער און פון די שטאַפּ־לען פונם גוט פארשלאָסענעם פארלאמענט דרינגען די קולות צום אויסערן־מיניסטעריום ארויף.

„נידער די מלחמה! לעבן זאל דער שלום!“ רוישט עס אין דער אייגענער שעה פון ביידע זייטן פון דער סענע־בריק ארויף צום מיניסטעריום אפן קיי ד׳ אָרסיי, און צו די טונקעלע פענסטער פונם פּרעזידענטן־פּאלאַץ הילכן אריבער די טריט, און עס קלינגען די שטורמישע אקאָרדן פון דער מאַרסעליעזע און פאָדערן פאלקס־פרייהייט.

„שלום! שלום! ניט קיין מלחמה!“ רוישט עס אין דער גלייכער שעה פון טראַפאלגער־סקווער אין לאָנדאָן, און די טרעַ־גער פונם שלום־געדאַנק פאָדערן פון די שטאַפּלען פון גרעסטן קריגס־דיינקמאל שלום פאר דער וועלט.

נאָר אין פעטערבורג איז אין יענער שעה דאָס רוישן פאַרשטומט: גיך האָט מען די דעמאָנסטראַנטן צעטריבן מיט נאַגײַקעס און שאַבלעס, מיט פערדישע פאָדקאָוועס און רעוואָלווערס, פאַנאַנדערגעטריבן, צעטראַטן, צעשאָסן. די פאַטריאָטן, יאָ, יענע הערט מען און מען זעט זיי גערן אין מאַסן: אין דער שפּיץ אַן אויטאָ, אין אים אַ גענעראַל, דערנאָך סטודענטן און אָפיצערן, מיט געזאַנג און מיט פאָנעס, אַזוי גייט מען דורך די הויפּטגאַסן.

פאַרבאָרגן הינטער אַ שלייער האָבן די דיפּלאָמאַטן פון די גרויסע מלוכות געאַרבעט צוצוגרייטן דעם קריג. יענע אָבער, וואָס זיי האָבן זיי אונטערגעשלעפּט פון זייערע קאַבינעטן פאַרמשפּט צום טויט, וואָס די אומבאַגרענעצטע פאָדערונג פון דער מלוכה האָט זיי שטענדיק געצוואונגען צו מאַרשירן, ווי נאָר די פייקלערס האָבן געפייקלט, האָבן זיך אויפגעכאַפּט און זיינען אין פלוק געווען אַנטשלאָסן זיך צו פאַרטיידיקן: אָנמעכטיק האָבן די שלום-פאַראייניקטע אין דער וועלט אויפגעהויבן זייערע שטימען פון אידעאַליסטן, אָנמעכטיק האָט דער וואַטיקאַן געמאַכט עטלעכע איינגעהאַלטענע שריט.

ווייל דער גורל פון אייראָפּע איז געוואָרן געפורימט במעט אין גאַנצן פון איין קלאַס, איז אַ צווייטער קלאַס געווען באַרופן אים אַ קער צו טאָן. ווייל די מעכטיקע האָבן זיך קיין מאָל ניט געקאָנט צונויפריידן אף אַ בוררים-געריכט, האָבן מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק די שוואַכע זיך פאַראייניקט און געפּרואווט ראַטעווען פאַר דער מענטשהייט דאָס, וואָס זיי האָבן געשטרעבט צו דערגרייכן פאַר זייער קלאַס. ווייל פילאָזאָפן און לערער פון רעכט האָבן גערופן צו די פעלקער זייערע מאָראַלישע געדאַנקען וועגן שלום נאָר אַזוי ווי פון אַ חלל אָן לופט, דערפאַר האָט די געשיכטע באַדאַרפט האָבן דעם הייליקן עגאָאיזם פון די אָרימסטע און געדריקטסטע צום רוף קעגן קריג. ווייל פאַר זיי האָט גאָרנישט ניט באַדאַרפט צוקומען פונם קאַמף און כבוד-יאָגעניש פון די נאַציעס, דערפאַר האָט גראָד פאַר זייער האַלב-

פאַרשטאַרטן בליק זיך אַנטפּלעקט דער פאַלשער פּאַטאָס פון די פּאָנעס און רעדעס, פון די נצחונות און העלדן-לידער, און מיט אַ תנועה פון נאַכטוואַנדלער האָבן זיי אַריבערגעטאַפּט צו די שאַרסטקע, ביינערדיקע פינגער פון זייערע פיינטלעכע ברידער.

„ווייל דער קריג פאַלט מיט גאָר זיין שווערקייט אויפן אַרבעטער-קלאַס און נעמט בא זיי אַוועק ניט נאָר דאָס ברויט, נייערט אויך דאָס בלוט, ווייל דער באוואָפנטער שלום פּאַראַליזירט די פּראָדוקטיווע כחות..., ווערט באַשלאָסן צוצושטיין אין גאַנצן צום שלום-קאָנגרעס אין זשענעווע, בכדי וואָס גיכער צו קומען צו אַנטוואָפענונג און צו אַ פאַראייניקונג פון די פרייע מלוכות פון אייראָפּע”. דאָס איז געווען דער ערשטער באַשלוס פון די אַרבעטער קעגן מלחמה, וואָס עס האָט אָנגענומען דער קאָנגרעס אין לאָזאַן, דורך דער מחלוקת פון די סעקטעס, דורך די זיך ביטנדיקע פּראָגראַמעס איז אָט דער געדאַנק געבליבן, אַלע עטלעכע יאָר פון דאָס ניי פּראָקלאַמירט, און האָט פאַר זיך איינגענומען די מיליאָנען. אַ שלום פון פערציק יאָר האָט די דאָזיקע גייסטער ניט איינגעשלעפערט: איצט איז געקומען דער מאָמענט צו לאָזן אַרויסדונערן דעם גרויסן ניין!

ווי אַ סיגנאַל האָט גראַף בערכטהאָלדס אולטימאַטום אַריינגעהילכט אין קרייז פון זייערע פירערס, און בעת די דיפּלאָמאַטן האָבן שפּירט טויזנט דעפּעשעס, אַבי זיך נאָר ניט צונויפצורייסן, האָבן די אַרבעטער פון זייערע לענדער ניט באַדאַרפט האָבן דעם טעלעגראַף, בכדי שוין דעם ערשטן פרימאָרגן, אין איין און דער זעלביקער שעה אין אַלע צענטרען פון דער וועלט צו דיקטירן זייערע פירערס איין און דעם זעלביקן געדאַנק, ווי דעם אויסדרוק פונם געפיל פון די מאַסן.

די וויכטיקסטע זאַצן פון די מאַניפעסטן:

בערלין. אויפרוף פון סאָציאַל-דעמאָקראַטישן פּאַרטיי-פאָרשטאַנד: „קיין איין טראָפּן בלוט פון אַ דייטשן סאָלדאַט טאָר ניט געבראַכט ווערן אַ קרבן פאַר דעם מאַכט-גלוסט פון די עסטרייכישע גוואַלד-האַרן!... דער וועלט-קריג שטייט פאַר דער

טיר! די הערשנדיקע קלאסן, וואָס אין שלום ווערגן זיי אייך, פאַראַכטן אייך, נוצן אייך אויס, ווילן אייך איצט באַנוצן פאַר האַרמאַטן־פלייש. אומעטום מוז אריינקלינגען אין די אויערן פון די מאַכט־האָבער: מיר ווילן ניט קיין קריג! לעבן זאָל די אינטער־נאַציאָנאַלע פאַרברידערונג פון די פעלקער!"

דער „פאָרווערטס" פון 25 יולי: „זיי ווילן קריג, די גע־וויסנלאָזע עלעמענטן, וואָס האָבן דעם איינפלוס אין ווינער הויף און גיבן דעם טאָן. זיי ווילן קריג — פון דעם ווילדן געשריי פון דער שוואַרץ־געלער העץ־פּרעסע קלינגט דאָס שוין אַרויס זינט וואָכן. זיי ווילן קריג — דער עסטרייכישער אולטימאַטום צו סערביען מאַכט דאָס קלאָר און באַשיימפּערלעך פאַר גאָר דער וועלט...

„ווייל דאָס בלוט פון פראַנץ פערדינאַנד און פון זיין פרוי איז געפלאָסן אונטער די שאָסן פון א צעדרייטן פאַנאַטיקער, זאָל פליסן דאָס בלוט פון טויזנטער אַרבעטער און פויערים, אַן אומזיניקער פאַרברעך זאָל אַריבערגעיאָגט ווערן פון א נאָך א סך מער אומזיניקערן.

„וואָרום דער דאָזיקער אולטימאַטום איז אין זיין פאָרם און אין זיינע פאָדערונגען אזוי אומפאַרשעמט, אַז א סערבישע רע־גירונג, וואָס זאָל הכנעהדיק צוריקטרעטן פאַר אָט דער נאָטע, קאָן רעכענען, אַז דאָס פאָלק וועט זי אין איינע עטלעכע שעה צעטרייבן.

„עס איז געווען א זינד פון דער שאָוויניסטישער פּרעסע פון דייטשלאַנד, וואָס זי האָט אָנגעטריבן מיט אַלע כחות די קריגס־גלוסטן פונם טייערן פאַרבינדעטן, און אָן ספק האָט הער פאָן בעטמאַן־האָלוועג צוגעזאָגט דעם הער בערכטהאָלד אים צו שטיצן. אָבער אין בערלין שפּילט מען פונקט אַזאַ געפערלעכע שפּיל, ווי אין ווין".

„לייפּציגער פאָלקסצייטונג" פון 24 יולי: „אין עסטרייך זיינען די שאָוויניסטישע קרייזן גאָר באַזונדערס באַנקראָט. זייער נאַציאָנאַלער געפיל באַדאַרף פאַרדעקן זייער עקאָנאָמישן חורבן

און דער רויב פון דער מלחמה באדארף אָנפילן זייערע קאַסעס".

ווין. „ארבעטער-צייטונג": „אין איטלעכן פונקט פון דער דאָזיקער נאָטע דעם גראף בערכטהאָלדס שימערירט ארויס ווי בלוט, דאָס בלוט, וואָס זאָל פארגאָסן ווערן פאַר אַ זאַך, וואָס עס איז געווען די פולע מעגלעכקייט זי צו רעגולירן מיט א בכבודיקן שלום... אין נאָמען פון די, וואָס ליידן און קומען אָפּ, ווארפן מיר ארויף די אחריות פארן אומגליק אף יענע, וואָס האָבן געמאכט דעם דאָזיקן שריט, וואָס פירט אונז אין א שרעקלעכן תהום אריין".

בודאַפּעשט: „באַם שוועל פון קריג מעלדן מיר אין נאָמען פון אונגארישן פּראָלעטאריאט, אַז אונזער פאָלק וויל קיין קריג ניט, און אַז עס האַלט יענע, וואָס האָבן דעם אומגליק ארויס-גערופן, פאַר פארברעכער, וואָס געהערן צום שאנד-סלופּ פון דער געשיכטע".

פּאַריז: ערוועס און נאָך עלף אנדערע פּאריזער צייטונגען, זעקס פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען און נאָך אנדערע געזעלשאַפטן גיבן ארויס צוזאמען דעם פּאַראָל פון גענעראַל-שטרייק, אויך די פּראָווינץ שטימט צו צו דער רעזאָלוציע, וואָס זייער קאָנגרעס האָט אָקאָרשט געהאט אָנגענומען: „צווישן אלע מיטלען צו שטערן די מלחמה און צו צווינגען די רעגירונגען זיך צו ווענדן צו בוררים, האַלטן מיר פאַרן בעסטן דעם גענעראַל-שטרייק אין אלע באַטייליקטע לענדער".

„הומאַניטע": „די עסטרייכישע נאָטע איז מוראדיק הארט. זי איז קענטיק אויסגערעכנט מיטן מיין צו דערנידעריקן דאָס סערבישע פאָלק אָדער דאָס צו צעשמעטערן. די תנאים, וואָס עסטרייך וויל ארופלייגן אַף די סערבן, זיינען אזעלכע, אַז מען מוז זיך פרעגן, צי וויל ניט די קלעריקאַלע און מיליטאַריסטישע רעאַקציע אין עסטרייך א מלחמה און מאכט אזוי. אַז מען זאָל זי ניט קאָנען אויסמיידן. דאָס וואָלט געווען דער שרעקלעכסטער פארברעך".

אזוי און ענלעך רופן איינער צום אנדערן די פירערס פון פערטן שטאַנד היינט און מאָרגן פון לאָנדאָן, רוים און בוקאַ־רעשט, בערן און שטאָקהאָלם, און דער קאַבעל ברייענגט צו טראָגן דעם זעלביקן באַשלוס פון ניי־זעלאַנד און קאַליפאָרניען. אויך דעמאָקראַטישע בלעטער וואָרענען:

פעטערבורג, „ריעטש“: דער עסטרייכיש־אונגארישער אולטי־מאַטום איז א קווימונג אף די באַרימערישע דעפעשן פון פאַריזער „מאַטען“, די איינציקע מעגלעכקייט פאַר דעם דריי־הסכם, ניט אַריינגעצויגן צו ווערן אין דעם קאָנפליקט, איז, אז די סערבישע פראַגע זאָל בלייבן איזאָלירט און מען זאָל אויסמיידן אופצומונטערן סערביען“.

זיי פאַרקלאָגן עסטרייך אפילו פאַר בערלין, און מיט רעכט:

„פון די פעלקער און די רעגירונגען, וואָס זיינען פון וועגן זייערע בונד־פאַרהעלטענישן אַריינגעצויגן געוואָרן אין אָט דער שרעקלעכער לאַגע, וויל קיין איינס און קיין איינע ניט קיין קריג. דאָס דייטשע פאָלק איז אַבסאָלוט פרידלעך, וויל מיטן גאַנצן כח פון דער נשמה, אז דאָס אומגליק זאָל אויסן בלייבן. און מיר זיינען איבערצייגט, אז אין איטאַליען, אין פראַנקרייך און אין ענגלאַנד הערשט דער זעלביקער פאַרלאַנג נאָך שלום. אויך די דייטשע רעגירונג גלויבט ניט נאָך קריג, פונקט אזוי ווי איט־לעכע אַנדערע פון די באַטייליקטע רעגירונגען. נאָך קיין מאָל איז ניט אויסגעבראָכן אַזאַ קריג, וואָס די יעניקע, וואָס באַדאַרפן אים אויסקעמפן, זאָלן אים אזוי ווינציק ווינשן. און דאָך האָט זיך די וועלט־קאַטאַסטראָפע אָנגערוקט, קעגן וואונש פון די נאַציעס און זייערע פירערס. צי האָט דאָס אַנדערש ניט געקאָנט זיין, צי האָט דאָס אַלץ געמוזט קומען אזוי, דאָס קאָן מען איצט ניט פאַנאַנדערקלייבן, — די עפנטלעכע מיינונג פון דייטשלאַנד איז, ווי מיר האָבן שוין עטלעכע מאָל געזאָגט, אוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר אָפגעטאָנע פאַקטן... אייראָפע וואַרט אפן פירשט אָדער מלוכה־מאַן, וואָס זאָל זיך צונויפריידן מיט עסטרייך און

ארויסטרעטן מיט אַ פּראַקטישן פֿאָרשלאַג אויסצוגלייכן די שטרייטנדיקע פֿעלקער" (טעאָדאָר וואָלף אין „בערלינער טאַגעבלאַט").

דער בערלינער דאָקטאָר אַרטור בערנשטיין, אַ מענטש וואָס האָט ניט געהערט צום „צעך" דיפּלאָמאַטן, וואָס די „פֿאַך־לייט" וואָלטן זיך מיט אים געוויס ניט גערעכנט, האָט דעם 30 יולי אָנגעשריבן פֿאַר דער „בערלינער מאָרגנפּאָסט" אַן אַרטיקל, וואָס קלינגט ממש ווי אַ נבואה. דער דאָזיקער אַרטיקל, מיטן טיטל „די לעצטע התראה", איז שוין געווען אויסגעזעצט, נאָר ער האָט ניט געקאָנט ווערן אָפּגעדרוקט, וואָרום נאָך אין יענעם פֿאַרנאַכט איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דער צושטאַנד פֿון קריגס־סכּנה, און אַ צייטונג מיט אַזאַ אַרטיקל וואָלט ניט געקאָנט דערשיינען. ערשט אין 5 יאָר אַרום, בעת עס האָט אויסגעפּעלט בלײַ, און מען האָט צענומען אַלטן זאַץ, האָט מען ווידער געפֿונען די פֿאַרשטויבטע קאָלאָנקעס און אָפּגעראַטעוועט דעם דאָזיקן גרויסאַרטיקן דאָקומענט פֿון פֿאַרגעסן ווערן. דאָרט איז געשטאַנען געשריבן:

„עס איז מער קיין ספֿק ניטאָ: די ניקאָלאַיעוויטשעס פֿון דער זייט און פֿון יענער זייט ווילן מלחמה... די מיליטער־לייט האָט פֿאַרשמעקט רוב, און היות ווי די אחריותדיקע פּאָליטיקער אין דייטשלאַנד טאָרן קיין וואָרט ניט רייִרן, ווען די מיליטער־לייט שמועסן, וועלן בעטמאַן און יאַגאָוו צושאָקלען מיטן קאָפּ. קעגן בעטמאַן האָט מען זיך נאָך באַזונדערס פֿאַרזיכערט; שפּאַרט ער זיך לאַנג איין, וועט מען אים טרעפֿן אין זיינע סאַמע פּריוואַטע ענינים. דאָס איז שמוציק, אָבער איצט „נאַציאָנאַלע נויטווענדיקייט"... אין עטלעכע טעג אַרום וועט שוין קיינער מער ניט טאָרן זאָגן, און אַ פּשיטא שוין שרייבן דעם אמת.

„דעריבער נאָך אין לעצטן אויגנבליק: די מלחמה־העצער האָבן אַ טעות אין חשבון. ערשטנס: ניטאָ קיין דרייבונד. איטאַליען קומט ניט מיט, לכל הפּחות ניט מיט אונז; אויב זי טרעט אַרויס, שטעלט זי זיך אַפֿילו צד פֿון דער אַנטאַנטע. צווייטנס: ענגלאַנד בלייבט ניט נייטראַל. נייערט זי העלפֿט פֿראַנקרייך... ענגלאַנד וועט אויך ניט רויִק צוקוקן, ווי דייטשע מיליטער־טיילן

וועלן מאַרשירן דורך בעלגיען, וואָס דאָס איז, ווי עס איז אַלע־מען באַקאַנט, זינט 1907 דער אָנגענומענער סטראַטעגישער פּלאַן. קעמפט אָבער ענגלאַנד קעגן אונז, דעמאָלט טרעט קעגן אונז ארוים די גאַנצע ענגלישע וועלט, בפרט אַמעריקע, מסתמא אָבער בכלל די גאַנצע וועלט. וואָרום ענגלאַנד אַכט מען אומע־טום, אויך ווען מען האָט זי ניט ליב; פון אונז קאָנען מיר, צום באַדויערן, דאָס ניט זאָגן. דריטנס: יאַפּאַן פאַלט ניט אָן אף רוס־לאַנד, גיבער אָבער אף אונז... פערטנס: די סקאַנדינאַווישע מלוכות (אונזערע „גערמאַנישע" ברידער) וועלן אונז פאַרקויפן אלצדינג, וואָס זיי וועלן אליין ניט דאַרפן האָבן, אָבער חוץ דעם זיינען זיי ניט אף אונזער צד. פינפטנס: עסטרייך־אונגארן קאָן מיליטעריש קוים באַשטיין אַנטקעגן די סערבן און רומענער. עקאָנאָמיש קאָן זי זיך גראָד דורכהונגערן אַ 3 ביז 5 יאָר. אונז קאָן זי גאָר נישט געבן. זעקסטנס: א רעוואָלוציע אין רוסלאַנד קומט העכסטנס ערשט דעמאָלט, ווען די רוסן וועלן זיין צעקלאַפּט...

„אונזערע אַמבאַסאַדאָרן ווייסן די לאַגע גאַנץ גענוי. אויך הער פאָן בעטמאַן מוז זי וויסן. עס קאָן ניט געמאָלט זיין, אַז ער זאָל לאָזן אריינפירן די אימפּעריע דורך מענטשן, וואָס פילן קיין אחריות נישט, אין אַ קריג, וואָס קאָן געדויערן פון 3 ביז 5 יאָר, דערפאַר, ווייל מחמת מורא פאַר די סטראַשונקעס פון די אַלדייטשע און מיליטאַריסטן וואַרפט ער פון זיך אַראָפּ די אחריות. צי מיר וועלן בלייבן די זיגער באַם סוף פון דער דאָ־זיקער שרעקלעכסטער פון אלע מלחמות, וואָס די וועלט האָט געזען, — דאָס שטייט אין ספק, אָבער אַפילו ווען מיר געווינען די מלחמה, וועלן מיר גאָרנישט ניט געווינען... געלט צו באַצאָלן פאַר די היזקות פון דער מלחמה, וועט מען צום סוף פון דער שחיטה אין ערגעץ ניט געפינען... דייטשלאַנד פירט די מלחמה צוליב א גאָרנישט, פונקט ווי זי איז אריין אין מלחמה איבער א גאָרנישט, — א מיליאָן הרוגים, צוויי מיליאָן קייליקעס און 50 מיליאַרד חובות — דאָס וועט זיין דער באַלאַנס פונם דאָ־זיקן „פרישן, פריילעכן קריג". ווייטער גאָרנישט".

פאַרקערט, דער „בערלינער לאָקאַלאַנצייגער“ — צו ציטירן נאָר איין ביישפּיל פון הונדערט מלחמה־העצערס — האָט געשריבן: „דער אַלגעמיינער איינדרוק פון דער עסטרייכיש־אונגאַרישער נאָטע לאָזט זיך פאָרמולירן אין די ווערטער: שאַרף, אָבער גערעכט. עס וועלן זיך געפינען אפשר מענטשן, וואָס וועלן האַלטן די פאָדערונגען פון דער ווינער נאָטע פאַר צו שאַרף; קעגן זיי באַדאַרף מען נאָר אָנווייזן אַף די פאַקטן, וואָס האָבן די דונאַי־מאָנאַרכיע געצוואונגען צו טאָן דעם דאָזיקן שריט. אויב עס זאָל ניט געשטעלט ווערן אין ספק דער גלויבן אין ווייטערדיקן באַשטאַנד פונם מאָנאַרכישן געדאַנק אין אייראָפּע, מוז אויך דאָרט עקסיסטירן א געפיל פון גערעכטיקייט און מלוכהשער און מאָנאַרכישער אחדות, פון וואַנען מען רעכנט אין סערביען אף הילף. סערביען וועט אָננעמען די עסטרייכישע פאָדערונגען, אָדער זי וועט אונטערגיין“.

די ווינער „רייכספּאָסט“ האָט סאַבאָטירט אפילו גרויס אַקציע און האָט געשריבן, קענטיק לויט בערכטהאָלדס אָנווייז, מיט די רויז־אותיות פון אַן עקסטראַ־בלאַט: „די אויפגעהויבענע שווערד פון עסטרייך־אונגארן קאָן אַפילו דורך די פאָרשלאָגן צו פאַרמיטלען מצד ענגלאנד ניט מער אָפּגעהאלטן ווערן“.

*

וואָס מער די סכנה שטייגט, ווערט דער ווידערשטאנד פון די פּראָטעסטירנדיקע אין די לעצטע יולי־טעג אַלץ שטאַרקער. אָבער דאָ שאַטירן זיך אָפּ די פאָלקס־כאַראַקטאָרן, און זייער בילד איז גלייך צו אַ רויטן פאָכער, וואָס איז צונויפגעשטעלט פון אַלע שאַטירונגען פון אָראַנזש ביז לילאַ.

פון רוסלאַנד קומט כמעט קיין קול ניט אַרויס: די אייזערנע פינגער פון די קאָזאַקן פאַרקוועטשן די העלזער, וואָס ווילן שרייען. ערשט באַם אָנהייב פון דער מלחמה, אַז די דומע האָט זיך געעפנט, לאָזט זיך פון דאָרט הערן אַ שטים.

אויב דאָ זיינען די אינטערנאַציאָנאַליסטן שטיל, ווייל די מאַכטהאָבער האָבן קענטיק באַשטימט מלחמה צו האַלטן, שווייגן זיי נאָך אין ענגלאַנד, וואָס האַלט זיך פאַר נייטראַל. די לאָנדאָנער בלעטער מאַכן ניט קיין טומל. קיין גרויסן באַטרעף האָבן ניט די קליינע מאַניפעסטאַציעס אין וועסטענד, וואו עטלעכע יונגע לייט מישן אויס זייערע פּאָנעס מיט די פּאָנעס פון די לאָנדאָנער פראַנצויזן. ערנסט גלייבט נאָך קיינער ניט אין מלחמה, ניט די גאַס און ניט די בערזע, ניט דער אַרבעטער און ניט דער אונטערנעמער. דער פלוג-בלאַט פון די סאָציאַליסטן קלייבט אויס פון אַלע מאָטיוון קעגן מלחמה דעם פּאָפּולערסטן:

„פאַר וואָס זאָלן מיר העלפן רוסלאַנד צו באַהערשן דעם קאָנטינענט? פופציק מיליאָן פונט האָבן מיר אויסגעגעבן אין דער קרימער מלחמה פאַרן דאָזיקן רוסלאַנד, וואָס איז אַ סכנה פאַר אונזער אינדישער אימפּעריע. נאָך אין די לעצטע וואָכן האָט מען אין די גאַסן פון יענער הויפּטשטאָט געשאָסן פרידלעכע בירגער. וואָס איז די גרעסערע סכנה פאַר אונז: 65 מיליאָן פון אונזער בלוט, פאַרנומען אין האַנדל און פרידלעכער אינדוסטריע, אָדער 170 מיליאָן רוסן, שקלאַוון פון אַ פאַרדאָרבענער אויטאָקראַטיע!?“

די גאַס פון ענגלאַנד וועט די שפּעטסטע אָנהייבן צו פּראָטעסטירן, נאָר די שפּעטסטע — ניין, קיין מאָל וועט זי ניט אופהערן.

אין בערלין האָבן שוין דעם צווייטן טאָג זיך געבילדעט פּראָצעסיעס פון יונגע בחורים, וואָס זיינען געגאַנגען אונטער די לינדן מיט פּאָנעס און לידער. האָבן געשריען „נידער סערביען!“ און זיינען געווען גליקלעך, ווען דער פּאָליציסט האָט זיי צום ערשטן מאָל געלאָזט פאַרבייגיין און שרייען. ווער עס האָט זיי געזען, אָט די אינגלעך און אוואַנטיוריסטן מיט זייער פוסטער לעבנס-קראַפט, וואָס האָט געזוכט אַן ארויסגאַנג, האָט באַלד אָן זיי פאַרגעסן, ווי נאָר ער איז אריינגעקומען אין איינער פון די 27 פאַרזאַמלונגען, וואו צענדליקער טויזנטער אַרבעטער האָבן

פאַרשטיקט, שטורמיש און בייז געשטימט פאַר דער דאָזיקער רעוואָלוציע:

„עסטרייך האָט מיט איר ברוטאַלן אולטימאַטום דערקלערט קריג סערביען... העלדנמוטיק האָט דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט באַוויזן פאַר דעם בלוט־דאָרשטיקן צאַריזם דעם דרויענדיקן מני־תקיל... פלאַמיק האָט דער פראַנצויזישער און דער דייטשער אַרבעטער פּראָטעסטירט קעגן פאַרברעכן פון די מלחמה־העצער. עס איז, בכן, ניט אמת, אַז די גרויסע מאַסן פון די דאָזיקע לענדער געפינען זיך אין קריגערישער שטימונג". און דורך 32 אינדוסטריע־שטעט פון דייטשלאַנד האָט אין זעלביקן אָוונט אָפּגעהילכט דער זעלביקער רוף.

אָבער נאָר אין געשלאָסענער פאַרזאַמלונג איז געווען ערלויבט דער פּראָטעסט. נאָר אונטער א דאַך, בכדי גאָטס אויער זאָל אים אזוי גרינג ניט פאַרנעמען. אונטערן פרייען הימל האָט מען געמעגט שרייען נאָר הוראַ און זינגען דעם „זיגער־קראַנץ" פאַרן קיסר, ארויסווייזן די שנאה קעגן די ברידער פון יענער זייט פּאָליטישן גרענעץ.

פונדעסטוועגן האָבן עטלעכע הונדערט מענטשן זיך איינגעשטעלט; זיי זיינען געקומען פון פרידריכשטראַסע ארויף צו אונטער די לינדן, זינגענדיק די אַרבעטער־ליד. פון דער אַנדער זייט, דורכן בראַנדנבורגער טויער, קומען אַריין די יונגע בחורים און לויבן דייטשלאַנד איבער אַלץ אין דער וועלט. פּאָליציי־רייטערס, צוזאַמענשטויס, מהומה, אָפּגעראַמט די טראָטואַרן, דער המון געטריבן פון די פערד, באַם ראָג ווילהעלמשטראַסע נייע מאַניפעסטאַציעס, באַ שאַדאָוושטראַסע נייע צוזאמענשטויסן. דער מיטלסטער וועג אונטער די לינדן ציטערט פון די פּאָדקעוועס פון די רייטערס, וואָס קלייבן זיך אלץ געדיכטער. ווער עס שטעלט זיך אַנטקעגן, ווערט ארעסטירט. מיט די פּאָדקעוועס פון די פערד, מיט קלעפּ צופּוס שטופּן זיי צוריק די אַרבעטער, וואָס ווערן אלץ מער אופגערעגט, כדי די אַמבאַסאַדאָרן ארום זאָלן ניט זען פון די באַלקאָנעס און ניט טעלעגראַפירן אַהיים, אַז עס איז פאַראַן עמיצער אין דייטשלאַנד, וואָס וויל ניט קיין מלחמה.

אזוי ווערט דער המון ארופגעטריבן אונטער די לינדן ארוף, און בעת די אַרבעטער טרעטן צוריק זינגענדיק קיין צפון, שפּאַנען די אַנדערע צום שלאָס. דאָרט לאָזט זיך דער קיסר באַשיצן פאר זיין פאָלק: דער שלאָס איז ארומגערינגלט פון סאָלדאטן. די שטים פון ליבע, די לידער פון די אונטערטאַנען קאָנען צום מושל ניט דערלאַנגען.

נאָך צוויי טעג האָט דער „פאָרווערטס" די מעגלעכקייט ארויסצושרייען דעם אמת: „אף דער מאָביליזאַציע פון די מאַכט־האָבערס איז פאַראַן נאָר איין ענטפער: די מאָביליזאַציע פון פאָלק!" צולעצט: „דער דייטשער קיסר, ווי דער פארבינדעטער פון עסטרייך, טראָגט אין די פאַלבן פון זיין טאָגע שלום אָדער מלחמה, אף אים פאַלט די אחריות... צום באַדויערן ארבעט דאָ די קאַמאַריליאַ פון די מלחמה־טרייבערס מיט דער גרעסטער אומפארשעמטקייט, בכדי צו שטערן אַלע אַקציעס פון דער רעגי־רונג און דורכצופירן די שרעקלעכע זאַך — דעם חורבן פון אייראָפּע!"

אָבער דער קיסר, וואָס האָט דאָס ניט געלייענט, און האָט נאָך קיין מאָל קיין סאָציאַליסט ניט געזעהן אין די אויגן אַז ער האָט געהערט וועגן די מאַניפעסטאַציעס, האָט ער פאַר־צייכנט אפן ראנד פון באַריכט: „דאָס טאָר ניט דערלאָזן ווערן. אויב דאָס זאָל זיך איבערחזרן, וועל איך פּראָקלאַמירן באַלעגע־רונגס־צושטאנד און ארייַנזעצן די פירערס מיט זייער גאנצער כנופיה".

קאָלאָמבוסעס איי!

*

סאַראַ ווינק פון אויבן! האָבן זיך ניט גראָד אין די דאָזיקע טעג צונויפגעקליבן די פירערס פון אַלע עקן און קאַנטן אין בריסל, וואו עס איז זייער צענטער? אינדערפרי האָבן זיי זיך צונויפגערעדט, אַז זיי וועלן זען צו דריקן צום שטאַרקסטן אף זייערע רעגירונגען, און באַשטימט שוין אפן 9 אווגוסט דעם קאָנ־גרעס, וואָס דאַרף אָפּגעהאַלטן ווערן אין פּאַריז, כדי צו ווייזן

פאַר גאָר דער וועלט, אַז זיי זיינען אייניק. אָבער אין אָוונט שפּאַרט די היץ אין א רייזיקן צירקוס, אַכט טויזנט בריסלער אַרבעטער האָבן זיך צונויפגעקליבן, אַף דער טריבונע באַווייזן זיך די פירערס: אָט דער דאָ, דער פאָרזיצער, און וואַנדערוועלדע, זייער לאַנדסמאַן, אים קענען אַלע: ער איז געוואָרן עטוואָס בלאַס און פאָרזיכטיק, דאָס געמלעכע טרעלסטרא נעבן אים. נאָר אָט באַווייזט זיך קייר הארדיס אַנטשלאָסענער קאָפּ פון אַן אידעאַליסט, ער ברענגט די שלום-וואונטשן פון ענגלאַנד, און נעבן אים רובאַנאָוויטש, וואָס איז אַקאָרשט געוועזן איינער פון די פירערס פון די שווערע שטרייקן אין פעטערבורג, האַזע, דער פירער פון די דייטשן, זייער קלוג, אפשר מער ליידנדיק ווי ליידנשאַפטלעך; אַף אים, דעם פירער פון דער שטאַרקסטער פאַרטיי אין דער וועלט, זיינען געווענדט אַלע בליקן. ער באַרימט זיך דערמיט, וואָס עס איז נעכטן פאַרנאַכט געשען אין בערלין, און אַז דער שלום-רוף פון זיינע ברידער איז די בעסטע ערבות קעגן אַלע טירפּיצעס און בערכטהאָלדס.

אָבער אָט! ווער גייט דאָס אַרויף נאָך אים אַף דער טריבונע? אַ געפּאַקטער מענטש מיט אַ לייבן-קאָפּ, בלאָנד און ביינערדיק, אָבער הערט נאָר אַקאָרשט זיין שטים, ווען עס האָט זיך איינגעשטעלט דאָס רוישן פון די טויזנטער! וואָרום ווייל זיי האָבן אים ליב, לאָזן זיי אים ניט ריידן, מינוטן לאַנג. דאָס איז זייער פירער, ער איז היינט דער געוויסן פון אייראָפּע, ער שטאַמט פון לאַנד פון דער רעוואָלוציע און פרייהייט, פאַר דער פרייהייט קעמפט ער אין מיטן דעם פּלאָנטער פון דורכגעטריבענע פאַרטייען, די רעוואָלוציע פּראָקלאַמירט ער אונטערן הימל פון איטלעכן לאַנד. דאָס איז דער ניט-געקרוינטער קעניג פון די מיליאָנען פון ביידע וועלטן, גבור פון ברידערלעכקייט און זינגער פון מענטשן-ליבע. דאָס איז דער טריבון. דאָס איז זשאָרעס.

דער וואָס שטייט דאָרט, ניט גרויס געוואַקסן, נאָר יאָדערדיק, א מענטש אין מיטן די פופציקער, איז דאָס א מאָדערנער נביא? איז ער א מענטשן-פריינט? פאַנאַטיש זעט ער ניט אויס, טראַגיש איז ער ניט אַרומגעהויכט; אים פעלט אָן, קענטיק, לעבנס-

פרייד און דער וואונש, צו פארשאפן זי א סך ברידער. אן ארימער אינגל, וואס גוטע לייט האבן אים געשטיצט בעתן שטודיום, איז ער שוין צו 25 יאר געווען דעפוטאט און פראפעסאר פון פילאסאפיע; ער האט אנגעקליבן א גוואלדיקן סכום וויסן, בכדי צו דערוויזן זיך און די מענטשן, דאס וואס זיין הארץ האט שוין לכתחילה געוואוסט. אבער צום שטארקסטן האט אריבערגעשטראמט צו די אנדערע זיין מענטשן-פרייד — דער גרונטשטריך פונם דאזיקן קינדישן לייב — באם ריידן, צו איינעם, צו דריי ציי צו טויזנט. פונקט ווי ער האט ליב פראנקרייך, וואו ער איז אויסגעוואקסן אין דער שיינער געגנט לאנגעדאק, אזוי שטארק און אזוי נאטירלעך האט ער ליב אייראפע און קאן ניט תופס זיין, פארוואס אירע טיילן קריגן זיך ארום. ער איז געווארן סאציאליסט, בכדי צו מאכן שלום, ניט צוליב קאמף, מחמת יושר, ניט פון שנאה, און אזוי קלינגען זיינע רייד.

וואס וועט ער דאס זאגן אין אט דער שעה פון גורל?

„אונזער ראלע איז גרינגער פאר דער ראלע פון אונזערע דייטשע חברים. מיר באדארפן ניט מיט גוואלד ארויסרייסן בא אונזער לאנד דעם שלום, דאס לאנד אליין וויל שלום. איך, וואס איך האב קיין מאל ניט מורא געהאט צו נעמען אף מיין קאפ די שנאה פון די שאוויניסטן, וויל איך דערנענטערן צו אנאנד פראנקרייך מיט דייטשלאנד, האב היינט דאס רעכט צו זאגן עדות פאר מיין לאנד. פייערלעך דערקלער איך, אז די רעגירונג פון פראנקרייך וויל אין דעם מאמענט שלום. די הפלאדריקע רעגירונג פון ענגלאנד גרייט צו דעם אויסגלייך און עצהט רוסלאנד צו קלוגשאפט און געדולד. ווען דאס זאל זיך ניט איינגעבן און רוסלאנד וועט פארט מארגן מארשירן, דעמאלט דערקלערט דער פראנצויזישער ארבעטער: מיר ווייסן ניט פון פארבארגענעם אפמאך, נייערט נאר דעם אפענעם... דעם אפמאך מיט דער מענטשהייט און מיט דער קולטור...

„אן א צאל מאל האט מען אינדערהיים אונז געוויזן פאר א מוסטער, זיך אפצולערנען, אף די בראווע דייטשע סאציאליסטן. נעכטן איז די פאלשע אויסדוכטעניש צעריסן געווארן, אין טויזנ-

מער האָבן אונזערע בערלינער חברים מאַניפעסטירט. נאָך קיין מאָל האָט די דייטשע אַרבעטערשאַפט אַזוי גוט ניט צוגעדינט דער מענטשהייט. פראַנצויזישע סאָציאַליסטן זיינען געווען צווישן זיי און האָבן גערופן אין דער דעמאָנסטראַציע אונטער די לינדן: נידער דעם קריג!... אויב עס וועט די אַבסאָלוטע האַרן דורך מעכאַנישן צוואַנג און דער שכרות פון די ערשטע קאַמפן אָפּגילטן אָנצופייערן די מאַסן, ביז טויט און עלנט וועלן פון אומעטום אַרויסשטשירען זייערע ציין, און דער טיפוס וועט פאַרענדיקן דאָס, וואָס די קוילן האָבן איבערגעלאָזט. דעמאָלט וועלן אלע חיילות זיך ווענדן צו זייערע מושלים און פרעגן: צוליב וואָס זיינען אָט די הויפנס פון הרוגים! דעמאלט וועט די אָפּגעבונדענע רעוואָלוציע צו זיי זאָגן: אוועק, און בעט רחמים בא גאָט און מענטשן! קאָנען מיר אָבער דעם שטורעם איינשטילן, דעמאלט וועלן די פעלקער רופן: מיר ווילן דעם טויט־שאָטן פאַרשטעלן דעם וועג, ער זאָל ניט אַרויסקריכן אַלע זעקס חדשים פון קבר, בכדי צו שרעקן די וועלט!...

„איך דאַנק די דייטשע חברים אין נאָמען פון די פראַנצויזישע און איך זאָג צו: מיר וועלן זיי ווייטער ברידערלעך שטיצן אין אַנטשלאָסענעם קאַמף קעגן דעם צעשטער־אימפעט פון די מלחמה־טרייבערס, געטריי ביז צום טויט!“

דער צירקוס טרייסלט זיך פון גוואַלדרופן. אכט טויזנט מענטשן זיינען אופגעשטאַנען פון זייערע ערטער. זייערע קערפערס ווילן זיך אויסציען, ווארום זייערע נשמות האָבן זיך דערהויבן. דאָס איז דער אמת! אַזוי פילן זיי אלע! צי האָט קיינער ניט געהערט דאָס וואָרט צום סוף פון דער רעדע? טויט!

קיין מאָל וועט שוין זשאַן זשאָרעס מער ניט אופהויבן זיין לייב־שטים צו דער מאַסע.

*

פאַריז האָט א נייע סענסאַציע. זינט מען האָט זיך אַרומגעקריגט פאַר אָדער קעגן דרייפוס, זינט צוואַנציק יאָר האָט פּאַ=

ריז זיך ניט אריינגעטאָן מיט אזאַ פּרעו אין א געשעעניש, ווי אין דעם פּראָצעס פון דער פרוי פון קאַיאָ, דעם געוועזענעם פּרעמיער, וואָס האָט געהאַט דערשאָסן דעם רעדאַקטאָר פון „פיגאַרא" פאַר זיינע פּאָליטישע אנפאַלן אַף איר מאַן, און אויך פאַר נאָך עפּעס.

אין דער צייט ווען גאַנץ אייראָפּע האָט געקרעכצט אונ־טער דעם דרוק פונם אולטימאַטום, האָבן די פּאַריזער פיבערדיק געוואַרט אַף די רעדעס פון די אָנקלאָגערס און פאַרטיידיקערס, און די בלעטער האָבן פאַר די דעפּעשן פון ווין און פון בעל־גראַד געבראַכט מעגלעך מעשיות און בילדער פון דער פרינעמער מערדערין. ניט אלע האָבן געוואוסט, אַז די פּאָליטישע רעזולטאַטן פון די מאָרדן פון קאַלמעט און פון ערצהערצאָג קרייצן זיך סוף כל סוף, און אַז די באַפרייאונג פון מאַדאַם קאַיאָ איז צוגלייך אַן אומשולד־דערקלערונג פאַר דער שלום־ליבע פון פראַנקרייך, וואָס איז געזעסן אַפן באַשולדיקונג־באַנק.

די עפנטלעכע מיינונג איז געווען איינגעמידט, דערצו האָט מען נאָך געוואָלט זיך באַפרייען פון דער ענין, בכדי צו ווענדן זיך צו דער נייער, גרעסערער געשעעניש, וואָרום שוין זיינען די ברידער פון די בערלינער שרייערס געגאַנגען אויך דורך די בול־וואַרן פון פּאַריז.

די סאָציאַליסטן האָבן צונויפגערופן זייערע מענטשן:

„זינט שבת שטראָמט א היפּנאָטיזירטער המון דורך די גרויסע בולוואַרן און שרייט: אַף בערלין, לעבן זאָל דער קריג!... אויב מען זאָל היינט פאַרנאַכט די דאָזיקע משוגעים ניט צווינגען צו שווייגן, דעמאָלט איז מאָרגן אלצדינג אויס. דעריבער קומט אַלע היינט נאָך אינאָוונט צום הויז פון „מאַטען" און רופט: ני־דער די מלחמה!"

דעם צווייטן טאָג: אן אופרוף צוצוגרייטן א גענעראַל־שטרייק אין פּאַריז. דאָס איז א היסטאָרישער טאָג: היינט אינ־דערפרי האָט זיך צום ערשטן מאָל דערהערט די שטים פון א סאָציאַליסט, וואָס קווינקלט זיך צווישן פּעטערלאַנד און מענטש־הייט. מיט זיבן יאָר צוריק אין שטוטגאַרט האָט ער געקוואָלן:

„דער פראנצויזישער גענעראל־שטאב איז דורך אונז מאָראליש אנטוואפנט; ער ווייס, אַז אַ קריג באַטייט אַן אופשטאַנד פונם פּראלעטאריאט". דאָס איז ערווע, און דאָס וואָס ער זאָגט איצט אַרויס אין צוויי גרויסע ארטיקלען פון זיין צייטונג באַצייכנט דעם אָנהייב פון א קריזיס פונם אינטערנאציאָנאַל, וואָס אין עטלעכע טעג ארום האָט זיין באַנקראט באַשטימט דעם גורל פון אייראָפּע. וואָס באַוועגט אים היינט? איז דאָס דער קוויינקלענדיקער געפיל פון א פּראָבלעמאטישער נשמה? אָדער ער גלויבט, אַז דייטש־לאַנד וועט אנפאלן?

„ווי! אונזער שיינער חלום וועגן אַן אינטערנאַציאָנאַלן גע־נעראל־שטרייק קעגן מלחמה, וואו איז ער אהינגעקומען? מיר האָבן געחלומט צו פירן די פעלקער קעגן זייערע רעגירונגען, בכדי זיי צו צווינגען צו קומען צו בוררים אין זייערע קאָנפליקטן, אָבער אונזערע פליגלען זיינען צעבראָכן געווארן אונטער דעם שטופּ פון דער ווירקלעכקייט און מיר זיינען אראפּגעפּאלן אף דער ערד, איטלעכער אַף זיין היים־ערד, מיטן איינציקן געדאנק זי צו פארטיידיקן קעגן א ברוטאַלער אינוואזיע, אזוי ווי אונזערע עלטערן האָבן דאָס געטאָן!... וואָלט דאָס געווען א מלחמה צו פארטיידיקן אַ קליין אונטערדריקט פאָלק! נאָר עס גייט וועגן פּרעסטיזש פון צאַר, וועגן כבוד פון דער רוסישער רעגירונג! ראבלע, וואָלטער, וויקטאָר הוגאָ וואָלטן בא די דאָזיקע ווערטער אין זייערע קברים ארויספּלאַצן מיט געלעכטער. ניקאָלאיס כבוד קאָן דאָס ניט פארטראגן, ווען מען פארטשעפּעט סערביען! גאָר אזוי איידל האָט ער זיך ניט אויסגעפּינט, אונזער הער פאר־בינדעטער, בעת ער האָט דערווארגן פינלאַנד, געדריקט פּוילן און אידן!...

אונזער גרופּע אין פּארלאַמענט מיינט, אַז די אריינמישונג פון רוסלאַנד קאָן נאָך פארגרעסערן די סכנה, אָן צו גאראנטירן די אָרימע סערביען. דאָס וואָלט געהייסן נאָר שפּילן די שפּיל פון די דייטשע אימפּעריאליסטן און פילן, אַז זייער שעה איז געקומען!"

„דאָס פאָטערלאַנד איז אין סכנה!“ רופט ער אָף מארגן. „דאָס פאָטערלאַנד פון דער רעוואָלוציע איז אין סכנה! דאָ אין פאריז האָבן מיר שוין אויסגעמעקט פונם אינטערנאַציאָנאַל די סטראָפע איבער די גענעראַלן, און איצט איז דער אינטערנאַציאָנאַל נישט אַנדערש נאָר די מאַרסעליעזע, וואָס אונזערע עלטער־זיידעס האָבן געזונגען מיט הונדערט יאָר צוריק!“

צי הערט מען דורך אָט דער גלענצנדער סטיליסטיק דאָס צאַפּלעניש פון אומרואיקן געוויסן? „דאָס פאָטערלאַנד פון דער רעוואָלוציע איז אין סכנה!“

נאָר די מאַסן ווייזן אויס נאָך צו זיין פעסט. אָפּן אוונט נאָך די בערלינער דעמאָנסטראַציעס איז אָנגעזאָגט א ריזן פאַר־זאמלונג פון דער אַלגעמיינער קאָנפעדעראַציע. די פאַרזאַמלונג ווערט אין דער לעצטער מינוט פאַרבאָטן. „ווייל די רעדנער ווילן באַקלערן מיטלען, ווי אַזוי צו שטערן די מאָביליזאַציע“. איז דאָס ווילהעלמס אַן עכאָ? צי האָבן די הארן פון דער רעפּובליק געלייענט זיין נאָטיץ? אַלע מיטלען קענען קריג זיינען פאַרבאָטן. נים בילדן קיין גרופּעס, פּאַציפיסטן! צעגייט זיך, ברידער! אונזער פּרעסטיזש איז אין סכנה!

אָף מאָרגן ברייגגט אַן אילוסטרירטע צייטונג אין פאריז א בלאַט, וואו אָף איין זייט איז אָפּגעמאָלט ווילהעלם, אָף דער צווייטער פּואַנקאַרע, ביידע באַגריסט מיט פרייד, בעת זיי קומען צוריק אין זייערע רעזידענצן. פון ביידן האָפן נאָך די פעלקער אז זיי וועלן האַלטן שלום.

צענטער קאַפּיטל.

דער אייראָפּייאישער קאָנצערט.

ווידער אַמאָל צוריק אין דער איינגשאַפט פון די קאַבינעטן! לאָמיר הערן, וואָס עס פאַרבימערט אַזוי שטאַרק די פירערס פון די מלוכות? וועלן זיך אַנטפּלעקן וואָגיקע פּראָבלעמעס, וואָס קאָנען פאַרענטפערט ווערן נאָר איבער גוואַלד?

אַפילו דאָס, וואס זיי באַהאַלטן, איז ניט מער ווי די קעגנזייטיקע מורא פון די גרופּעס איינע פאר דער אנדערער, ריזיק אויסגעוואקסן. אַלץ, וואָס עס זאָגן איינער צום אנדערן די עטלעכע טוץ מענטשן, וואָס אין זייערע הענט געפינט זיך דער גורל פון אייראָפּע, איז אין ערגעץ ניט טראגיש, העכסטנס טרויעריק, אין ערגעץ ניט געהויבן, מער ניט לעכערלעך. קיינער פון די אָנצאליקע, וואס אין פינף יאָר ארום, נאָכדעם ווי זיי האָבן אָנגעוואָרן זייערע זין און זייערע מאַנען. האָבן זיי געזוכט אין די שריפטן פון זייערע נאַציעס א טרייסט אין דער נויט פון זייער אומשולדיק פאטערלאנד און אין דער טייוולאָנישער פארשווערונג פון זיינע שונאים, וואָלט דעם דאָזיקן אינטערנאציאנאלן אמת ניט באַדאַרפט לייענען, — ער וואָלט מיט קללות ארויספּלאצן, וואָס דאָס אים טייערסטע לעבן איז אומגעקומען מיט נאָך מיליאנען פאר א גאָרנישט; איבער דעם פארברעכערישן לייכטזין פון עטלעכע גראפן, מחמת דער אומפארזיכטיקייט פון דייטשע פּאָליטיקער, מחמת דעם גלוסט נאָך מאַכט פון רוסישע גרויספירשטן, מחמת דער נערוון-שוואכקייט פון געקרוינטע האַרן. זיי זיינען אומגעקומען פאר מענטשן, וואָס אין שולד און גלוסטיקייט, אין צילן און פארלאנגען, אין כשרונות און פארברעכנס האָבן זיי מיט קיין זאַך ניט דערהויבן זיך איבער דער דורכשניט-מאָס, און נאר אין איין זאַך זיינען זיי געווען גרויס: אין די מיטלען, וואָס דורך זיי האָבן זיי אָפּגענאַרט מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן און זיי אומגעבראכט.

*

גראף בערכטהאלד האָט געשמייכלט. ער איז געווען געוויינט, ווי א קאַוואלער, צו באַהאַלטן אלע זיינע געפילן אונטער א מאַסקע פון א שמייכל. אַזוי האָט ער קיינעם ניט געלאָזט מערקן, ווי פיינלעך עס איז אים געווען דער ענטפער פון בעלגראַד. דער דורכגעטריבענער פאשיטש האָט זיך דערקלערט פאר באזיגט. דער קעניג פון א פרייען לאַנד האָט זיך מתחייב געווען צו דערקלערן עפנטלעך פאר א פארברעכן די אידעאלן פון

א ראסע און נאַציע, אָפּצוזאָגן פון זייערע שטעלעס פאַרטיידיקער פון פאַטערלאַנד לויט דער פאָדערונג פון פיינטלעכן שכן. די מלוכה־מענער פון אייראָפּע האָבן פרייער אָפּגעטעמט, אַז זיי האָבן אויף מאָרגן נאָך דער לעצטער סצענע אין בעלגראַד געלייענט, אַז פּאַשיטש האָט זיך אונטערגעגעבן.

נאָר בערלין האָט דעם אמת ניט געוואוסט. שוין צוויי מאָל האָט ווין זי גרונטיק אָפּגענאַרט. בערכטהאָלד האָט פאַר די בערלינער אויסבאַהאַלטן, אַז די אויספאָרשונג האָט אפיציעל אויסגעפונען „קנאַפּ" מאַטעריאַל צו באַשולדיקן די סערבישע רעגירונג, און בערלין האָט געגלויבט, אַז יאָ איז פאַראַן מאַטעריאַל „גענוג", כדי כאָטש צום טייל צו פאַרענטפערן דעם אולטימאַטום פאַר אייראָפּע. ווייטער האָט בערכטהאָלד פאַרזיכערט בערלין, „אַז עסטרייך־אונגאַרן... האָט ניט בדעה צו פאַרגרעסערן איר טעריטאָריע" אָבער פאַרשוויגן, אַז דער ווינער קאַבינעט האָט אַקוראַט קעגן טיסאַס התראה, געהאַט באַשלאָסן, „צו פאַרקלענערן סערביען לטובת אַנדערע מלוכות".

איצט האָט אויך ניט די עסטרייכישע רעגירונג און ניט דער אַמבאַסאַדאָר ניט אריבערגעשיקט דעם טעקסט פון דעם סערבישן ענטפער קיין בערלין, און ערשט, אַז עס זיינען אריבער פיר און צוואַנציק טייערע שעה׳, האָט דער סערבישער אַמבאַסאַדאָר אַליין אים געבראַכט, און מען האָט אים געקאָנט אָפּשיקן צום קיסר קיין פּאָטסדאַם. עס איז געווען 10 אזייגער אינאָוונט, בעת דער דאָזיקער וועלט־היסטאָרישער אַקט איז אָנגעקומען. דער מאָנאַרך האָט אָפּגעלייגט דאָס לייענען.

אויף מאָרגן אינדערפרי לייענט ער דעם אַקט; איז נשתומם, אָטעמט אָפּ: גאָט האָט אים ווידער אַמאָל באַפרייט פון דער נויטווענדיקייט צו פירן קריג, באַשיימפּערלעך זיין האַנט האָט געפירט די סערבישע פּען, האָט ער, דער קיסר, ניט באַוויזן, אַז ער שרעקט זיך ניט? ווין האָט געזיגט, בוקאַרעשט איז געוואָרנט, כאָפּיאַ אופגעמונטערט. נאָך א זשעסט, און ער ראַטעוועט דעם פאַרבינדעטן!

דער קיסר שרייבט באַם ראַנד: „אויסגעצייכנטער אופטו פאַר אַ טערמין פון נאָר אַכט און פערציק שעה! דאָס איז מער ווי מען האָט זיך געמעגט ריכטן! א גרויסער מאָראַלישער ניצחון פאַר עסטרייך; אָבער דערמיט ווערט בטל יעטווידער גרונט פאַר א מלחמה, און גיזל האָט געמעגט רואיק בלייבן אין בעלגראַד! דערויף זעענדיק וואָלט איך קיינמאָל ניט באַפוילן קיין מאָביליזאַציע!" צוגלייך צו יאַגאָוון: די פאַרהאַנדלונג וואָלט געקאָנט אויפקלערן אויך די לעצטע פונקטן, נאָר מען מוז די עסטרייכער צוליב טאָן, זיי מוזן אריין אין שונאס לאַנד, פאַרנעמען בעלגראַד ווי א משכון. אַף דעם באַזיס וויל ער פאַרמיטלען.

א נערוויזער מענטש, וואָס האָט מורא צו זיין שרעקעוודיק, אַליינהערשער, וואָס איז געוויינט צו מאַכן האַלט, ווען עס איז אים וואויל געפעלן: אַזוי ווערט די קראַנקע נשמה פונם דאָזיקן מענטשן, וואָס וויל שטענדיק נאָר מאַכן אַן אנשטעל, אַרומגעשליידערט פון אַן אימפולס צו טראַשען צו א נייער אימפולס נאָכצוגעבן.

אין יענע טעג איז ער דורכאויס פרידלעך; וואָס פאַלט נאָך פון זיין האַנט אַף די געדולדיקע ווייסע ראַנדן פון די אַקטן? אַף אַן אַרטיקל, וואָס פאַרלאַנגט פון אים, ער זאָל דורכאויס זען ווי עס וועט זיך האַלטן רוסלאַנד: „איך האָב ניט געקאַנט משער זיין, אַז דער צאַר זאָל זיך שטעלן אַפן צד פון באַנדיטן און קעניג=מערדערס. אַ גערמאַנער איז צו אַזאַ פּסיכאָלאָגיע ניט מסוגל, דאָס איז סלאַוויש אָדער לאַטייניש".

דערוויל האָט גראַף בערכטהאָלד געלאָזט פאַרשפּרייטן א גאַנצן כתב קעגן סערביען, וואו עס זיינען אויסגערעכנט געווען אַלע אירע חטאים. דער דאָזיקער דאָקומענט איז געשריבן אין א געדרייטן, געצירקלטן לשון מיט א סך ווענדונגען פון א הויפישן סטיל. דער דאָזיקער סטיל דאַרף נאָר באַהאַלטן דעם גלוסט נאָך קריג.

חוץ אַלעמען, איז מען פאַרדאַגעט, ווער זאָל דאָס „איבערגעבן" די קריגס=דערקלערונג. גיזל האָט דאָך באַדאַרפט תיכף אָפּפאָרן, שיקן דורך פּאָסט וואָלט געווען אומזיכער, ווייל די

סערבן וואָלטן געקאָנט אָפּלייקענען, אַז זיי האָבן זי געקראָגן צו דער ריכטיקער צייט, א פּאַרלאַמענטער וואָלט זיך ניט געפּאַסט, ווייל די מלחמה האָט זיך נאָך ניט אָנגעהייבן. סוף כל סוף האָט מען געפונען דעם פּשוטסטן און קליגסטן וועג; מען האָט זי טע־לעגראַפירט דעם 28 יולי, 11 אזייגער פאַרמיטאָג, אף פראַנצוי־זיש, איבער בוקאַרעשט קיין בעלגראַד:

„היות ווי די קגל. סערבישע רעגירונג האָט ניט געענטפערט אף א באַפרידיקנדיקן אופן אף דער נאָטע, וואָס דער עסטרייכיש־אונגאַרישער אַמבאַסאַדאָר אין בעלגראַד האָט איר איבערגעגעבן דעם 23־טן יולי 1914, געפינט די ק. און ק. רעגירונג זיך געצוואונגען, צו זאָרגן אליין פאַר דער אפּהיטונג פון אירע רעכט און אינטערעסן און צוליב דעם צוועק צו ווענדן זיך צום כוח פון געווער. עסטרייך־אונגאַרן באַטראַכט זיך פון דעם מאָמענט אָן אין צושטאַנד פון קריג מיט סערביען.“

דער עסטרייכיש־אונגאַרישער אויסערן־מיניסטער
גראף בערכטהאלד“.

פאַר אָט דער דאָזיקער ערשטער קריגס־דערקלערונג טראָגט ווין אליין די אחריות. וואָרום אין דער זעלביקער שעה, בעת עס איז אין בערלינער מיניסטעריום אָנגעקומען די ידיעה, אַז מען דאַרף זיך ריכטן אף אזא שריט, אָבער עס איז נאָך מעגלעך אים צו פאַרהאַלטן, האָט מען דאַרט גראָד צונויפגעשטעלט א דעפּעשע צו טשירשקי, בכדי לויט דעם קיסרס אָנווייזונגען, „צו פאַרמיטלען שלום“. אין עטלעכע שעה אַרום האָט בערכטהאָלד געלאָזט דערקלערן אין בערלין, אַז אויך דער לעצטער ענגלישער פאָרשלאָג איז שוין געקומען צו שפּעט פאַר די געשעענישן, ד. ה. פאַר זיינע אייגענע מעשים. בעטמאַן פאַרקערט האָט טעלעגראַ־פירט צו די פיר גרויסע קאַבינעטן: „דייטשלאַנד באַמיט זיך

בסדר צו פועלן בא ווין, ז זאָל זיך אָפּן דורכריידן מיט פּעטערבורג".

פון היינט אָן, וויבאַלד דער שלום ליגט אַנידערגעוואָרפן אף דרערד, איז זיין באַזיגער „גראַף בערכטהאָלד אין זייער א גוטער שטימונג און האַלט זיך גרויס מיט די פיל מזל־טובֿס, וואָס קומען פון אַלע זייטן". דעם גראַפס שמחה האָט אָבער לאַנג ניט געהאַלטן: צוויי יאָר שפּעטער האָט ער געענטפערט אף דער פראַגע, ווי האַלט דאָס מיטן קריג: „לאָזט מיך צו רו דער קריג איז מיר שוין לאַנג דערעסן!"

מיט טראַסק וואַרפט כמעט די גאַנצע עסטרייכישע פרעסע וואָס האָט די לעצטע וואָכן זיך ניט געקאָנט מער דערוואַרטן, איר באַגייסטערונג אריין אין דער מאַשין: סערביען מוז צעטראָטן ווערן.

אין דעם דאָזיקן ערשטן טאָג פון אייראָפּייאישן קריג ווערט אויך גאָט צום ערשטן מאָל מאָביליזירט. וואָרום דער אַלטער קיסר ווייס: „דעם גרויסן באַטייט פון מיינע באַשלוסן און איך האָב זיי אָנגענומען מיט בטחון אף גאָטס גערעכטיקייט". אין צוויי טעג אַרום קומט דער דייטשער גאָט אין אַ טעלעגראַם פון קיסר: „איך פאַראייניק מיינע תפלות מיט דיינע, אַז גאָט זאָל אונז בײַשטיין". דער רוסישער גאָט שטעלט זיך דער דריטער, פון אים זאָגט דער צאַר צום דייטשן אַמבאַסאַדאָר, ווייזנדיק צום הימל אַרוף: „דאָ קאָן נאָר איינער העלפן!" נאָך אָט די דריי אָנרופן קוקט מען אף גאָט פונקט אַזוי ווינציק ווי אף מענטשן: מען שלעפּט אים צו אָפּט אין פעלד אריין.

אין גאָטס נאָמען, הייסט דאָס, הילכן אין אַזאַ נאַכט די ערשטע שאָסן צום הימל אַרוף! נאָר אַ פּאָר שאָסן, אָבער זייער ווידער־קול וויל ניט פאַרשטומען. אייראָפּע איז געוואָרן אַ לאַנד פון בערג, צו טויזנטער האָבן זיי זיך אויפגעהויבן אין דער ערשטער נאַכט פון דער מלחמה צווישן די פעלקער, קיינער איז ניט בכּוֹלת ארייננצוקוקן אין אַנדערנס טאָל. אַזוי הויך טאָרטשען אַרוף פעלזן און גלעטשערס צווישן די מענטשן, וואָס נאָך נעכטן האָבן זיי זיך גרינג צונויפגערעדט, ניט געקוקט אף זייערע פיל

שפראכן, געביטן סחורה און אַרבעט. געדאַנקען און פרויען. אייראָפּע איז געוואָרן אַן אַלפּן־לאַנד. און דערפאַר וועט דאָס אָפּ־נעמען פיר יאָר, ביז די אָנצאָליקע ווידער־קולות פונם ערשטן שאָס וועלן אנטשטומט ווערן.

סאָטיר־שפּיל נאָכן ערשטן סערבישן שאָס. דעם 27־טן, בעת גראף בערכטהאָלד האָט ניט אַנדערש געוואָלט ארויסקריגן באַם קיסר זיין חתימה אונטער דער קריגס־דערקלערונג, האָט ער דערציילט אין זיין שריפטלעכן פאָרטראָג מכח דעם: „לויט א מעלדונג פונם קאָמאנדיר פון 4 קאָרפּוס האָבן סערבישע סאָל־דאַטן פון דאַמפּפערס אפן דונאַי בא טעמעס־קובין נעכטן געשאָסן אף אונזערע סאָלדאַטן. אונזערע האָבן געענטפערט, אַזוי אַז עס איז געקומען צו א קליינעם געשלעג. אַזוי מעג מען רעכענען, אַז די מלחמה האָט זיך שוין פאַקטיש אָנגעהייבן". דערפאַר האָט טאַקע בערכטהאָלד געהאַט אריינגעשטעלט צום סוף פון דער קריגס־דערקלערונג: „און דאָס נאָך מער דערפאַר, וואָס סערביש מיליטער איז שוין בא טעמעס־קובין אָנגעפאַלן אף אַן אָפּטיילונג פון ק. און ק. מיליטער". דאָס האָט זיך געלאָזט גלויבן, און דער אַלטער קיסר האָט געגלויבט און האָט געחתמעט.

ווי נאָר דער גראף האָט געהאַט די חתימה, האָט ער באַלד אויסגעמעקט די מעשה מיט די סערבישע שאָסן פון דער קריגס־דערקלערונג, און באַם קיסר האָט ער זיך דעם 29־טן פאַרענטפערט: „נאָכדעם ווי די ידיעות וועגן א געשלעג בא טעמעס־קובין האָבן ניט געפונען קיין באַשטעטיקונג... האָב איך געשטעלט אף זיך און האָב אין דער קריגס־דערקלערונג, וואָס איז אָפּגעשיקט געוואָרן קיין סערביען, ארויסגעלאָזן דעם זאַץ איבערן אָנפאַל". גראף בערכטהאָלד האָט, הייסט דאָס, אָפּגענאַרט ניט נאָר זיין פאַרבינדעטן, נייערט אויך זיין קיסר, ווייל ער האָט פאַרשוויגן, אַז די מעשה מיטן אָנפאַל איז א ליגן.

*

אין בערלין האָבן געפירט די פאַרהאַנדלונגען די אַמבאַסאַ־דאָרן פון פראנקרייך און ענגלאַנד. זשיל קאַמבאָן איז דער מענטש,

וואָס ווייס אַלצדינג, וואָס עס טוט זיך אָפּ אין בערלין, א סך, זאַכן פון פּאַריז, און דעם גרעסטן טייל דערפון, וואָס עס גייט צו אין לאָנדאָן, ווייל זיין ברודער, וואָס איז דאָרט אַמבאַסאַדאָר, אינפאָרמירט אים. א וועלט-מאַן, ניט קיין שאָוויניסט, א פּאַריזער בירגער, פילט ער זיך זייער גוט אין בערלין און וואָלט זיך געוואונשן נאָך לאַנגע יאָרן צו פאַרברענגען אין דעם שיינעם פּאַלאַץ פון אַמבאַסאַדאָר. סער עדוואַרד גאָשן, זיין ענגלישער קאָלעגע, איינגעהאַלטענער, קולטורעלער, ווינשט זיך דאָס געמלעכע, און א סך זאַכן האָבן זיי ביידע שוין אויסגעגליכט.

דאָס געמלעכע זיינען אויך נומה צו שלום זייערע ווינער קאָלעגן, דער פראַנצויז דימען באַקומט אַזוי גוט די האַלב-פראַנצויזישע לופט פון האַבסבורגער הויף, ווי דעם ענגלישן אַמבאַסאַדאָר, סער מאָריס דע בונזן, וואָס שטאַמט פון דייטשן, אַן איינקל פון א פּרייסישן אַמבאַסאַדאָר אין לאָנדאָן. אַלע פיר, בפרט די צוויי ענגלענדער, האָבן די אויפגאַבע דורכצופירן די ענגלישע פאָרשלאָגן וועגן א קאָנפערענץ. די עסטרייכער ווילן פון קיין קאָנפערענץ ניט הערן. דעמאָלט לייגט גריי פאָר, עס זאָלן זיך צונויפקומען די פיר אַמבאַסאַדאָרן: — האָב איך זיי אַלעמען בא איין טיש, קלערט ער, וועט שוין קיינער ניט אויפשטיין אפילו אַף אויסצושיסן פון א רעוואָלווער.

צוערשט האָט דער ענגלענדער דאָס פאָרגעלייגט אין בערלין, דאָרט האָט מען ניט געזאָגט ניין. אפן אנדערן טאָג האָט די שטימונג זיך אומגעביטן פון פאַרמיטאָג ביז נאָכמיטאָג, און יאַגאָוו האָט געזאָגט צו גאָשענען: „דאָס וואָלט באַטייט ווי אויפשטעלן; א מין בוררים-געריכט". אין אָוונט קומט ווידער אמאָל דער פראַנצויז. ער סטאַרעט זיך איבערצורייידן דעם דייטשן מיניסטער, וואָס ער איז מיט אים גוטפריינט זינט יאָרן: אומזיסט.

„זייט איר מחויב נאָכצוגיין עסטרייך אומעטום מיט פאַרבונדענע אויגן? האָט איר היינט אינדערפרי ניט באַקענט זיך מיטן ענטפער פון סערביען?"

„איך האָב נאָך קיין צייט ניט געהאַט דערצו".

„אַ שאָד. איר וואָלט געזען, אַז חוץ עטלעכע קליינינקייטן, גיט סערביען זיך אין גאַנצן אונטער. איצט באַדאַרפט איר עצהן ווין, זי זאָל זיך באַגענוגן דערמיט. אָדער וויל דייטשלאַנד מלחמה?"

„איך ווייס, אַז איר מיינט אַזוי. אָבער דאָס איז לחלוטין ניט ריכטיק".

קאַמבאָן רעדט מכח אחריות, וויל אוועקגיין, דערנאָך ווענדט ער זיך ווידער צום דייטש, אָפן, אָבער פריינטלעכער, ווי עס האָט נעכטן בערטעלאָ גערעדט אין פּאַריז:

„איך האָב היינט אינדערפרי געהאַט דעם איינדרוק, אַז די שפּאַנונג האָט אָפּגעלאָזן. ווירקט איר אין ווין צו פאַרגיכערן דאָס! עס איז אַזוי וויכטיק, ניט צו לאָזן אויפקומען אין רוסלאַנד אַ מיינונג, וואָס וואָלט אַלצדינג געקאָנט אוועקטראָגן".

אין דריי מינוט אַרום זיצט דער פראַנצויז באַם ענגלענדער אין דער אַמבאַסאַדע, וואָס געפינט זיך מיט דריי הייזער ווייטער. יענער הערט אים אויס, אָבער ער טאָר דאָך ניט ריידן:

„מכח ענגלאַנד בין איך מסכים אין גאַנצן מיט אייך, ליבער פריינט: צום אומגליק האָב איך קיין רשות ניט, דאָס צו זאָגן".

*

דער טראַגישער פּונקט: גריי פאַר דער האַמלעט-פראַגע וואָס ער קאָן מיט איר ניט פאַרטיק ווערן. כסדר האָט ער אין יענע טעג געוואָרנט דעם דייטשן אַמבאַסאַדאָר פאַר דעם ערשטן עסטרייכישן שאָס. איצט, אין זעלביקן טאָג, כמעט אין דער זעל-ביקער שעה פון יענעם בערלינער שמועס, קומט אין לאָנדאָן צו אים דער רוס, בכדי זיך סוף כל סוף אויסצורייידן:

„בערלין און ווין מיינען, אַז ענגלאַנד בלייבט נייטראַל... טרעט סוף כל סוף אַרויס. און זיי וועלן זיך דערשרעקן און מאַכן שלום".

גריי: „טשערטשיל האָט דאָך ארויסגעגעבן א באפעל צו אונזער פלאָט ניט צו געבן קיין אורלאָפּ פון די מאַנעוורעס. וועט דאָס ניט ווירקן אין בערלין? פונדעסטוועגן באדארפט איר דעם דאָזיקן אָנווייז בשום אופן ניט אויסטייטשן אזוי, אז מיר זאָגן צו מער ווי א דיפּלאָמאטישע אַקציע".

מיט א שעה שפּעטער זיצט אפן זעלביקן שטול בא גרייס שרייבטיש דער קרוב פונעם רוס, גראף מענסדאָרף פון ווין. צו אים זאָגט גריי:

„דער ערשטער פלאָט, וואס ליגט צופעליק אין פּאָרטלאנד און האָט היינט באדארפט זיך פאַנאַנדערגיין, וועט בלייבן פאר־אייניקט. איר זאָלט דערין ניט זען קיין סטראַשונעק! וויבאלד עס איז מעגלעך אן אייראָפּייאישע שרפה, קאָנען מיר ניט אין איצ־טיקן מאָמענט פאַנאַנדערלאָזן אונזערע מיליטערישע כוחות. עס איז אבער אויך ניט געקומען די שעה צו רופן רעזערוון. נאָר איר זאָלט שוין איצט זיך באַטראַכטן, אז מיר זיינען אומרואיק".

א פיינלעכע לאגע פון א מיניסטער, וואָס וויל ערלעך שלום און ווערט דורך זיינע אויסריידענישן און האלבע ווערטער חשודיק בא ביידע צדדים און סוף כל סוף בא זיך אליין!

פעטערבורג: די זעלביקע דילעמע פונעם ענגלענדער. זינט יענעם ערשטן פרישטיק זאַלבעדריט הילכט ווידער דער פראנ־צויזיש־רוסישער דועט אין די אויערן פון ענגלישן אַמבאַסאַדאָר. שוין דעם צווייטן טאָג זיצן זיי ווידער זאלבעדריט אין סאזאנאווס קאַבינעט.

סאַזאָנאָוו: „איר וועט ניט פועלן בא דייטשלאַנד צו האלטן שלום, אויב איר וועט אָפן ניט ארויסזאָגן אייער סאלידאריטעט מיט אונז און מיט פראנקרייך אין דעם דאָזיקן קריזיס, וואו די פרייהייט פון אייראָפּע איז איינגעשטעלט אין קאָן!"

ביוקענען רעדט נאָך אלץ ניט, וואָס ער וויל. נאָר לויט זיינע אינסטרוקציעס: „איר האָט א טעות, אויב איר מיינט, אז ענגלאַנד וועט שטאַרקן דעם שלום, אויב זי וועט לאָזן וויסן דער דייטשער רעגירונג, אַז אויב זי וועט העלפן עסטרייך מיט

געווער. וועט זי האָבן צו טאָן מיט איר, ווי מיט רוסלאַנד און פראַנקרייך"...

ביידע פאַרבינדעטע שווייגן און באַקלערן, ווי אַזוי קאָן מען ווירקן אַף לאָנדאָן.

די צווייטע גרופּע אין פּעטערבורג: דער דייטשער און דער עסטרייכישער אַמבאַסאַדאָר. זיי געמרויען ניט איינער דעם אַנדערן, סאַזאָנאָוו באַציט זיך פאַרשיידן צו זיי ביידן, דעם דייטשן אַמבאַסאַדאָר פורטאַלעסן האָט ער פיינט און ער איז מיט אים ברוגזער ווי מען איז געוויינטלעך מיט אַ פּאַרמיטלער. צו דעם העפלעכן גראַף סאַפּאַרי איז ער העפלעכער, ווי מען איז זיך נוהג מיט אַ קעגנער. בכלל באַליידיקט דער דאָזיקער רוס איטלעך לאַנד פאַרן אַמבאַסאַדאָר פונם צווייטן לאַנד.

סאַזאָנאָוו וויל נאָך ניט קיין קריג אין דעם מאָמענט. נאָר די איינגעשפּאַרטקייט פון די מיטל-מלוכות רופט אַרויס בא אים ברוגזע ווערטער קעגן די דייטשן.

"אייער שנאה צו עסטרייך מאַכט אייך בלינד", זאָגט דער דייטש.

"שנאה שטימט ניט מיט מיין כאַראַקטער, — הער גראַף. אויך צו עסטרייך האָב איך ניט קיין שנאה, נאָר פאַראַכטונג. מיר וויסן עסטרייכס ברייטע פּלענער. צוערשט זאָלן אויפגעגעסן ווערן די סערבן, דערנאָך קומען די בולגאַרן, ביז מיר וועלן זיי האָבן באַם שוואַרצן ים".

"איר ווייסט דאָך, עקסעלענץ, אַז דאָ גייט נאָר וועגן אַ שטראָף-עקספּעדיציע, און אַז עסטרייך קלערט ניט וועגן צונעמען לאַנד".

מיט צוויי טעג שפּעטער:

"איר מוזט אינטערווענירן אין ווין. העלפט געפינען אַ בריק" זאָגט סאַזאָנאָוו.

"און דערווייל האָט איר בדעה צו באַוואָפענען זיך?" פרעגט פורטאַלעס.

„געוויסע הכנות, בכדי נישט צו ווערן פֿאַרכאַפּט פּלוצים, אָבער בשום אופֿן נישט קיין מאָבּיליזאַציע! מיר האָבן באַשלאָסן צו וואַרטן דערמיט, ביז עסטרייך וועט אַרויסווייזן קעגן אונז אַ פֿיינטלעכע האַלטונג“.

„איך מוז דאָ דרינגלעך וואָרענען: אין די דאָזיקע הכנות שטעקט אַ גרויסע סכנה, וואָרום דער אַנדער צד קאָן זיך אויך נעמען גרייטן“.

מיט די דאָזיקע ווערטער האָט גראַף פּורטאַלעס געטראָפֿן דעם קריגס־גייסט בעסער, ווי ער האָט געוואוסט: ער האָט פֿאָרויסגעזאָגט דאָס אייגענע לעבן, דעם אינעווייניקסטן דראַנג, די נקמה פֿון דער דאָזיקער מוראַדיקער און קונציקער מאַשין, וואָס אַנטלויפֿט סוף כל סוף פֿון אירע בּויערס. ער האָט באַצייכנט צוגלייך די רוסישע מאַשין, די וואָס איז די קאָלאָסאַלערע און גראָבערע, וואָס האָט באַדאַרפֿט אָנהייבן זיך צו דרייען צוגלייך מיט דער דייטשער, נאָכדעם ווי די בעלי בתים זייערע האָבן אַ קוועטש געטאָן דאָס קנעפּל. גראַף פּורטאַלעס, דער יונקער און דער אָפֿיצער, האָט פֿאַרמשפּט די סיסטעם, וואָס ער אַליין האָט צו איר געדינט. אויפֿן צווייטן טאָג הייבט סאַזאָנאָוו אָן:

„צי וואָלט עסטרייך נישט געווען גרייט, צו מעסיקן עטוואָס אירע פֿאָדערונגען אין דער פֿאָרם?“

„איך קאָן אייך קיין אויסזיכטן נישט עפֿענען; איך עצה אייך אָבער, אויב איר שעפּט פֿון אייערע שמועסן מיט גראַף סאַפּאַרי אַ האָפֿענונג, זיך צו ווענדן דירעקט קיין ווין.“

דער לעזער אָטעמט אויף פֿרייער: סוף כל סוף „דירעקט“! וואָרום אין דער צייט וואָס אייראָפּע ציטערט פֿאַרן גורל פֿון מיליאָנען, רעדן אירע קאַבינעטן נישט דירעקט, מען זאָגט נישט ענטפֿער, פֿאַרהאַנדלונג, סכנות נפֿשות, מלחמה, נייערט נאָטע, שמועס, פּלאַנטער, כח־באַווייז, — און קיינער באַטראַכט זיך נישט, ווי די באַריכטן מכח אַזעלכע פֿאַרהאַנדלונגען נאַרן אָפּ די פֿעלקער.

נאָך מער, ווי בּאַ די וואָס פאַרהאַנדלען גופא ווערן די קעפּ פאַרדרייט.

סאַזאָנאָוו כאַפּט זיך אָן פאַרן געדאַנק פונם דייטש: עס איז בּעצם געווען זיין איינגעגער. אָבּער ווען ער וואָלט זיך געווענדט פון זיך, וואלט זיין פּאָזיציע אַנטקעגן ווין געווען שוואַכער, איצט ווען דער דייטש האָט אופגעגעבּן דעם געדאַנק, איז ער האַלבּ א ווי־נער. חוץ דעם וויל ער בּאַווייזן גריי. אַז מען קאָן זיך בּאַגיין אָן אים, ער טעלעגראַפירט תּיכּף קיין ווין.

סאזאנאוו רעדט איצט מיט דעם אונגאַר העפּלעך, לייגט עפּעס זיינע סימפּאַטיעס פאַר עסטרייך, קוקט דורך דעם אולטימאַטום, און נאכדעם ווי דער אונגאַר האָט אָפיציעל דער־קלערט, אַז „ער האָט ניט קיין רשות צו דיסקוטירן און אויסצו־טייטשן דעם דאָזיקן דאָקומענט״, דאָס הייסט, אַז דאָס וואָס זיי ריידן איז ווי ניט גערעדט, ריידן זיי ארום ווי צוויי פאַרשטאַנדי־קע ספּעציאַליסטן די עסטרייכישע פאָדערונגען צו סערבּיען. מכח זיבּן האַלט דער רוס, אַז מען קאָן זיי אָננעמען. צו די איבּעריקע דריי לייגט ער פאַר שינוים און ענדיקט:

„בּקיצור, עס גייט דאָ... בּעצם נאָר אין ווערטער!

סאַזאָנאָוו, וואָס האָט אין יענער שעה נאָך ניט געוואוסט, אַז סערבּיען האָט זיך שוין געהאַט אונטערגעגעבּן, וויל בּאַ די ווינער אָפּנע־מען נאָר דעם פולן „דיפּלאָמאַטישן ניצחון״ (נקמה פאַר בּוכלאו) און ער ענדיקט, אַז ער איז „שטאַרק צופרידן״ מיטן שמועס מיט זיין קעגנער.

— נאָר דריי פונקטן? טראַכטן בּיידע און טעלעגראַפירן קיין ווין. סאַזאָנאָוו האָט דעם דעקרעט וועגן מאָבּיליזאַציע אין קעשענע; דאָס מאַכט אים שטאַרק. איצט לייענט ער דעם ענט־פער פון סערבּיען, און עס פאַרדריסט אים. וואָס זיי הייבּן אָן זיך צונויפצורייִדן אַליין; איצט זיינען בּעצם געבּליבּן נאָך צוויי פונקטן, וואס מען מוז נאָך אַרומרייִדן, און ער האָפט, אַז ווין וועט בּאַלד מסכּים זיין. אַלע זיינען צופרידן מיטן נייעם דירעקטן וועג צו פאַרהאַנדלען, וואָס עפנט זיך אוף; גריי האַלט, אַז ער איז „בּעסער פאַר זיין איינגענעם״.

זיי ווייסן ניט, אַז בערכטהאלד, וואס זיין אייגענער אמבאַ־סאדאר רעדט זיך אקארשט צונויף אין פעטערבורג, שרייבט אין דער זעלביקער שעה די קריגס־דערקלערונג צו סערביען, ווייל ער וויל ניט אנדעריש מלחמה.

⁂

זאָל אויך דאָס מאָל, דאָס זעקסטע מאָל, גאָרנישט אויס־לאָזן זיך פון דער מלחמה מיט סערביען? ניין! ווין ווייס אין די טעג נאָר צו ענטפערן ניין אף אַלע פאָרשלאָגן, אַלץ איינס פון וואַ־נען זיי קומען. מיר האָבן שוין פיר: דער רוסישער פארשלאג צו פארלייגערן דעם אולטימאטום, גרייס ערשטער פארשלאג וועגן א קאָנפערענץ. איצט ווערט אויך קאַטעגאריש אָפּגעוואָרפן דער רוסישער פארשלאָג מכח א „שמועס״, און צולעצט, אַז די סערבן מעלדן, אַז זיי זיינען גרייט אפשר אָנצונעמען אויך די לעצטע צוויי פונקטן, ענטפערט בערכטהאָלד, אַז עס זיינען נאָך געבליבן עטלעכע פרעג־צייכנס; בכלל, איצט נאָך דער קריגס־דערקלערונג שטעלט עסטרייך אנדערע תנאים ווי פריער.

איצטער ווענדן זיך די פרעמדע קיין בערלין. די שטעלונג פון בערלין צו די פארשלאגן וועגן פארמיטלונג:

ערשטער פאָרשלאָג: אַז דער רוסישער אמבאסאדאָר האָט געבעטן, מען זאָל פארלייגערן דעם טערמין, האָט מען אָפּגע־צויגן דעם ענטפער, און אַז די שעה איז שוין געווען אָפּגעלאָפן כמעט, האָט יאַגאָוו געזאָגט:

„איך האָב מורא, אז עס איז צו שפעט״.

„בכן, האָט עסטרייך פעסט באַשלאָסן צו פירן מלחמה מיט סערביען?״

„עס גייט ניט מכח קריג, עס גייט נאָר מכח א שטראף־עקספעדיציע איבער אַן אָרטיקן ענין״.

דער ענגלענדער, וואָס האָט אין גרייס שליחות געמאכט

דעם זעלביקן פאָרשלאג וועגן פארלייננגערן דעם טערמין. ענטפערט יאַגאָוו, אַז ער האָט „תיכף" (10 אזייגער אינדערפרי) אפגעשיקט דעם פארשלאג צו זיין אַמבאַסאַדאָר אין ווין מיט דעם אנזאָג, ער זאָל שמועסן מיט בערכטהאלד מכח דעם. אין דער אמתן האָט יאַגאָוו טעלעגראפירט טשירשקין ערשט אום 4, טאַקע ווייל ער האָט געוואוסט, אז ארום 6 איז די צייט אָפּגעלאָפן, און בערכטהאָלד איז געווען אין אישל, אזוי אז מען האָט שוין ניט געקאָנט מער אומבייטן.

צווייטער פאָרשלאג: גריי לאַדט איין צו א קאָנפערענץ. בערלין דערקלערט, זי קאָן דעם פארבינדעטן „ניט שטעלן זיך אין וועג".

דריטער פאָרשלאג: רוסלאַנד בעט, מען זאָל פועלן בא ווין, זי זאָל מסכים זיין אף א דירעקטן שמועס. יאַגאָוו זאָגט קאלט צו, נעמט דאָס אָבער האַלב צוריק מיט די ווערטער: „מיר קאָנען אָבער בשום אופן ניט צווינגען עסטרייך".

פערטער פארשלאג: גריי לייגט דאָס מאָל פאָר, מען זאָל נעמען דעם סערבישן ענטפער ווי אַ באזיס צו פארהאַנדלען. בעטמאַן קערט זיך און דרייט זיך. א מיאוסע מעשה! וואָס טוט מען? אינסטרואירט ער דעם עסטרייכישן אַמבאַסאַדאָר אַזוי, אַז יענער קאָן מיט א גרינגער געמיט טעלעגראפירן אהיים: „די דייטשע רעגירונג פארזיכערט פעסט, אז זי אידענטיפיצירט זיך לחלוטין ניט מיט די פארשלאַגן, זי איז אפילו באשטימט קעגן דעם, מען זאָל זיי נעמען אין באַטראכט, זי גיט זיי איבער נאָר, בכדי צו טאָן, וואָס ענגלאַנד בעט". ער האָט, אמת, מוסיף גע-ווען, אז דייטשלאַנד וועט ניט אונטערשטיצן די פרואוון פון ענג-לאַנד זיך אַריינצומישן אין סכסוך קעגן עסטרייך. אָבער וואָס בעטמאַן האָט דעם 27-טן געפילט און געטראכט, באַווייזט דער פירוש, וואָס ער האָט ארום האַלבער נאַכט טעלעגראפירט קיין ווין.

צו יענער שעה האָבן זיך גענומען קלערן די בליקן פון די פירערס פון דער דייטשער פאליטיק, עס איז אנגעקומען א נייע

דעפעשע פון ליכנאווסקי: „טאָמער קומט עס בא די אומשטאַנדן צו מלחמה, וועלן מיר האָבן ענגלאַנד קעגן אונז".

ערשט איצט האָט בעטמאַן אָנגעהייבן צו פאַרשטיין די סכנה, וואס עס שטעקט דערין, וואָס ער האָט אונטערשטיצט בערכטהאָלדן בלינד. אָבער אָנשטאָט ענערגיש צו דרייען צוריק, טעלעגראַפירט ער צו זיין אַמבאַסאַדאָר אין ווין נאָר אָט וואָס: נאָכדעם ווי מען האָט זיך אָפּגעזאָגט פונם פאַרשלאַג מכח דער קאָנפערענץ, איז עס ניט מעגלעך „אָפּצוּוואַרפן פון לכתחילה אויך דעם איצטיקן ענגלישן פאָרשלאַג". אָן דעם, „אַז די גאַנצע וועלט... זאָל אונז האַלטן פאַר די אמתע טרייבערס צו מלחמה... דאָס וועט מאַכן אוממעגלעך אויך אונזער שטעלונג אין לאַנד גופא, וואו מיר מוזן זיך האַלטן, אַזוי ווי מיר זיינען געצוואונגען צום קריג... מיר קאָנען דעריבער זיך ניט אָפּזאָגן פון דער ראָלע פון א פאַרמיטלער... בפרט אַז לאָנדאָן און פּאַריז ווירקן כסדר אַף פּעטערבורג".

„מיר מוזן זיך האַלטן" — שפּירט אין דיפּלאָמאַטן-לשון קלינגט דאָס גוט; אַנטפּלעקט אָבער די געשיכטע די סודות — באַווייזט זיך די אמתע מיאוסקייט. בשעת בעטמאַן האָט איבער-געגעבן דעם ענגלישן פאַרשלאַג אין אַזאַ טאָן, וואָס האָט ניט געקענט גרייכן קיין פּאַזיטיוון רעזולטאַט, האָט ער געמיינט, אַז ער שאַפט א היסטאָרישן דאָקומענט לטובת דייטשלאַנד. אז די דאָזיקע בלעטער זיינען אין פינף יאָר אַרום אַרויס צו דער ליכטיקער שיין, זיינען זיי מגולגל געוואָרן אין א היסטאָרישן דאָקומענט קעגן בעטמאַנען.

בכדי צו זיין זיכער, אַז ווין וועט פּלוצים ניט נאָכלאָזן, לאָזט ער נאָך אָנזאָגן, אז דאָ איז מען „אַפילו לחלוטין קעגן דער לאָנדאָנער פאַרמיטלונג און מען גיט זי נאָר איבער, בכדי צוליב צו טאָן ענגלאַנד". און דעם אנדער טאָג, אַז אפילו קיסר ווילהעלם גופא מאָנט בא אים, בערכטהאָלד זאָל זיך צופרידן שטעלן מיט א „משכון", דעמאָלט ענדיקט בעטמאַן זיין דירעק-טיווע קיין ווין מיט אזעלכע היסטאָרישע ווערטער:

„עס גייט נאָר דעריןׂ, ווי אַזוי געפינט מען א מאָדוס, וואָס זאָל מעגלעך מאַכן צו פארווירקלעכן דעם ציל, וואס עסטע־רייך־אונגאַרן שטרעבט צו אים. מבטל צו מאַכן די גרויס־סער־בישע פראָפּאַגאַנדע, אָן דעם, עס זאָל אויסברעכן א וועלט־קריג, און אויב מען קען אים ניט אויסמיידן, זאָלן די תנאים, וואָס אונטער זיי ווערט ער געפירט, זיין פאר אונז די מעגלעך בעסטע".

איז דאָס משוגעת, האָט עס דאָך מעטאָדע, און ערגעץ הערט מען ניט ארויס דעם לייכטזין פון דער מיטלמאָסיקייט בעסער ווי אין אָט דעם ביוראקראטישן זאַץ פון א קאַנצלער, וואס ער וויל אמת ניט קיין קריג, אזוי ווי די גענעראלן, אָבער ער זעט, אַז ער קומט, און רירט דאָך ניט קיין האַנט. אפילו נאָכדעם ווי זיין קיסר האָט זיך געגעבן א קער צוריק, בכדי אים צו פארהאַלטן, נאָר ער טראכט מער, ווי אזוי רוקט מען פאר־דער וועלט פון זיך אָפּ די שולד. „אויב מען קאָן דעם וועלט קריג ניט אויסמיידן".

* *
*

מלחמה־שטימונג אין צאַרסקאָיע־סעלאָ. דאָס, וואס עסטרייך שווייגט, און בערלין רעדט ניט קיין קלאָרע דיבורים, האָט פאר־שטאַרקט די פּאָזיציע פון די גענעראלן. סאַזאָנאָוו, וואָס זעט זיך איצט פארלאָזן, וויל שוין מער ניט זאַמען, און אַזוי ווי די גע־נעראלן האָבן שוין געמאַכט זייערע הכנות, לאָזט ער מאָביליזיר אין די דרומדיקע און מזרחדיקע מיליטער־קרייזן: מאָסקווע, קיעוו, אדעס, קאַזאַן. די גענעראלן זיינען אופגעדרודלט: נעכטן האָבן זיי שוין בא אַ דייטשן דאַמפּער צוגענומען דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט, היינט, אַז מען האָט זיך באַקלאָגט דערויף, ווידער אָפּגעגעבן.

אין דער דאָזיקער שטימונג קומט אָן א דעפּעשע פון קיסר, וואָס זינגט דריי טעג האָט מען זי פּרוואוואט געבעטן, אָבער זי איז ניט אָפּגעשיקט געוואָרן. נעכטן, אַז דער קיסר האָט גע־וואָלט פאַרקערעווען, און בעטמאַן האָט געוואלט דערוויזן, אַז

רוסלאַנד איז שולדיק, האָט ער אונטערגעטראָגן זיין האַר אַזאַ דעפּעשע מיט דער באַגרינדונג. דער קיסר ווענדט זיך אין איר צום צאַר מיט דער בקשה, ער זאָל מיט אים אין איינעם זען זיך אַריינצומישן אין סכסוך, וואָרום זיי ביידע באַדאַרפן דאָך באַשטראָפן מערדערס פון פירשטן.

איצט טרעפט גענעראַל פאָן כעליוס דעם פירשט טרובעצקאָי, וואָס דינט באַם הויף, און יענער זאָגט: גאָט צו דאַנקען, אַ טעלעגראַם פון אייער קיסר! אָבער איך האָב מורא, אַז עס איז צו שפּעט!"

כעליוס: „מען וועט זיך, אויב אַזוי, ניט וואונדערן, אַז נאָך אייער מאָביליזאַציע וועט קומען די דייטשע מאָביליזאַציע".

טרובעצקאָי שטייט אַ דערשראָקענער און זאָגט, אַז ער מוז פאָרן קיין פּעטערהאָף. דערויף פאַרצייכנט דער פיינהעריקער כעליוס זיין איינדרוק: „אַז מען האָט דאָ מאָביליזירט מחמת מורא פאַר קומענדיקע געשעענישן, הגם מען איז ניט אויסן געווען אָנצופאַלן, און איצט איז מען איבערשראָקן דערפאַר, וואָס מען האָט אָפּגעטאָן". אָט די פּסיכאָלאָגיש ריכטיקע מסקנא דערקלערט זייער גוט די האַנדלונג פון די רוסן אין יענע טעג, אָן זיי צו באַשולדיקן, און זי האָט נאָך אַ גרעסערן באַטייט דערפאַר, וואָס זי שטאַמט פון אַ דייטשן גענעראַל און דער דייטשער קיסר האָט זי באַשטעטיקט מיט זיין הערה: „ריכטיק, אַזוי איז דאָס". כעליוס געפינט שוין פאַרן אָנהייב פון דער מלחמה די פאָרמל פאַר דער שרעק פון אַלעמען פאַר אַלעמען, פאַרן לייכטזין פון די פירערס, וואָס לאָזן אָנהייבן זיך אַ קריג, וואָס מען האָט אים געקאָנט אויסמיידן, אַ באַווייז, אַז עס מוז געשאַפן ווערן אַן אינסטאַנץ, וואָס אייראָפּע זאָל קאָנען זיך ווענדן צו איר, ווען די מלוכה־מענער אירע וועלן ווידער אַמאָל פאַרלירן די נערוון.

דעם 30־טן האָט מען נאָך געקאָנט אייראָפּע ראַטעווען. אַלע גרויסע מלוכות האָבן מודה געווען, אַז עסטרייך האָט דאָס רעכט אָנצולערנען סערביען, צו אָקופּירן צייטווייליק טיילן פון איר, ווי אַ גאַראַנטיע, אַז זי וועט אויספירן די פאָדערונגען, ווי ווייט זיי רירן ניט אָן די סוּווערעניטעט פון סערביען. בערכט־

האָלד, וואָס האָט דאָס צוגעזאָגט די קאַבינעטן, און אין דער אמתן האָט ער געוואָלט מאַכן אַ תל פון סערביען, האָט דערמיט געגעבן די קעגנער אין האַנט אַריין אַ מיטל צו כאַפּן עסטרייך. צוגלייך האָט ער געשמייכלט אין אַלע זייטן און אָפּגענאַרט די פאַרבינדעטע צוזאַמען מיטן שונא. סוף כל סוף ווערט אפילו בעטמאַן אין כעס און שרייבט דעם 29=טן אַזעלכע האַרבע דיבורים צו טשירשקי: „אַלץ מער ווער איך פאַרחידושט איבער דער האַלטונג פון דער (ווינער) רעגירונג. אין פּעטערבורג דערקלערט זי, אַז זי איז טעריטאָריעל ניט פאַראינטערעסירט, אונז לאָזט זי גאָרנישט וויסן מכּח איר פּראָגראַם, רוים שפּייזט זי מיט פּוסטע דיבורים מכּח קאָמפּענסאַציע, אין לאָנדאָן גיט גראַף מענסדאָרף אַוועק בולגאַריען און אַלבאַניען שטיקער סערביען אַ מתנה, זאָגט אַזוי פּונקט דעם היפּוך פון די פייערלעכע דערקלערונגען אין פּעטערבורג. פון אָט די דאָזיקע סתירות מוז איך אַרויסדרינגען, אַז... די דאָרטיקע רעגירונג טראָגט זיך אַרום מיט פּלענער, וואָס זי האַלט פאַר נויטיק זיי צו האַלטן בסוד פאַר אונז, כּדי זיכער צו זיין, אַז דייטשלאַנד וועט זי אונטערשטיצן אין אַלע פאַלן".

פון אָט דער סיסטעם פון דער ווינער אָפּנאַרעריי האָט די קריגס=פּאַרטיי אין רוסלאַנד גענומען ראיות צו ווירקן אף איר שוואַכן צאַר.

דער צאַר, וואָס איז אין מיטן דעם גאַנצן מלחמה=גערויש דער פרידלעכסטער מענטש אין דער וועלט, וויל זיך כאַפּן צוריק. פּונקט ווי דער קיסר; אַזוי ווי דאָס האַרץ וואָלט אים זאָגן, טעלעגראַפירט ער נאָך האַלבער נאַכט צו אים: „איך זע פאָראויס, אַז איך וועל זייער באַלד מוזן נאָכגעבן דעם דרוק, וואָס מען מאַכט אף מיר".

אַזוי איז דער מעכטיקסטער מאָנאַרך אין דער וועלט, דער לעצטער אַליינהערשער אין דער געשיכטע זיך מודה, אַז ער האָט קיין מאַכט ניט. און דער דייטשער קיסר, וואָס לאַכט איבער דער דאָזיקער שוואַכקייט — צי מערקט ער גאָר ניט, אַז ער אַליין געפינט זיך אין דער זעלביקער לאַגע? אין אָוונט

דעם זעלביקן טאָג האָט דער רוסישער צאַר אָנגעוויזן דעם קלינגסטן אויסגאַנג: „עס וואָלט געווען ריכטיק, ווען מען גיט איבער די עסטרייך־סערבישע פּראָבלעם אין האַגער טריבונאַל".

באַלד וועט זיך אויך דער קעניג פון ענגלאַנד אריינמישן אינם עלעקטרישן קרייז פון די טעלעגראַמעס. און מען וועט זען די דריי געקרוינטע קרובים, וואָס רופן זיך איינע די אַנדערע דזשאָרדזשי, ניקי און ווילי, ווי זיי שטייען ערב דער וועלט קאַטאַ־סטראָפע. און זייער סוף: יורשים פון אַנומלט מעכטיקע משפּחות, איז דער איינער פון זיי אַנטלאָפן און דער צווייטער דערשאָסן אין אַ קעלער.

דעם 28־טן, אַז דער אונגאַר גייט אַרויס פון סאַזאָנאָווס קאַבינעט, באַגעגנט ער אין וואַרט־צימער דעם פראַנצויז. יענער פרעגט:

— „האָט איר גינסטיקערע ידיעות פון ווין?"

„גיטאָ קיין נייס. די ראָד דרייט זיך".

ווידער באַשולדיקט עמיצער אייראָפּע, אָן דאָס צו וויסן.

דער אונגאַר גייט אוועק. עס קומט דער דייטש. דער פראַנצויז האַלט פאַר אים אַ רעדע פול מיט פּראָזעס. דער דייטש ענטפערט:

— „איך רוף גאָט פאַר אַן עדות. דייטשלאַנד איז געזונטן פרידלעך. די געשיכטע וועט באַווייזן, אַז דאָס גוטע רעכט שטייט אויף אונזער זייט און אַז אונזער געוויסן האָט אונז ניט וואָס אויפצוּוואַרפן".

„האַלטן מיר דען שוין אַזוי ווייט, אַז מיר מוזן אָנקומען צו געשיכטע?"

„מיר קענען, מיר וועלן אונזער פאַרבינדעטן ניט פאַר־לאָזן".

דער פראַנצויז לאָזט דעם דייטש אריין דעם ערשטן צום מיניסטער. אין וואַרט־צימער זאָגט דער ענגלענדער צום פראַנצויז:

„די לאגע האָט זיך פארערגערט... איך בין מער ניט מסופק, אז רוסלאנד מישט זיך אריין. איך האָב אָקאָרשט געבעטן זיך בײַ סאַזאָנאָװן, ער זאָל ניט צולאָזן קיין מיליטערישע שריט. וואָס דײַטשלאנד זאָל זיי קאָנען אָננעמען ווי אן אופרײַצונג. מען מוז איבערלאָזן דער דײַטשער רעגירונג די גאַנצע אחריות און די איניציאַטיוו פון אָנפאל. די ענגלישע עפנטלעכע מיינונג וועט נאָר דעמאָלט מאַכן שלום מיטן געדאַנק, אַז מען מוז נעמען אַן אָנ־טייל אין דער מלחמה, אויב עס וועט זיין אין גאנצן קלאָר, אז דײַטשלאנד פאַלט אָן... איך באַשווער אייך, רעדט איר אויך מיט סאַזאָנאָװן אין זעלביקן זין!"

צי זאָגט דער דאָזיקער ענגלענדער ניט ארויס היינט בײַ־טאָג די זעלביקע געדאנקען אין פעטערבורג, זאָגט ער זיי ניט ארויס מיט די זעלביקע ווערטער, ווי היינט אין אָוונט דער דײַטשער קאנצלער אין זיין טעלעגראַם קיין ווין? די ראָלע פון אָנגעפאלענעם — דאָס איז דער אידעאַל פון אלע קריגערישע דיפּלאָמאַטן אין אייראָפּע! די דאָקטוירים האָבן נערוויז געמאַכט איינער דעם צווייטן, זינט אכט יאָר און זינט אכט טאָג. איצט האָבן זיי אַלע דעם שלום אָפּגעזאָגט דאָס לעבן און איצט גלעטן זיי נאָר ארום זייער דיאַגנאָז, בכדי זיי זאָלן אויסקומען גערעכט, בעת מען וועט דעם מת פּאַלמעסן.

איצט גייט אריין דער פראנצויז דער לעצטער צו סאַזאָנאָװן. ער געפינט אים אופגערעגט, ווערט געוואָר פּרטים און וואָרנט:

„בײַ דער קלענסטער אומפאָרזיכטיקייט פון אייער זייט פּטרן מיר די מיטווירקונג פון ענגלאנד!"

סאַזאָנאָװ: „דאָס ווייס איך. אָבער אונזער גענעראַל־שטאַב איז אומגעדולדיק, און מיר קומט אָן זייער שווער אים איינצו־האַלטן".

אין משך פון קומענדיקן טאָג האָט ווין ענדגילטיק זיך אָפּ־געזאָגט פון „שמועס". איצט וויל סאַזאָנאָװ זיין זיכער. איינעם נאָכן אנדערן נעמט ער אויף די אמבאַסאַדאָרן, צוערשט דעם עסטרייכער. ער זאָגט צו אים:

„מיר וועלן היינט טיילווייז מאָביליזירן, נאָר דאָס דאָזיקע מיליטער איז ניט באַשטימט אָנצופאַלן אַף אייך, זיי וועלן שטיין גרייט. מיר מוזן זיין געהיט, וואָרום עסטרייך האָט שוין אַ גאַנג פאָראויס און קאָן בכלל גיכער זיך מאָביליזירן".

דער אונגאַר: „פונדעסטוועגן וועט דאָס מאַכן בא אונז דעם טיפסטן איינדרוק".

דער רוס באַרואיקט ווידער אַמאָל, בעת דעם דאָזיקן שמו־עס א טעלעפאָן: באָמבאַרדירט בעלגראַד! פּלוצים ווערט סאַזאָנאָוו ווי איבערגעביטן, ער רעדט שוין שאַרפע רייד:

„דער צאַר איז גערעכט, איר ווילט נאָר מיט פאַרהאַנד־לונגען געווינען צייט און איר באָמבאַרדירט דערווייל אַן אומבאַ־שיצטע שטאָט! וואָס ווילט איר דען נאָך איינעמען, אויב איר האָט שוין די הויפּטשטאָט? וואָס האָבן מיר נאָך צו שמועסן, אויב איר באַגייט זיך אזוי!"..

*

אַנטקעגן דעם דייטשן אַמבאַסאַדאָר איז סאַזאָנאָוו רואיקער ווי נעכטן. דער דייטש זאָגט: „אויב רוסלאַנד וועט ווייטער מאָ־ביליזירן, וועלן מיר אויך מוזן מאָביליזירן, און דעמאָלט וועט מען קוים קאָנען פאַרהאַלטן דעם אייראָפּייאישן קריג".

סאַזאָנאָוו: „איך וועל דאָס מעלדן זיין מאַיעסטעט".

נאָכן דייטש קומט דער ענגלענדער. און סאַזאָנאָוו רעדט מיט אים מכח גרייס פאָרשלאָג און עצהט אים צו איילן זיך.

אומעטום די זעלביקע יאָגעניש: די גענעראַלן פון אייראָפּע טרייבן די מיניסטאָרן, זיי זאָלן אָנקומען גיכער צום ציל, ווי זייערע קאָנקורענטן; די מיניסטאָרן ווידער האַלטן איין די גענע־ראַלן פאַרן צוים, זיי זאָלן ניט אַוועקלויפן, וואָרום ביידע מינים מאַכטהאָבערס זיינען צוגלייך אי פערד אי רייטערס. דעם זיפּץ סאַזאָנאָוס, אז עס קומט אים אָן זייער שווער איינצוהאַלטן זיין גענעראַל־שטאַב, האָט דער צאַר טעלעגראַפירט צום קיסר, דער

קיסר האָט אים אויסבאהאלטן פאַר זיין זוּן, די פּרעמיערן פון אלע פיר לענדער האָבן אים אפשר ארויסגעלאָזט אין איין צייט. וואָרום איז א פערד צו לאנג געשטאנען אין שטאל, נעמט עס בריקעווען און זיך רייסן פון שטאַל ארויס, ווי נאָר מען טוט דעם אָן צוים און זאָטל. אָבער וואָס גייט דאָס אַלץ אָן די רוּאיקע מענטשן אין דרויסן, וואָס ווילן נישט. מען זאָל זיי אריבער־פאָרן?

היינט באשטעטיקט דער פעטערבורגער קריגס־ראַט: אָפּיצי־עלע מאָבּיליזאַציע קענען עסטרייך, בשתיקהדיקער אָנהייב פון דער אַלגעמיינער מאָבּיליזאַציע, ווייל א טיילווייזע איז „טעכניש נישט מעגלעך".

דאָ הייבט אָן דער קאָנפליקט, וואָס פריער האָט מען אים געקאָנט פאַנאַנדערנעמען מיטן שכל, אריינצוגליטשן זיך אין פּסיכאָפּאַטישקייט: פון היינט אָן קאָן נאָר דער פּאַרטייאישער אונטערשייד צווישן דעם פּראָוואָצירנדיקן און פּראָוואָצירטן אין איראָפּע. מיטן ווערטל טעכניש זיינען דעמאָלט איינגעשראָקן גע־וואָרן די מיניסטאָרן, און איצט די היסטאָריקער...

*

תּיכּף לאָזט דער צאַר, וואָס באמת זיך שטענדיק, פּונקט ווי דער קיסר, מבטל צו מאַכן די ווירקונג פון זיינע ענערגישע החלטות, מעלדן דעם דייטשן אַמבאַסאַדאָר, אַז דער באפעל וועגן מאָבּיליזאציע איז נישט קיין פיינטלעכער אַקט קעגן דייטשלאנד. דאָ שטעקט אפילו נישט קיין אינטריגע פון גענעראַלן, דאָ וויל זיך נאָר דער קיסר באוואָרענען קעגן דער אייגענער שרעק; דער גענעראַל ווענדט זיך נישט דירעקט צום אמבאסאדאָר און לאָזט בעטן צו זיך דעם דייטשן מיליטער־אַטאַשע.

דער דייטשער מאַיאָר, וואָס פלעגט שטענדיק קומען אויף דער מינוט אין מונדיר און האָט גערעדט רוסיש, קומט היינט אָנגעטאָן ציוויל מיט אַ שעה צו שפּעט און זאָגט פראנצויזיש:

„מיר ווייסן באַשטימט, איר האָט אָנגעהייבן אייער מאָבילי־זאַציע".

„מײַן וואָרט פון א קאוואלער, אַז איר האָט אַ טעות".

„איך בין ניט מסופק, אָבער מיר האָבן זיכערע באַווייזן".

„פאַרלאַנגט איר מײַן ערן־וואָרט שריפטלעך?"

„ניין, א דאנק".

„בכן, חזר איך איבער: אין דעם מאָמענט איז נאָך קיין מאַן און קיין פערד ניט מאָביליזירט".

דער רוס האלט זיך פאָרמאל באַרעכטיקט צום דאָזיקן ליגן, וואָרום ער האָט נאָך דעם צאַרס אוקאַז אין קעשענע (א שטאַב־אָפיצער, וואָס האָט אין אַ דערבייאיקן חדר אַלץ געהערט, באַשטעטיקט דאָס גאַנצע, נאָר מיט דער פיינער אָנמערקונג, אַז דער אוקאַז איז בשעת מעשה „געלעגן אפן טיש"). דער דאָזיקער פאַפיר האָט געטראָגן אונטער ניקאָלאַיס נאָמען די חתימות פון דריי מיניסטאָרן, פון קריג, פון פלאָט און פון אינערן און האָט באַשטימט „אַלגעמיינע מאָביליזאַציע". דער בריטישער אַמבאַסאַדאָר אין בערלין האָט דעמאָלט באַשטעטיקט, „אַז בעת דער דייטשער קיסר האָט לויטן צאַרס בקשה געפּרואווט ווירקן אף ווין, האָט רוסלאנד זיך מאָביליזירט". ריכטיקער וואָלט געווען צו זאָגן, אַז אין דער צייט ווען דער צאַר און דער קיסר האָבן ביידע געוואָלט אויסמיידן מאָביליזאַציע, האָבן יאַנושקעוויטש און מאָלטקע ביידע געאַרבעט פאַר דער מאָביליזאַציע. פונדעסטוועגן בלייבט אַ פאַקט, אַז רוסלאנד האָט פריער פאַר די איבעריקע מאָביליזירט איר גאַנצע אימפּעריע.

אָבער נאָך אַלץ האָבן די רוסישע מיליטער־לייט ניט גע־האַט געזיגט: ווידער האָט ווילהעלם דער צווייטער זיי אַריינגע־שטעלט א פלעקל אין ראָד. אין אָוונט האָט דער צאַר געקראָגן אַ צווייטע טעלעגראַם פון קיסר, וואו ער איז ערב מיט זײַן

וואָרט פאַרן שלום, אויב דער צאַר וועט אָפּשטעלן די מאָבילי־זאַציע. אונטערן איינפלוס פון זיין קראַנקער פרוי, וואָס הינטער איר איז געשטאַנען ראַספּוטין ווי אַ קענגנער פון דער מלחמה, האָט ער זיך געשפּירט גרינגער, וואָרום ער האָט אין דער טעלעגראַם געהאַט אַ טויז קעגן זיינע גענעראַלן. עלף באַנאַכט לאָזט ער זיך פאַרבינדן מיט זיין קריגס־מיניסטער, סוכאָמלינאָוו, אין גאַנצן אַריינגעטאָן אין דער מאָביליזיר־אַרבעט, הערט דורכן טעלעפאָן די שטים פון זיין האַר, וואָס לייענט אים פאָר די טעלעגראַם, אָבער ער שטעלט זיך ניט איין אָפּן צו געבן אַ באַפעל — מכח דעם זיינען פאַראַן צוויי נוסחאות — נאָר ער פרעגט:

„צי איז דען טאַקע ניט מעגלעך אָפּצושטעלן די מאָבילי־זאַציע?"

„ניט מעגלעך. אַ מאָביליזאַציע קאָן מען ניט איינהאַלטן און ווידער לאָזן, ווי אַ וואָגן... וויל אייער מאַיעסטעט נאָך אויס־הערן די מעלדונג פונם שעף פון גענעראַל־שטאַב?"

אויסטערליש דייטלעך ווערט דאָ דער געדאַנק פון אַ קריגס־מיניסטער, וואָס פאַר אים איז די אומאָרדענונג פון אַ פאַר־האַלטענער מאָביליזאַציע ערגער פאַר אַ מלחמה; מיר וועלן באַלד די זעלביקע געפילן דערלעבן בא זיין דייטשן קאָלעגע. פיבערדיקע רגעים. אין אַ ווײַלע אַרום קלינגט מען ווידער צו אים: יאַנושקעוויטש, שעף פון גענעראַל־שטאַב:

— אַ מוראדיקע זאַך! אָקאָרשט האָט דער צאַר מיר אָנ־געקלונגען, מיר זאָלן די אַלגעמיינע מאָביליזאַציע פאַרקירצן אויף אַ טיילווייזער! איך האָב געענטפערט: טעכניש ניט מעגלעך. ער איז אָבער באַשטאַנען דערויף. דער דייטשער קיסר איז אים ערב מיט זיין ערן־וואָרט. וואָס זאָל איך טאָן?"

„טוט גאָרנישט!"

„גאָט צו דאַנקען!"

אָט אַזוי איז אין דער נאַכט פון 29 צום 30 יולי די גאַנצע רוסישע אימפּעריע געוואָרן מאָביליזירט.

דעם צווייטן פֿאַרמיטאָג קומט דער דייטשער אַמבאַסאַדאָר צו סאַזאָנאָוון: אונטער וואָסערע תנאים וויל רוסלאַנד דעמאָביליזירן? אַ וויכוח. צום סוף שרייבט דער מיניסטער אויף אַ פּאַפּירל, וואָס מילדערט דעם אולטימאַטום. זי ווערט אָפּגעשיקט קיין בערלין. דאָרט אָבער האָט זי קיין ווירקונג ניט: דאָרט רעכנט מען איצט נאָר מיט צאָלן. דער מיניסטער פֿאָרט אַרויס צו זיין האַר.

דעם צאַרס קאַבינעט אין פּעטערהאָף. גרויסע פֿענסטער אין ערשטן גאָרן, ברייטער אויסקוק אַפֿן פֿינישן אויסגוס, צוויי טישן מיט פּאַפּירן, עטלעכע קריגס-בילדער, לעדערנע שטולן, פּשוטקייט. אַלע טאָג קומט אַהער, ווי דער בייזער רוח, יאַנוש-קעוויטש, די רעכטע האַנט פֿונם ברודער גרויספֿירשט ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש. סאַזאָנאָוו קומט נאָר איין מאָל אין וואָך. היינט נאָכמיטאָג, עס איז דער 30-טער, שטייט ער פֿאַרן צאַר און לייענט אַ נייע דעפּעשע פֿון דייטשן קיסר: אויב רוסלאַנד מאָבי-ליזירט קעגן עסטרייך, קאָן ער ניט פֿאַרמיטלען. סאַזאָנאָוו לייגט אַוועק די דעפּעשע אַפֿן שרייב-טיש:

„מיר קאָנען מער דעם קריג ניט אויסמיידן. דייטשלאַנד מאַכט זיך בפֿירוש אַרויס פֿון צו פֿאַרמיטלען, זוכט נאָר צו גע-ווינען צייט. באַ אַזעלכע אומשטאַנדן מיין איך, אַז אייער מאַיע-סטעט באַדאַרף מער ניט זאַמען און אַרויסלאָזן דעם באַפֿעל צו דער אַלגעמיינער מאָביליזאַציע“.

דער צאַר, בלייך, מיט פֿאַרשטיקטער שטים: „באַטראַכט זיך די אַחריות, וואָס איך נעם אויף זיך דורך אייער עצה! באַ-טראַכט זיך, אַז דאָ גייט וועגן שיקן טויזנטער און צענדליקער טויזנטער מענטשן אויף טויט!“

„ניט דער געוויסן פֿון אייער מאַיעסטעט און ניט מיין גע-וויסן וועלן זיך האָבן אויפֿצואוואַרפֿן, אויב עס וועט אויסברעכן מלחמה. אייער מאַיעסטעט און די רעגירונג האָבן געטאָן אַלץ, וואָס עס לאָזט זיך נאָר, בכדי צו פֿאַרשפּאָרן דער וועלט דעם דאָזיקן נסיון. פֿון היינט אָן מוז מען קלערן נאָר וועגן דער

זיכערקייט פון דער אימפעריע. דער קריג וועט דאָך אויסברעכן אין דער שעה, וואָס דייטשלאַנד וועט באַשטימען".

„אַ גוטע שעה" האָט דער מיניסטער באַדאַרפט, אַף צו פועלן באַם צאַר. צולעצט זאָגט דער צאַר אין אַ פעסטן טאָן: „בכן, סערגיי דמיטריעוויטש, טעלעפאָנירט דעם שעף פון גענע־ראַל־שטאַב, אַז איך גיב דעם באַפעל צו אַן אַלגעמיינער מאָבילי־זאַציע".

סאַזאָנאָוו פאַרגעוויסט זיך, גייט אַריין אין וועסטיבול צום טעלעפאָן, גיט איבער יאַנושקעוויטשן דעם באַפעל. דערנאָך חתמעט דער צאַר דעם אוקאַז צום סענאַט. דער שעף פון גענע־ראַל־שטאַב, וואָס האָט מורא, טאָמער האָט נאָך דער קיסר חרטה, באַהאַלט זיך אויס דעם טאָג אין הסכם מיט סאַזאָנאָוון. צוגלייך אָבער זאָרגן ביידע דערפאַר, אַז דער סדר פון די מאָבי־ליזאַציעס זאָלן ווערן איבערגעגעבן קיין פּאַריז און קיין לאָנדאָן פאַרדרייט און געפעלשט.

*

אַ טאָג פריער, איידער רוסלאַנד האָט זיך באַשלאָסן פאַר מלחמה, וואָרנט און סטראַשעט ענגלאַנד ווידער אַמאָל אין צוויי זייטן.

אָבער די עקשנות פון ווין האָט דעם ענגלישן קאַבינעט פאַרגרינגערט דעם אומבייט פון דער שטימונג, וואָס ער האָט נאָר טיילווייז געוואונשן זיך, גרייז, וואָס איז פינף טעג בייגע־שטאַנען דעם נסיון, צו פאַרגיכערן אפשר דורך דעם, וואָס ער וועט זיך אָפן שטעלן אַף איין צד, דעם קריג, וואָס ער האָט גראָד דורכן דאָזיקן סטראַשען געוואָלט אָפּהאַלטן, זעט איצטער די הצלה נאָר אין אָט דעם מסופקדיקן מיטל. אין דער זעלביקער שעה, ווען אין פּעטערבורג ווייזט דער רוסישער גענעראַל אָפן זייגער, בכדי צו געבן דעם דייטשן מאַיאָר זיין פאַלשן ערן־וואָרט, זאָגט אין לאָנדאָן דער ענגלישער מיניסטער צום דייטשן אַמבאַ־סאַדאָר:

„די לאגע ווערט אלץ מער פארשארפט. ווען לאָזט נים ריידן, מיר האָבן מיט אייך פארהאנדלט אין פריינטשאפטלעכן טאָן, פון זינט איר זייט דאָ, איך מאָר אייך אָבער נים נאַרן, כל זמן דער קאָנפליקט איז באגרענעצט אף עסטרייך און רוסלאנד, קאָנען מיר שטיין פון דער זייט. ווען אָבער אריינגעצויגן ווערן דייטשלאנד און פראנקרייך, דעמאָלט וועט ענגלאנד מוזן אף דער גיך אָננעמען באשלוסן”.

— מער מאָר איך נים זאָגן, טראכט גריי. אפשר גלייבן איצט די הערן אין בערלין, בכדי צו זיין אין גאנצן זיכער, האָט ער מיט א שעה פריער אנגעזאָגט דעם פראנצויז קאמבאָן וועגן דאָזיקן שריט. נאָר מוסיף געווען: „איר זאלט גארנישט דרינגען פון אונזער פלאָט=באַפעל! ענגלאַנד איז היינט לחלוטין נים אין גאַנצן אפן צד פון פראנקרייך ווי אין ענין מאראקא. ווארום דעמאָלט האָט אויסגעוויזן, אַז איר זייט אין א דירעקטער סכנה מצד דייטשלאַנד. ענגלאנד האָט קיין התחייבות נים. דאָס מוז איך אייך איבערחזרן”.

דעם זעלביקן אוונט ווערן געוואר די קאבינעטן פון פאריז און פעטערבורג, פון בערלין און ווין, די דאָזיקע האלטונג פון ענגלאַנד. בא זיין פארבינדעטן האָט גריי מיט זיין התראה געפועלט אין גאַנצן, באַם קעגנער האָט זיין סטראשונעק נאָר האַלב געווירקט. פאריז, פעטערבורג און בערלין פילן זיך גענוג אומזיכער, בכדי צו מאַכן האַלט; ווין אָבער בלייבט אין לייכטזיניקער עקשנות פעסט באַם באַשלוס אויסצונוצן אין גאַנצן דעם דייטשן בלאנקאָ=וועקסל.

*

אין בערלין האָט זיך די שטימונג פארפינסטערט. מען מערקט, עס ווערט ערנסט. רוסלאַנד מאָביליזירט. מען באמערקט נים, אַז מען האָט אליין פארזאמט, גאָר דער כעס ווענדט זיך קעגן ווין.

מער פון אלעמען דערשרעקט זיך דער קיסר.

צי האָט ער דען ניט אומגעביטן זיין האַלטונג? אז ער לייענט אין איין באַריכט מכח דער שווערער אחריות, וואָס עסטרייך האָט גענומען אַף זיך, פאַרשרייבט ער דערבײַ: „דאָס איז דאָך די זאָרג, וואָס מיך האָט אָנגעפילט, אז איך האָב איבערגעלייענט דעם סערבישן ענטפער". אַז עס גייט די רייד דאָרט מכח דער האָפענונג, „דער קיסר זאָל געבן עסטרייך די גוטע עצה, ניט איבערצושפּאַנען דעם בויגן", פאַרשרייבט ער: „דאָס זיינען פראַזעס, ארופצוּוואַרפן די אחריות אף מיר". און אף דער עצה, איבערצוגעבן דעם ענין דעם האַגער טריבונאַל, האָט ער נאָר איין וואָרט: „שטות!" אין דעם פּרט האָט ער פאר זיבן יאָר ניט געביטן זיין מיינונג.

אין אונטן האַלט מען אָפּ קרוין=ראַט אין פּאָטסדאַם. באַם טיש זיצן מיניסטאָרן און גענעראַלן: מען באַשליסט מאָביליזאַציע אָפן פאַל פון דער אַלגעמיינער רוסישער מאָביליזאַציע, נאָר מען זאָגט דאָס נאָך ניט ארויס. דעם צאַרס וואונק קיין האַג איגנאָרירט מען, ווארום זיין מאָביליזאַציע האָט דירעקט פאַרשפּאַרט דעם וועג אהינצו. נאָר וואָס געשעט מיט ענגלאַנד? געדולד. אין יענעם אונטן וועט בעטמאַן מאַכן זיין מייסטער=שטיק.

אין דער זעלביקער נאַכט קומט אָן פון ענגלאַנד די כּפירושע התראה, וואָס מען האָט פריער דעם אַמבאַסאַדאָר ניט געוואָלט גלויבן. טויט=שרעק! וואָס טוט מען? גיין צוריק! דער קיסר מוז האַסטיק נאָך א מאָל טעלעגראַפירן צום צאַר. נאָכמיטאָג גייט אָפּ די דעפּעשע, וואָס עצהט סטראַשענדיק צו שלום.

בעטמאַן פאַרלירט זיך. ער זוכט צו ראַטעווען, וואָס עס לאָזט זיך; ער טעלעגראַפירט צו זיין ווינער אַמבאַסאַדאָר:

„מיר זיינען אמת גרייט צו טאָן אונזער חוב לויטן בונד, מיר ווילן אָבער ניט, אז ווין זאָל אונז לייכטזיניק און אָן צו קוקן אף אונזערע עצות אריינציען אין א וועלט=שרפה". הינטער דעם קלינגט מיט התראה ביסמאַרקס שטים: „אין דעם מאָמענט ווען מען איז אין ווין געקומען צו דער איבערצייגונג, אז צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד זיינען אָפּגעבראָכן די בריקן, קומט דייטשלאַנד אריין אין סכנה צו ווערן אין א געוויסן זין אָפּהענגיק

פון עסטרייך און צו ריזיקירן סוף כּל סוף בּלוט און אייגנס פאר דער ווינער בּאַלקאַן־פּאָליטיק". דאָס האָט טאַקע פּאַסירט אין יולי 1914.

וואָלט דער קאַנצלער געהאַט אָפּגעשיקט די התראה טע־לעגראַם צו עסטרייך מיט פיר טעג פריער, וואָלט איראָפּע גע־ווען געראַטעוועט. איצט האָט זי קיין בּאַטרעף מער ניט געהאַט.

וואָרום איצט האָבּן די מיליטער־לייט גענומען די לייצעס אין אויסערן מיניסטעריום; אין משך פון פיר טעג וועלן זיי זיי שוין מער ניט ארויסלאָזן פון די הענט. די גענעראַלן טעלע־גראַפירן קיין ווין: מאָלטקע „גיט דרינגלעך אַן עצה" צו מאָבּי־ליזירן תיכף די גאַנצע ארמיי: דאָס קלינגט ווי דער ערשטער דייטשער בּאַפעל. טויזנט אַנדערע וועלן קומען נאָך אים. בּערכט־האָלד, אַז קאָנראַד האָט אים דעם 31־טן פאָרגעלייענט די צוויי־זייטיקע בּערלינער דעפּעשן, רופט אויס: „דאָס איז אַ קונץ! ווער רעגירט: מאָלטקע אָדער בּעטמאַן? איך האָבּ אייך געבּעטן קו־מען, ווייל איך האָבּ געהאַט דעם איינדרוק, אַז דייטשלאַנד גייט צוריק. איצט האָבּ איך פון מאָסגעבּיקער דייטשער זייט די דער־קלערונג וואָס בּאַרואיקט". ערשט דערוף ווערט אין ווין בּאַ־שלאָסן צו בּעטן בּאַ זיין מאַיעסטעט דעם בּאַפעל „צו אַן אַלגע־מיינער מאָבּיליזאַציע". דער אַלטער קיסר האָט דאָס געטאָן, אָבּער ווי ווינציק ער האָט געהאָפט, וואָס ער האָט געפילט, בּאַ־ווייזט דאָס ווארט, וואָס ער האָט אין יענע טעג געזאָגט צו קאָנראַד פאָן העצנדאָרף: „אויבּ עס איז בּאַשערט, די מאָנאַרכיע זאָל אונטערגיין, זאָל זי אונטערגיין כאָטש אַף אַ פיינעם אופן!"

אין בּערלין האָט אין אָוונט דער רעגירנדיקער גענעראַל פאָן מאָלטקע געהייסן דעם קאַנצלער מבטל זיין זיין סטראַשונעק קעגן ווין: „זייט אזוי גוט די שליחות ניט אויסצופירן"; נאָר די געפּלאַנטע בּאַגרינדונג, „ווייל דער גענעראַל־שטאַבּ איז מודיע, אַז (רוסלאַנדס) הכנות שטופּן צו אַ גיכן אַנטשייד". האָט מען ניט מוסיף געווען. ווערדליך לערכענפעלד איז מודיע, האָט מאַלטקע „שוין מיט חדשים צוריק געהאַט ארויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז דער מאָמענט איז מיליטעריש אזוי גינסטיק, אַז אַזעלכער וועט זיך אַזוי

גיך ניט אומקערן". איצט באַשטעטיקט א באַריכט פונם בייערישן מיליטער=פארשטייער אין בערלין, אַז מאָלטקע ווענדט אָן „זיין גאַנצע השפעה, אַז עס זאָל אויסגענוצט ווערן די זעלטן גינסטיקע לאַגע צו דער מלחמה; ער ווייזט אָן דערויף, אַז פראנקרייך איז מיליטעריש צעטומלט, אַז רוסלאַנד פילט זיך ניט זיכער; דערצו די גינסטיקע צייט פון יאָר, די תבואות כמעט אין גאַנצן אריינגעבראכט אין די שייערס, די אויסבילדונג פון די סאָלדאטן פארענדיקט".

אָט דער באַריכט פון מיליטער=מאַן באווייזט, וואָס אזאַ גענעראל טראכט: געווי די זעלביקע ווערטער, הגם זיי זיינען ניט פאַרשריבן געוואָרן, האָט אין דער זעלביקער שעה גערעדט יאַנושקעוויטש אין פעטערבורג און קאָנראד אין ווין. דער פיינט ניט פעסט בא זיך, די תבואות אין שייער, די צייט גינסטיק פארן קריג. מאָדנע, ווי אָט די אַלע לייט האָבן זיך געוואוסט צו פארווארענען פאר א העלדן=טויט!

אַרום האַלבן טאָג האָבן אומבאַקאַנטע געגעבן א וואונק דעם אפיציעלן „לאקאל=אנצייגער", ער זאָל מעלדן ווי א פאקט די מאָביליזאַציע, הגם זיי האָבן נאָך ניט געהאַט געפועלט באם קיסר, ער זאָל דעם באפעל אונטערשרייבן. איינס אַזייגער זיינען אַרויס אין בערלין 100.000 עקסטרא=בלעטער. אלע דיפּלאמאטן טעלעגראפירן דאָס אהיים... יאַגאָוו טעלעפאָנירט צו די אַמבאסאַדאָרן און לייקנט אָפּ. קיינער גלויבט אים ניט. חוץ דעם אין די פרעמדע הויפּט=שטעט קומט די הכחשה אָן אין עטלעכע שעה אַרום נאָך דער ידיעה. דער צאַר טעלעגראפירט ווידער און בעט פארמיטלען. דער קיסר פאַרנאָטירט: „דערפון קאן קיין רייד ניט זיין! עס איז נאָר א מאַנעווער, בכדי אונז צו פארהאלטן און צו געווינען נאָך מער צייט. מיין שליחות איז אויס".

מיין שליחות איז אויס. הערט מען די שטים פון זיינע גענעראלן? דאָ איז ניטאָ קיינער, וואָס זאָל פּרואוון צו מאכן פּאָליטיק, ד. ה. קלערן מיטן אַנדערנס געדאנקען: צו פארגלייכן די לאַגע פונם שרעקעדיקן צאַר, וואָס זיינע מיליטער=פירער טרייבן אים צו מלחמה, מיט דער לאַגע פון דעם שרעקעדיקן

קיסר, וואָס ווערט געטריבן פון די זייניקע, און צו שטאַרקן מיט איין מעכטיקן וואָרט דעם קרובֿ נאָכדעם ווי דער קיסר האָט אין משך פון 25 יאָר געריצט אייראָפּע דורך זיינע רעדעס, אין משך פון 25 טעג ניט געלאָזן רוען מיט זיין געטריישאַפט, אָן אליין צו וועלן מלחמה, דערוועט ער פליצים זיין אמתן שונא און פּלאַצט סוף כּל סוף ארויס מיט אַזעלכע רייד, וואָס ער פאַר־צייכנט זיי אפן פעטערבורגער באַריכט, וואָס ער קריגט אין אָוונט:

„די באַרימטע ארומרינגלונג פון דייטשלאַנד איז סוף כּל סוף טאַקע געוואָרן אַ פאַקט, ניט געקוקט אַף אַלע פּרוואוון פון אונזער פּאָליטיק... אַ גרויסאַרטיקער אופטו, וואָס דערוועקט באַ־וואונדערונג, אַפילו באַ דעם, וואָס גייט דורך דעם אונטער. עדוּ־אַרד VII איז נאָכן טויט שטאַרקער פאַר מיר, וואָס איך לעבן... און מיר האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין נעץ אין דער תמימותדיקער האָפענונג דערמיט צו באַרואיקן ענגלאַנד!!! אַלע התראות, אַלע בקשות פון מיין זייט זיינען געווען אומזיסט. איצט קומט דער ענגלישער אַזויגערופענער דאַנק דערפאַר! פון דער דילעמע פון דער געטריישאַפט צום בונד מיטן בכבודיקן אַלטן קיסר ווערט פאַר אונז געשאַפן די סיטואַציע, וואָס גיט ענגלאַנד דעם גע־וואונשענעם אויסרייד, צו מאַכן פון אונז אַ תל... איצט מוז אָט די גאַנצע אינטריגע אָן רחמנות אופגעדעקט ווערן!! און אונזערע קאָנסולן אין טערקיי און אינדיען, אַגענטן א. אז. וו. מוזן אָנ־פייערן די גאַנצע מוחמדאַנישע וועלט צו אַ ווילדן אופשטאַנד קעגן דעם דאָזיקן פאַרהאַסטן, ליגנערישן, געוויסנלויזן קרעמער־פאָלק; ווארום אויב מיר וועלן אויסגיין מיט בלוט, דעמאָלט זאָל ענגלאַנד כאָטש אָנווערן אינדיען“.

ווי אַ וואסער־פאַל שטראָמען ארויס עכטע געפילן, קרומע געדאַנקען, אופגערעגטע אויסגעשרייען אין די דאָזיקע זאַצן, וואָס האָבן געגעבן די דייטשע לאָזונגען אין די נאָענטסטע יאָרן. ווי אייגנ — און דאָך וואָסער פייער פון נקמה, וואָס פאַר אַ ברענענ־דיקע שנאה האָט געשפּירט דער מאָנאַרך פון אַ מעכטיקער מלוכה צו דער צווייטער מלוכה נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט

געפּילט, אַז דער ענגלישער קרוב האַלט פון אים ניט! אַז מען זעט, ווי ער הייבט אָן פּונקט אַזוי פּעסימיסטיש ווי זיין פאַרבינדעטער אין ווין אַן אונטערנעמונג, וואָס פון איר וואָלט ער זיך געקאָנט אַרויסראַטעווען דורך אַ פּשוטן ניין, שטעלט זיך די קשיה: וואָס האָט אים סוף כּל סוף געטריבן פאָרט זיך איינצושטעלן קעגן דעם אייגענעם פאָרגעפיל — די שנאה צו ענגלאַנד אָדער די שרעק פאַר די גענעראַלן?

*

אין דער דייטשער אַמבאַסאַדע אין ווין קומט אָן בעטמאַנס דרינגלעכער באַפעל, צו זען דורכצופירן דעם ענגלישן פאָרשלאָג. תיכּף לאָזט זיך דער אַמבאַסאַדאָר מעלדן באַם גראַף בערכטהאָלד צו פרישטיק, נאָך איידער די בערלינער גענעראַלן באַווייזן דעם באַפעל צוריקצורופן. עס גייט, אמת, אין שעהן, עס גייט, אמת, אין דעם גורל פון אייראָפּע, אָבער דער אַמבאַסאַדאָר ווערט דורך דעם בעל-הבית געצוואונגען פאָרצולייענען די דעפּעשע ערשט נאָך פרישטיק; די דאָזיקע לייט פאַרלירן קיין מאָל ניט דעם אַפּעטיט. גראַף פאָרגאַטש, וואָס האָט אויך מיטגעגעסן, מאַכט זיך נאָטיצן. בערכטהאָלד שטייט „בלאַס און שווייגעדיק": גאָר אין לעצטן מאָמענט זעט ער, ווי זיין טייערער קריג שטייט אין סכּנה! וואָס באַדאַרף מען קודם כּל טאָן? פרעגט ער זיך. איבערטאָן זיך! וואָרום ער וויל פאָרן צום קיסר. דערווייל מענעט דער דייטש נאָך איין מיטן צווייטן גראַף. יענער האַלט פאַרקערט, אַז מען מוז מאַכן די אַלגעמיינע מאָביליזאַציע. וואָס קאָנראַד וויל היינט אין אָוונט פועלן באַם קיסר. בערכטהאָלד ווערט „געריסן אַהין און אַהער דורך פאַרשיידענע השפּעות", עס ווערט ציטירט טיסאַ. אין גאַנצן קאָן מען זיך ניט אַרויסמאַכן און מען ווערט ערשט דעם צווייטן טאָג מוסכּם אָנצונעמען פאָרמעל, אונטערן דרוק פון בערלין, גרייס פאָרשלאָג אין אַזאַ אויסגעקוועטשטן ענטפער: מען איז מרוצה „צוצוטרעטן נעענטער" צום ענגלישן פאָרשלאָג, אויב מען מעג בינתים ווייטער מאַרשירן אין סערביען אַריין.

אָבער אַפילו אַט דעם דאָזיקן פאַרשפּעטיקטן, פערטלדיקן הסכּם פאַרהאַלט גראַף בערכטהאָלד, ביז ער האָט מער ניט געקאָנט שאַדן: אין משך פון צוויי טעג האָט דער ענגלישער אַמבּאַסאַדאָר אין בערלין עטלעכע מאָל זיך נאָכגעפרעגט אויפן ענטפער פון ווין. ערשט אין 24 שעה אַרום איז ער אָפּגעשיקט געוואָרן קיין בערלין, פון דאָרט קיין לאָנדאָן קיין מאָל ניט. די גענעראַלן האָבן רעגירט. אַנשטאָט דעם איז אין ווין געוואָרן באַשלאָסן די אַלגעמיינע מאָביליזאַציע, מיט עטלעכע שעה שפּעטער, ווי אין פּעטערבורג.

פונדעסטוועגן איז דאָס פאַרהעלטעניש צווישן די ציווילע באַאַמטע און די גענעראַלן אין בערלין און ווין געווען פאַרשידן: אין בערלין, וואו די גענעראַלן זיינען געווען מער לייט, ווי די דיפּלאָמאַטן, האָבן רעגירט די גענעראַלן; אין ווין, וואו די מעשה איז געווען פאַרקערט, זיינען די געריבענע דיפּלאָמאַטן געווען ביכולת צו קאָמאַנדעווען איבער די גענעראַלן, אַפילו אַז דער קריג האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן. ווי אַזוי זיי האָבן דאָס געטאָן, באַווייזט אַ טעלעגראַם, וואָס ווערט דאָ אַרויסגעטראָגן פון איר באַהעלטעניש און אויסגעשטעלט אויף לייטיש געלעכטער און גרויל. דעם 28-טן האָט דער גענעראַל פּאָטיאָרעק, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן איינצונעמען סערביען און וועט שוין צו ווייַנאַכט זיצן ווידער אַ צעקלאַפּטער אין ווין, געקראָגן אַ טעלעגראַם, אַז „קלענערע געשלעגן מיט די סערבן זיינען געוואונשן, עס זיינען אָבער ניט כּדאַי קיין גרעסערע אונטערנעמונגען, וואָס וואָלטן געקאָנט פירן צו מפּלות".

דאָס הייסט: אין הויפּטשטאָט זיצט אַ מיניסטער, וואָס האָט אויסגעקלערט אַ קריג. נאָר אַנדערע מעכטיקערע מיניסטאָרן שטערן אים, און עס שטייט פאַר אים די סכּנה פון אַ קאָנפערענץ, וואָס זאָל מבטל זיין דעם קריג; וויל ער דעריבער וואָס גיכער נעמען שיסן, כּדי די האַרמאַטן זאָלן מאַכן שווייגן די דיפּלאָמאַטן; לאָזט ער טעלעגראַפירן אויפן פראָנט: מאַרש פאַראויס! אָבער היות ווי ער לייגט ניט קיין גרויסן בּטחון אויף זיינע גענעראַלן, איז ער מוסיף: אָבער נאָר ניט קיין „אונטערנעמונגען"

(און איידל וואָרט פאַר שלאַכטן), וואָס בא זיי קאָן עפּעס טרעפן. נאָר עטלעכע זעצן אין דער לופט, בכדי ער זאָל קאָנען אָפּנאַרן אייראָפּע, און דער עיקר דעם בונד-חבר, אַז דער ענגלישער שריט איז געקומען „צו שפּעט... נאָכדעם ווי סערביען האָט אָנגעהייבן די געשלעגן".

נאָר צוגלייך האָט בערכטהאָלד געטאָן אַ טריט קיין פּעטערבורג: איצט האָט ער ערלויבט זיין אַמבאַסאַדאָר אָנצוהייבן מיט סאַזאָנאָוון דעם „שמועס", ד. ה. אַרומצורעדן דעם אולטימאַטום, אָבער ניט פאַרהאַנדלען איבער זיין „באַרעכטיקונג"! פאַרוואָס האָט ער איצט געטאָן דאָס, וואָס ער האָט פינף טעג נאָכאַנאַנד ניט געוואָלט טאָן? איצט איז ער געווען זיכער, אַז די רוסן און די דייטשן זיינען צעקריגט; איצט האָט דער קלייגער מעטערניך געקאָנט פאַר עסטרייך זיך לאָזן ריידן, די נאָענטסטע טעג האָבן דאָס באַוויזן.

*

אין בערלין איז געוואָרן צוגלייך פּראָקלאַמירט דער „צושטאַנד פון קריגס-סכּנה", דאָס איז אַ המצאה פון גענעראַל-שטאַב, בכדי אין פאַל פון אַ קריג צו מאָביליזירן, איידער די מאָביליזאַציע איז באַשטימט. די מיליטער-לייט האָבן אַפּלאָדירט צו דער פעסטער האַלטונג פון ווין. עס איז אמת געווען באַקאַנט בערכטהאָלדס לעצטער טריט קיין פּעטערבורג, וואָס האָט דאָך באַדאַרפט אויטאָמאַטיש ווירקן אויפן פאַרבינדעטן, וואָרום עסטרייך איז דאָך געווען צעקריגט מיט רוסלאַנד, ניט דייטשלאַנד; אָבער די גענעראַלן האָבן רעגירט.

אַ שעה צייט האָט דער ענגלישער אַמבאַסאַדאָר איינגעטענעט מיט הער פאָן יאַגאָוו, ער זאָל נאָך איצט אָננעמען גרייס פאָרשלאָג.

יאַגאָוו: „מיר האָבן געשטעלט צו רוסלאַנד אַן אולטימאַטום פון צוועלף שעה".

גאָשען: „פאַר וואָס פאַרלאַנגט איר, אַז רוסלאַנד זאָל דעמאָביליזירן אויך אין דרום?"

יאַגאָוו: „בכדי זי זאָל ניט קאָנען האָבן דעם אויסרייד, אַז די גאַנצע מאָביליזאַציע איז געווענדט קעגן עסטרייך".

בערלינער שטימונג אין אויסערן־מיניסטעריום לויט גראַף לערכנפעלדס אַ פאַרקירצטן באַריכט:

„דעם דייטש־ענגלישן פאָרשלאָג האָט מען געקענט אין ווין אָננעמען... מאָלטקע האָט שוין מיט חדשים צוריק דערקלערט, אַז די צייט איז אַזאַ גינסטיקע פאַרן קריג, אַז עס וועט זיך אַזוי גיך ניט אומקערן אַזעלכע. די סיבות: די דייטשע אַרטילעריע איז בעסער, פראַנקרייך און רוסלאַנד האָבן ניט קיין שווערע האַרמאַטן, די ביקסן פון דער דייטשער אינפאַנטעריע זיינען בעסער, די פראַנצויזישע קאַוואַלעריע איז גאַר שלעכט אויסגעבילדעט... די סאָציאַלדעמאָקראַטן האָבן געטאָן זייער חוב און דעמאָנסטרירט פאַר שלום, איצט האַלטן זיי זיך שטיל... דער קיסר איז נאָך אַ קליינעם ביט אין דער שטימונג איצט זייער ערנסט און זייער רואיק".

אין פעטערבורג איז מען געווען פונקט אַזוי פעסט. דער דייטשער אַמבאַסאַדאָר פאָרט נאָכמיטאָג אַרויס קיין פעטערהאָף צום צאַר, ער זאָגט: „מיין פאַרלאַנג איז אָפן צו שילדערן אייער מאַיעסטעט דעם איינדרוק, וואָס עס מוז מאַכן אין דייטשלאַנד די אַלגעמיינע רוסישע מאָביליזאַציע. מען וועט זי אויפנעמען ניט נאָר ווי אַ סטראַשענעק און אַן אַרויספאָדערונג צו דייטשלאַנד, נייערט אויך ווי אַ באַליידיקונג פון דייטשן קיסר, וואָס זוכט נאָך אַלץ צו פאַרמיטלען".

דער צאַר הערט צו. „אָן אַרויסצואווייזן דורך אַ מינע, וואָס עס טוט זיך בא אים אין האַרצן"; דערנאָך זאָגט ער: „איז דאָס טאַקע אַזוי?"

פורטאַלעס: „דאָס איינציקע, וואָס וואָלט געקאָנט נאָך פאַרהאַלטן דעם קריג, איז צוריקציִענעמען דעם באַפעל וועגן מאָביליזאַציע".

דער צאַר: „איר זייט אַליין געווען אַן אָפיציר און מוזט דערייבער וויסן, אַז אַזעלכע באַפעלן לאָזן זיך ניט אָפּהאַלטן איבער טעכנישע טעמים". דערויף ווייזט ער אים אַ דעפּעשע און אַן

אָנגעהייבענעם בריוו צום דייטשן קיסר; ער האַלט זיך נאָך אַלץ ניט פאר באזיגט. ווארום ער שיקט אָפּ א גענעראל: קיין בער־לין. דער דאָזיקער רוסישער שלום־גענעראל איז פּונקט אזוי אָנ־געקומען אין בערלין, ווי בערכטהאָלדס תשובה, אַז ער נעמט אָן דעם ענגלישן פאָרשלאָג, איז אָנגעקומען קיין לאָנדאָן.

היות ווי דייטשלאנד האָט באַשטימט שלום אָדער מלחמה, געווענדט אָן דעם, צי רוסלאַנד שטעלט אָפּ די מאָביליזאַציע אָדער ניט, קומט אויס, אז עס איז געוואָרן קריג דערפאר, ווייל קיינער האָט ניט געקאָנט פאַרהאַלטן אַ מאָביליזאַציע „אָן אַן אומגליק".

דעם צווייטן טאָג ארום האַלבער נאַכט האָט גראַף פּורטאַ־לעס איבערגעגעבן דעם דייטשן אולטימאַטום. סאַזאָנאָוו פרעגט:

„פאַר וואָס איז פאר אייך ניט גענוג דעם צאַרס ערן־ווארט צו אייער קיסר?"

„ווייל עס איז גילטיק נאר, כל זמן עס איז פאַראַן אַן אויסזיכט, אויסצוגלייכן דעם רוסיש־עסטרייכישן סיכסוך איבער סערביען. קאָנט איר מיר גאַראַנטירן, אז רוסלאַנד איז מרוצה צו האַלטן שלום, אפילו ווען זי וועט זיך ניט צונויפקומען מיט עסטרייך?!"

„אויף דער דאָזיקער פראַגע קאָן איך ניט ענטפערן יאָ".

„דעמאָלט קאָנט איר אונז ניט פאַרדיינקען, וואָס מיר ווילן ניט דערלאָזן, אז רוסלאַנד זאָל אונז איבעריאָגן אין מאָבי־ליזאַציע".

די דאָזיקע נויטווענדיקייט באַשטעטיקט דער סערבישער אַמבאַסאַדאָר, וואָס האָט אין דער זעלביקער צייט טעלעגראַפירט אַהיים, „אַז רוסלאַנד פאַרציט איצט די פאַרהאַנדלונגען... כּדי צו געווינען צייט צוליב דער קאָנצענטרירונג פון איר אַרמיי. אַז זי וועט זיין פאַרטיק, וועט זי דערקלערן קריג עסטרייך".

דאָס איז אָבער ניט געווען אין גאַנצן ריכטיק. מיט עטלעכע שעה פריער האָט סאַזאָנאָוו געהאַט אַ זייער פריינט־שאַפטלעכן שמועס מיטן אַמבאַסאַדאָר פון עסטרייך:

„מיר וועלן זיך ניט רירן, כּל זמן עס גייט נאך א שמועס מיט ווין, בכדי זיך צונויפצורעדן. איבעריקנס האט איר די ערשטע מאביליזירט". דער אונגאר פראטעסטירט שטארק. סאזאנאוו ענדיקט דעם וויכּוח מיט דער מערקווירדיקער איראניע: „לאמיר אוועקלאזן די כראנאלאגיע!" דערנאך ריידן זיי איבער דעם אולטימאטום, פונקט ווי מיט פינף טעג פריִער. צום סוף דערקלערט סאזאנאוו, אז עס איז אים א סך גרינגער געווארן.

*

נאָך איידער דער אולטימאַטום איז איבערגעגעבן געוואָרן אין פּעטערבורג, האָט דער קיסר געהאַלטן זיין ערשטע קריגס-רעדע פון בערלינער שלאָס אַראָפּ: ער האָט גערעדט פון שווערד פון גאָט און פון זיינע קעגנער.

דערווייל האָט מען זיך געמאַטערט מיט דער פאָרמאַלער פראַגע, ווי אַזוי דערקלערט מען קריג. מען האָט געשריבן גלייך צוויי קריגס-דערקלערונגען (איינע שוין אין פאָראויס פאַר פראַנקרייך). מען האָט א סך געאַרבעט, דער פראַנצויזישער נוסח זאָל אַרויסקומען גוט און גענוי, ביז מען האָט געפונען, אַז מען דאַרף שרייבן, אַז מען נעמט אָן די אַרויספאָדערונג.

איינס אַזייגער באַטאָג האָט מען טעלעגראַפירט דעם אַמבּאַסאַדאָר, אַז פינף אַזייגער זאָל מען זי איבערגעבן דאָרט. צוויי אַזייגער איז פּלוצים אָנגעקומען אין בערלין א נייע דעפּעשע פון צאַר. אָבער דערווייל האָט קיינער ניט געקלערט מכח טעלעגראַפירן דעם אַמבּאַסאַדאָר, ער זאָל פאַרהאַלטן די קריגס-דערקלערונג, הגם עס איז געווען דעם צאַרס פאַרשטאַנדיקסטע דעפּעשע: „איך פאַרשטיי, אַז דו ביסט געצוואונגען צו מאָביליזירן, איך וואָלט אָבער וועלן פון דיר די זעלביקע גאַראַנטיע, וואָס איך גיב דיר. דאָס הייסט, אַז די דאָזיקע שריט באַטייטן נאָך ניט קיין מלחמה, און אַז מיר וועלן ווייטער פאַרהאַנדלען."

יאַגאָוו און צימערמאַן פאָרן טאַקע אין שלאָס אַריין, בכדי צו פאַרהאַלטן די מאָביליזאַציע. הגם זיי פּועלן דאָס ניט, פונ-

דעסטוועגן בלייבן זיי ביידע אף זייערע פאסטנס, איינער צוויי יאָר דער צווייטער נאָך דריי יאָר.

5 אזייגער נאָכמיטאָג קומען ארויסגעפלויגן פון שלאס און אראָפּ אונטער די לינדן אויטאָס, אין זיי שטייען אָפיצערן, פאכן מיט טיכלעך און שרייען דורך די קולאַקעס: מאָביליזאַציע!! דער המון לויפט נאָך און שרייט און קוועלט.

נאָר באַם שלאָס גופא, באַם קיסר אונטער די אויגן גייט אַלץ צו פּרייסיש־רואיק. דער באַריכט זאָגט: „לויטן קיסרס באַפעל איז א ווײַלע נאָך פינף אזייגער ארויס א פאליציסט פונם טויער פון שלאָס און האָט געלאָזט וויסן אלע, וואָס האָבן געווארט, אז עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו מאָביליזירן. דער המון איז שטאַרק גערירט און הייבט אָן זינגען די קירכן־ליד: „איצט דאַנקט אלע גאָט!"

⁂

דער אויסערן־מיניסטעריום האָט ניט נאָר צונויפגעשטעלט די קריגס־דערקלערונג אין פראַנצויזיש, נייערט אויך שיפרירט זי אין צוויי נוסחאות און איבערגעשיקט צום פעטערבורגער אמבאַסאַדאָר; עס האָבן געקאָנט זיין צוויי פאלן: אדער דער קעגנער ווארפט אָפּ אדער ער שווייגט.

גראַף פורטאלעס לאָזט ניט איבערשרייבן די נאָטע אין צוויי נוסחאות באַזונדער, הגם דאָס וואָלט געדויערט איבעריקע פינף מינוטן. ער „האָט ניט קיין צייט" און שטעקט אריין האסטיק אין קעשענע די אָפּשיפרירטע דעפעשע און פאָרט צו סאַזאָנאָוון.

„נאָך דריי מאָל פרעגן, צי ער וויל מיר ניט געבן קיין ענטפער אף מיין לעצטן ארויסטרעט... האָב איך אים פאָרגעלייענט די אָנגעשריבענע דערקלערונג" און איבערגעלאָזן באַם פיינט דאָס פאפיר. אז ער איז אַוועק, לייענט דער רוס די דאָזיקע דייטשע קריגס־דערקלערונג אין צוויי נוסחאות: „היות ווי רוסלאַנד האָט ניט נאָכגעגעבן דער דאָזיקער פאָדערונג (האָט ניט געפונען פאר נויטיק צו געבן קיין ענטפער) און דורך אָט

דעם אָפּזאג (דורך אַט דער האַלטונג) באַוויזן, אַז איר טועכץ איז געווענדט קעגן דייטשלאַנד, האָב איך דעם כּבֿוד מודיע צו זיין אייער עקסעלענץ אין שליחות פון מיין רעגירונג אַט וואָס: זיין מאַיעסטעט דער קיסר, מיין געהויבענער מושל, נעמט אָן די אַרויספאָדערונג אין נאָמען פון דער אימפּעריע".

אַזאַ בּריה איז געווען גראַף פּורטאַלעס.

נאָך האַלבער נאַכט קומט פּלוצים אָן צום צאַר אין פּעטערבורג א נייע דעפּעשע פון דייטשן קיסר, וואָס האָט נאָך אין לעצטן מאָמענט געוואָלט אָפּווענדן דעם קריג. די דעפּעשע איז אָפּגעגעבן געוואָרן אין בערלין דריי שעה נאָכן איבערגעבן די קריגס=דערקלערונג, און ווארנט, די רוסן זאָלן ניט אַריבערטרעטן דעם גרענעץ, ד. ה. בעצם, אַז דער דייטשער קיסר איז מבטל די קריגס=דערקלערונג. אונטערגעשריבן: ווילי.

א לעצטע האָפענונג כאַפּט זיך אויף באַם רוסישן קיסר. ער קלערט: — דאָס איז דאָך כמעט ווי גענומען צוריק די קריגס=דערקלערונג לכל הפּחות, עס ווערט געשטעלט א תּנאי! נעכטן האָב איך אוועקגעשיקט מיין אַדיוטאַנט קיין בערלין! האַלט איך אָפּ דאָס מיליטער באַם גרענעץ, קאָן מען נאָך אַלץ איבערקערן! תּיכף טעלעפאָנירט ער צו סאַזאָנאָוון די דעפּעשע און הייסט אים וואָס גיכער זיך צונויפרײדן מיטן דייטשן אַמבּאַסאַדאָר.

עס איז אַרום פיר אַזייגער אינדערפרי. גראַף פּורטאַלעס האָט די גאַנצע נאַכט זיך געפּאַקט. אַז מען קלינגט אים אָן, מיינט ער, א רוח פון יענער וועלט רופט אים. ווי? איז דאָס טאַקע דער זעלביקער מיניסטער, וואס ער האָט אים אָקאָרשט דערקלערט קריג? וואָס האָט דער צאַר געקראָגן? א נייע דעפּעשע פון קיסר? גאָט מיינער! סאַזאָנאָוו באַשטעטיקט דייטלעך דעם טעקסט פון דער טעלעגראַם און די שעה, ווען זי איז אַרויסגעשיקט געוואָרן, דערנאָך פרעגט ער:

„ווי זאָל איך צונויפבינדן די דאָזיקע טעלעגראַם מיט אייער קריגס=דערקלערונג?"

נאָך אמאָל גנבעט זיך אריין דער שכל אין די קרייזן פון שוואכע אדער פארברעכערישע דיפּלאָמאַטן. דאָס לעצטע מאָל! וואָס וועט טאָן דער דייטשער גראף? וועט ער ניט אויסרופן אין טעלעפאָן: איך קום! און וועט פאָדערן א הוט און א קאַראָט, אַראָפּלויפן די טרעפ, בכדי אין פינף מינוט ארום צו האלטן אין די הענט די טייערע דעפּעשע פון זיין האַר אדער לכל הפחות אַ קאָפּיע פון איר?

גאָרנישט. ער איז אַ דיפּלאָמאַט, ד. ה. ער ווייס, וואָס עס געשיקט זיך צו טאָן, נאָכדעם ווי מען האָט דערקלערט קריג. און סאַזאָנאָוו הערט אין טעלעפאָן נאָר די דאָזיקע ווערטער (וואָס פּורטאַלעס האָט אליין זי. פארצייכנט אין זיינע מעמוארן):

„איך באַדויער, וואָס איך קאָן דעריבער ניט געבן קיין דערקלערונג. אפשר איז די דאָזיקע טעלעגראַם פון פריער, איידער די, וואָס אין איר האָט מען מיר אָנגעוויזן, אָפּצוגעבן די דער־מאָנטע דערקלערונג. אין איבריקן מוז איך בעטן, זיך צו ווענדן צום אמעריקאַנישן אַמבאַסאַדאָר, וואָס האָט איבערגענומען אונזערע אינטערעסן. אין פיר שעה ארום פאָרן מיר אָפּ“. און הייננט אוף דאָס טרייבל.

„אפשר“, „דערמאָנטע דערקלערונג“, „אין איבעריקן מוז איך בעטן“: קאַלטקייט, לייכטזין, דער ווילן צו מאכן זיך גרינגער: טיפּישע האַלטונג פון אן אייראפּייאישן דיפּלאָמאַט. אָבער נאָך דעם פאר־לאָרענעם קריג ווערט דער הער גראַף ניט אויסגעלאַכט פון וועגן זיין „טאָפּעלער קריגס־דערקלערונג“ און ניט עס משפּט אים דאָס פאָלק, פאר וואָס ער האָט ניט אָנגענומען דעם קיסרס דעפּעשע.

עלפטער קאַפּיטל.
די נייטראַלע.

די באַלקאַן־מלוכות זיינען אין אָנהייב געווען צו אָפּגעהיט. אַז זיי זאָלן זיך אָפּן שטעלן אַף דעם אָדער יענעם צד. אַלע פינף זיינען די ערשטע חדשים אָדער יאָרן לאַנג געבליבן נייטראַל.

רומעניען איז באַהאַלטענערהייט געווען פאַרבונדן מיטן דרייבונד; אין דער פראַקטיק האָט זיך אַרויסגעוויזן אין גיכן, אַז דער דאָזיקער פיר=בונד איז נאָר אַ צווייבונד. איין יאָר פאַר דער מלחמה, אַז דער עסטרייכישער אַמבאַסאַדאָר גראַף משערנין האָט גענומען צוריידן, מען זאָל פאָרלייגן דעם געהיימען בונד פאַרן פאַרלאַמענט, האָט דער אַלטער קעניג זיך דערשראָקן אַף טויט. שוואַך, פונקט ווי די איבעריקע מלכים פון אייראָפּע, אַ האָהענצאָלער, אַ מאַן פון אַ פּאָטעטירנדיקער פּרינצעסין, שטענדיק נענטער צו די אָרנטלעכע פויערים פון זיין שטאָם=פרעמדן לאַנד, איידער צו די באַלקאַנישע אַדוואָקאַטן, וואָס האָבן רעגירט איבער דעם: האָט קעניג קאַראָל צוגעלאָזן צום שיסל די פאַרטייען איינע נאָך דער אַנדערער, און דערפאַר האָט ער שטאַרק מורא געהאַט פאַר אַן אָפענעם בונד.

און דאָך האָט מען געקאָנט צוציען אַפילו די ליבעראַלן, וואָס האָבן געצויגן צו פראַנקרייך, אויב מען זאָל זיי געווען אָפּגעבן זיבנבירגן מיטן מיליאָן רומענער, וואָס זיינען עטלעכע יאָרהונדערטער געווען אונטערטעניק די מאַדיאַרן. די ליבעראַלן, וואָס האָבן זינט 1913 רעגירט אין רומעניען, האָבן אָנגעבאָטן אַ פאַרבינדונג מיט דער מאָנאַרכיע אין זין פון פראַנץ פערדינאַנד, אָבער טיסאַ האָט ניט געוואָלט. אויך דער אַלטער קיסר איז געווען קעגן, דוקא ווייל זיין פלימעניק איז געווען פאַר. אַז ער איז דערהרגעט געוואָרן, איז מען געווען אין בוקאַרעשט שטאַרק אופגערודערט: אַ פריינט פון רומעניען איז געפאַלן.

דער אולטימאַטום פון ווין צו סערביען האָט די דאָזיקע שטימונג אומגעביטן „אין עטלעכע שעה“. בשותפות מיט סערביען האָט מען אָקאָרשט געהאַט געזיגט, האָט מען עסטרייך דערקלערט פאַר משוגע, מען האָט געזען, אַז אין דער מלחמה, וואָס הייבט זיך אָן, וועט מען קאָנען פאַרווירקלעכן די תביעות אַף זיבנבירגן גיכער ווי נייטראַלע, איידער ווי פאַרבינדעטע. דער באַלקאַנישער קעניג מיטן דייטשן הארץ האָט ניט געלאָזן דעם עסטרייכישן אַמבאַסאַדאָר דערלייענען דעם אולטימאַטום ביזן סוף, און האָט אויסגערופן אויסער זיך: „דאָס איז דאָך דער וועלט=קריג!“ און

האָט באַדאַרפֿט אַ לאַנגע צייט, ביז ער איז פּאָליטיש געקומען צו זיך. אין זיין טאָג־בוך פֿאַרצייכנט ער: „עס איז ניט זיכער, אַז דער מאָרד איז צוגעגרייט געוואָרן אין בעלגראַד". ער האָט געפֿילט, אַז זיין געהיימער בונד איז געבליבן הייגען אין אַ פּוסטן חלל, און אַז דער עסטרייכער האָט אין עטלעכע טעג אַרום אים גענומען בײַם וואָרט: ער מוז מיטגיין, ווייל אָפּגערעדט איז אָפּגערעדט. וואַרפֿט זיך דער קעניג אַרום מיט געווין אויף זיין שרייבטיש און וויל זיך אַראָפּרייסן פֿון האַלז דעם פּרייסישן הויכן אָרדן, וואָס ער טראָגט.

דערווייל טעלעגראַפֿירט דער דייטשער קיסר קיין בוקאַרעשט, „ווי אַ האָהענצאָלער", און סטראַשעט במעט. קרוין־ראָט. דער קעניג שלאָגט פֿאָר צו העלפֿן עסטרייך; נאָר איינער, פּעטער קאַרפּ, שטימט פֿאַר. אַלע איבעריקע האַלטן, אַז דער בונד איז ניט מחייב צוצושטיין, ווייל ווין איז אַרויסגעטראָטן אין בעלגראַד, ניט אָנגעפֿרעגט פֿריער בײַ רומעניען. דער אמתער טעם אָבער, פֿאַר וואָס מען איז קעגן, איז אונגאַרן, וואָרום פֿאַר וואָס זאָלן זיי אַרויסהעלפֿן דעם דאָזיקן דם־שונא פֿון אַ צרה? דער קעניג פֿאַרזיכערט לכל הפּחות, אַז עסטרייך באַדאַרף איר רומענישן גרענעץ ניט שיצן: „כּל זמן איך בין קעניג, וועט רומעניען קיין מאָל ניט אַרויס אין מלחמה קעגן עסטרייך!"

אָבער בראַטיאַנו, דער פּרעמיער, געשטימט פֿראַנצויזיש, טראַכט בײַ זיך, אַז אַלטע מענטשן קאָנען שטאַרבן, און בײַשטעלט אויף יעדן פֿאַל נייע האַרמאַטן, פֿאַרשטייט זיך, בײַ קרופּן.

*

בולגאַריען פֿילט זיך צוגעצויגן אויפֿן צד פֿון דייטשלאַנד, מחמת איר שנאה צו די סערבן און איר פֿיינטשאַפֿט מיט די רוסן; זי וואָלט צוגעשטאַנען צום דרייבונד, ווען יענער וואָלט איר גאַראַנטירט די פֿאַרלאָרענע געביטן. פֿונדעסטוועגן וועט דאָס געדויערן אַ יאָר, איידער מען בינדט זיך. מאָנטענעגראָ ווידער, וואָס איז סערביש, נאָר זי האָט סערביען פֿיינט, שטעלט אָפּ אויף

גיך אירע קונצן: דער קעניג פֿון די שוואַרצע בערג האָט זינט לאַנג געהאַט איינגעקויפֿט אין פּאַריז און אין ווין רוסישע פּאַפּירן. און דערפֿאַר איילט ער זיך „מחמת לײַדנשאַפֿט" צו הילף זײַנע באַדריקטע ברידער, וואָס רוסלאַנד איז מיט זיי פֿאַרבונדן. צי מיינט ער אויפֿצוהאַלטן די רוסישע פּאַפּירן דורך די נצחונות פֿון זײַן אַרמיי אָדער גלויבט ער אין די רוסישע פּאַפּירן און איז צוליב זיי מקריב זײַן אַרמיי? ער וועט פֿאַרלירן אי זײַן געלט אי דעם קריג און זײַן לאַנד.

די קעניגין פֿון גריכנלאַנד איז אין יולי געווען אין בערלין צו גאַסט בײַ איר ברודער, דעם קיסר. ער האָט געפֿאָדערט גריכנלאַנד, זי זאָל צושטיין צום דרײַבונד, זיך פֿאַרופֿן דערבײַ אויף אַ טערקיש־בולגאַרישן בונד מיט דײַטשלאַנד. וואָס איז נאָך ניט געווען, קאָנסטאַנטין האָט זיך אָפּגעזאָגט צו שטיצן בולגאַריען, זײַן געבטיקן שונא: „אין דעם פֿאַל וועל איך ניט שטיין אויפֿן צד פֿון עסטרײַך קעגן די סלאַוון, ווי עס שטייט אין טעלעגראַם פֿון אײַער מאַיעסטעט".

דער קיסר איז אויסער זיך, אָבער היות ווי קאָמאַנדעווען גייט דאָ ניט אָן, פּרואווט ער זאָגן מוסר: „איך באַטראַכט דאָס פֿאַר זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז שוין דער אָנדענק פֿון דײַן פֿאָטער, וואָס איז געפֿאַלן דורך דער האַנט פֿון אַ מערדער, וועט דיך אָפּהאַלטן פֿון צו שטעלן זיך אויפֿן צד פֿון די סערבישע רוצחים". אויב ניט, סטראַשעט ער אים מיט אָנפֿאַל פֿון די דרײַ פֿאַרבינדעטע, צוגלײַך וועלן איבערגעריסן די פּערזענלעכע באַציאונגען, הגם די שוועסטער איז נאָך אין בערלין. נאָר דער קעניג דערשרעקט זיך ניט און טעלעגראַפֿירט, אַז ער בלײַבט נייטראַל.

אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל — פּונקט ווי אין לאָנדאָן און וואַשינגטאָן — האָט דײַטשלאַנד געהאַט גוטע פֿאַרטרעטערס: נאָר וואַנגענהיים און ליכנאָווסקי האָבן אין יולי 1914 געוואָרנט דעם צענטער, בערנסטאָרף האָט אין 1916 ניט מורא געהאַט אַפֿילו פֿאַר לודנדאָרפֿן, דעם דילעטאַנטישן דיקטאַטאָר. פֿאָן וואַנגענהיים האָט זיך ארויסגעזאָגט קעגן פֿאַרבינדן זיך מיט טערקײַ.

אז בערלין איז צו אים צוגעשטאנען, ער זאָל שליסן א בונד מיט טערקיי, ענטפערט דער דאָזיקער מלוכה־מאן: דער קריגס־מיניסטער האָט אים אפילו אָנגעבאָטן א בונד, ער האָט זיך אָבער דערפון אַרויסגעמאכט, און דערקלערט מיט צווינגענדיקע ראיות, פאַר וואָס. דערויף שרייבט דער קיסר: „באַלבערײ. זאָל ער זי נאָר פאַרבינדן, דאָס איבעריקע וועט רעכט ווערן, זי באָט זיך דאָך אָן דירעקט!!!"

אָט די דאָזיקע נאָטיץ דעם קיסרס, וואָס איז פאַרצייכנט געוואָרן, ניט צו פרעגן בא קיינעם און אָן א ישוב־הדעת, האָט באַשלאָסן די טערקישע פראַגע, ממש ווי אין לודוויג XIV צייטן. וואַנגענהיים האָט דאָס אָנגענומען ווי א באַפעל און האָט אָפּגע־שלאָסן קעגן זיין איבערצייגונג דעם בונד מיט טערקיי, וואָס האָט סוף כל סוף ביידע צדדים קיין גוטס ניט געבראַכט.

דער בונד איז געוואָרן געשלאָסן אַף פיר יאָר, ווי דאָס האַרץ וואָלט זיי געזאָגט, אַז אַף מער וועט בא ביידן קיין כוח ניט קלעקן.

*

זינט יאָרן האָט איטאַליען געהערט צום דרייבונד נאָר אַף פאַרגעלטע פאַפּירן, וואָס זיינען געלעגן איינגעשלאָסן אין דריי אייזערנע שריינק, פאַר קיינעם ניט באַוואוסט. מיט רוסלאַנד און פראַנקרייך האָט זי געהאַט זיך צונויפגערעדט; די שנאה פון דער נאַציע איז געווען געווענדט נאָר קעגן דער פאַרבינדעטער עסט־רייך. זי האָט דעריבער געמוזט זיין אין צווייען אָפּגעהיט. אויב זי האָט געוואָלט ארייַנציען די פאַרבינדעטע אין אירע אַוואַנטיו־רעס. און טאַקע מיט א יאָר פריער האָט ווין אָנגעפרעגט אין רוים, צי זי מעג קעמפן קעגן סערביען. דעמאָלט איז פון רוים אָנגעקומען דאָס זעלביקע „וועטאָ", ווי פון בערלין. סאַן־דזשוליאַנאָ, דער אַלטער, אָפּגעהיטער פירער פון איטאַליען, האָט פונקט ווי דזשאָליטי געוואָרנט פאַר אָט דער „געפערלעכסטער אַוואַנ־טיורע".

— דאָס מאָל טוען מיר דאָס אױף דער אייגענער אחריות, האָבן זיך געקלערט די ווינער גראַפן. נאָר אַלע קונצן פון דער עסטרייכישער דיפּלאָמאַטיע און אַלע אינסטרוקציעס צו די אַמבאַסאַדאָרן האָבן ניט געהאָלפן, און אײדער דער אולטימאַטום איז נאָך געווען אָנגעשריבן, האָט שוין דער איטאַליענישער מיניסטער געקעמפט קעגן אים און האָט דערקלערט דעם דייטשן אַמבאַסאַדאָר, אַז לויט דער מיינונג פון די איטאַליענישע יוריסטן קאָן מען אױף קיין רעגירונג, ממילא אויך אױף דער סערבישער, ניט אַרופוואַרפן די שולד פאַר פּאָליטישער אַגיטאַציע, דערפאַר וועט איטאַליען ניט נעמען קיין אָנטייל, אויב עסטרייך האָט ברעה אַרויסצוטרעטן קעגן סערביען. אויך דער דייטשער מיניסטער האָט מודה געווען, אַז אין סערבישן קאָנפליקט איז דער בונד ניט מחייב איטאַליען צוצושטיין.

דער דייטשער אַמבאַסאַדאָר אין רוים, הער פאָן פלאָטאָוו, אַ שוואַכער און קראַנקער מענטש, האָט פאַרשטאַנען דעם מצב און האָט פון אָנהייב אָן געוואָרנט. דער עסטרייכישער אַמבאַסאַדאָר, הער פאָן מעריי, אויך אַ שלאַפער מענטש, אָבער אַן עקשן און אַ פאַרבלענדעטער, האָט אָפּגעשטופּט אַלצדינג, וואָס וואָלט געקאָנט צוציען דעם פאַרבינדעטן. אַלע די סצענעס האָבן זיך אָפּגעשפּילט על פּי רוב ניט אין רוים, נאָר אין די בעדער, וואו מיניסטאָרן און דיפּלאָמאַטן האָבן זומער זיך אויסגערוט. אָבער שטענדיק פלעגט זיך מאַכן אַזוי, אַז די מיניסטאָרן פלעגן אַנטלויפן קיין רוים, בעת זיי האָבן מורא געהאַט פאַר אַ באַזוך פון די אַמבאַסאַדאָרן, און אַז די דיפּלאָמאַטן פלעגן אָנקומען אין רוים, פלעגן זיי שוין די מיניסטאָרן דאָרט ניט דערוויסן.

אַזוי איז געפּלאַצט דער פּרואוו פון ווין צו זיין העפלעך כמעט אין לעצטן מאָמענט: דער עסטרייכער איז, ווי אין פילם, נאָכגעלאָפן אין אַן אויטאָמאָביל דעם אויסערן־מיניסטער קיין רוים, כדי אים באַקאַנט צו מאַכן מיטן אולטימאַטום צו סערביען מיט אַ טאָג פריער פאַרן איבערגעבן. דער מיניסטער האָט אים ניט געקאָנט אויפנעמען, איז אַוועקגעפאָרן, דערנאָך איז דער עסטרייכער פאַרשלאָפן געוואָרן, און ערשט אויפן אַנדערן טאָג איז אַ

באאמטער פון דער אַמבאַסאַדע אָנגעקומען צום מיניסטער, וואָס האָט שוין לאַנג געוואוסט אַלצדינג.

פאַקטיש איז ניט געווען וואָס צו טאָן: ביידע, דער פּרעמיער און דער אויסערן־מיניסטער, סאַלאַנדראַ און סאַן דזשוליאַנאָ, דער צווייטער אַן אַלטער גוטער פריינט פון דייטשלאַנד. דער ערשטער אַן אינטריגאַן, האָבן דערקלערט: איטאַליען איז נייטראַל, ווייל דער דרייבונד איז נאָר דעפענסיוו. אַף זיך צו פאַרטיידיקן, ווין איז אָבער קעגן בעלגראַד אָפענסיוו. זי פאַלט אָן; אגב, האָבן מיר לויטן אַרטיקל VII פון אָפּמאַך אַ רעכט אַף קאָמפּענסאַציע, ווען עסטרייך זאָל ווערן געשטאַרקט דורך איינגעמען לאַנד אפן באַלקאַן.

האָט די בערלינער רעגירונג גענומען אַרבעטן אַף אַלע כלים, בכדי אַריינצוציען איטאַליען אין קריג, זי האָט גענומען טעגלעך מאָנען בא ווין, זי זאָל עפּעס צוזאָגן איטאַליען, בכדי זי זאָל אַרויסטרעטן, אָבער ווין האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַרעקשנט און טעמפּ. דער דייטש איז אַזוי אומגעדולדיק, אַז ער האָט גענומען אַף זיין אייגענער אחריות ריידן אין רוים מכּח וואַלאָנאַ. נאָר דאָרט האָט מען דאָס מיט ביטול אָפּגעוואָרפן. דער עסטרייכישער אַמבאַסאַדאָר אין רוים האָט געטענעט, אַז מען טאָר קיין זאַך ניט אָנבאָטן, וואָרום דאָס וועט נאָר פאַרגרעסערן די תביעות, און האָט דערביי געבראַכט אַזאַ משל: „דאָס וואָלט געווען, ווי מען זאָגט צו אַ גוטן פריינט, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין דונאַי: איך צי דיך ניט אַרויס; טאָמער אָבער קאַראַפּקעסטו זיך אַרויס מיט די אייגענע כּחות, מוזטו מיר געבן אַ פאַרגיטיקונג“.

אַז הער פאָן מעריי האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין רייסנדיקן שטראָם פונם דאָזיקן משל, האָט אים קיינער פון דאָרט ניט אַרויסגעשלעפּט. ער האָט ניט באַמערקט, אַז עסטרייך האָט פאַרקערט מיטן אייגענעם ווילן זיך געהאַט אַריינגעוואָרפן אין דונאַי און איז געשוואומען קיין בעלגראַד מיט געשרייען: עס איז מיר וואויל אַ מחיה! אַזאַ ספּאָרט האָבן נאַטירלעך געקאָנט פאַרטראָגן נאָר די געטרייע דייטשן. הער פאָן מעריי איז אָבער אַזוי צו-

פרידן, אז ער בעט די ערלויבעניש צו זאָגן אין רוים: „אויב איטאַליען וועט ניט טאָן איר חוב אלס פאַרבינדעטע ביז לעצט, וועלן מיר זיך אויך אָפּזאָגן פון אונזערע התחייבותן און באַטראַכטן איטאַליען ווי אַרויסגעטראָטן פון דרייבונד".

צום שבח פון גראַף בערכטהאלד מוז מען זאָגן, אַז ער האָט ניט אָנגענומען דעם משונהדיקן פאָרשלאַג פון זיין אַמבאַסאַדאָר. ער האָט פאַרקערט מרמז געווען אַף קאָמפּענסאַציעס, טאָמער וועט עסטרייך מיט דער הילף פון איטאַליען עפּעס איינגעמען אַפן באַלקאַן.

אָבער דער דאָזיקער שריט איז געווען פיל צו קליין און פיל צו שפּעט געטאָן, וואָרום בינתים איז ענגלאַנד אַריינגעטראָטן אין דער מלחמה. און מיט אַ קליינעם פלאָט און אַ נאָך קנאַפּערן שוץ פון די ברעגעס האָט איטאַליען זיך ניט געקאָנט אַריינלאָזן אין אַ קריג קעגן ענגלאַנד. סאַן דזשוליאַנאָ האָט, בכן, געפאָדערט משכנות פאַר זיין נייטראַליטעט. אַז ער האָט צולעצט דערמאָנט דאָס וואָרט טרענטינאָ, האָט הער פאָן מעריי אָפּגעהאַקט דעם שמועס מיט די ווערטער:

„אויב איך בין אין משך פון די יאָרן אין אונזערע וויכוחים געוואָרן אַמאָל שאַרף, ניט ווי דער שטייגער פון דיפּלאָמאַטן, פאַריכט איך איצט דעם דאָזיקן פעלער דורכדעם, וואָס איך ענטפער ניט מיט אַ גראָבקייט אַף אייערע ניט דערלאָזלעכע רייד".

מיט דעם דאָזיקן גרויסאַרטיקן זשעסט איז דער עסטרייכישער מלוכה־מאַן אַוועק פון איטאַליען און פריי געלאָזן איר דעם וועג זיך צו פאַרבינדן מיטן צד שכנגד.

און אַז קיסר ווילהעלם האָט געלייענט וויקטאָר עמנואלס דעפּעשע מיט די האַלבע דיבורים, האָט ער ניט נאָר אָנגעשריבן דערויף: „חוצפּה! זשוליקן!", נייערט עס איז אים מיט אַמאָל ליכטיק געוואָרן אין מוח און ער פאַרצייכנט: „די פאַרבינדעטע פאַלן נאָך פאַרן קריג אַראָפּ ווי פאַרפוילטע עפּל! אַ פולקומע מפּלה פון דער דייטשער און אויך עסטרייכישער אויסווייניקסטער

דיפּלאָמאַטיע. דאָס וואָלט מען געקאָנט און געמוזט אויסמיידן". קיין מאָל האָט ווילהעלם דער צווייטער ניט געזען ריכטיקער און ניט גערעדט אמתער.

*

אַז אין בריסל איז געגאַנגען איבער די גאַסן יענע גוואַלדיקע מאַסע, וואָס זשאָרעס רעדע האָט געהאַט אָנגעפייערט, און האָט געשריען: נידער דעם קריג! האָט דער דייטשער אַמבאַסאַדאָר געמאָלדן דאָס קיין בערלין מיט דער הוספה: „אַ רעדע וואָס איבערגעבן איר אינהאַלט איז ניט כדאי".

דער דאָזיקער הער פאָן בעלאָוו וועט מאָרגן קריגן צוגעשיקט דורך אַ קוריער אַ סודותפולן קאָנווערט מיטן באַפעל צו עפענען אים, ווען ער וועט קריגן אַ טעלעגראַם. און אין דער אמתן האָבן די דייטשן ניט לאַנג געפּייניקט דעם פּאַרמשפּטן מיט ספק. דאָס האַרץ האָט אים דאָס שוין לאַנג געזאָגט. זינט יאָרן איז די פּירער פון בעלגיען געווען באַוואוסט גראַף פאָן שליפנס פּלאַן, דורכצומאַרשירן דורך בעלגיען, בכדי איינצונעמען פראַנקרייך. די דייטשן אָבער האָבן דאָס שטענדיק געלייקנט.

מיט דריי יאָר צוריק האָט בעטמאַן דאָס אָפּגעלייקנט אין רייכסטאַג, מיט פּופּצן חדשים פריער יאַגאָוו — אין דער קאָמיסיע. אָבער אַז דאָס בעלגישע קעניגלעכע פּאָר פּאָלק האָט באַזוכט בערלין, האָט ווילהעלם געמאַכט באַם טיש אַזאַ „וויציקע" באַמערקונג מכח דעם ענין, אַז דער מיניסטער האָט נאָך אָפן וואָקזאַל געמוזט באַמיען זיך צו פאַרווישן דעם איינדרוק באַם איבערגעשראָקענעם קעניג, און האָט דאָס ניט געקאָנט. אָט די מעשה, צוגלייך דאָס, וואָס דייטשלאַנד האָט געבויט סטראַטעגישע באַנען, אויך ידיעות פון פראַנצויזישע אַגענטן האָבן געהאַט אַזוי געפעסטיקט דעם גלויבן אין דעם דאָזיקן דייטשן פּלאַן, אַז דער בריסעלער גענעראַל-שטאַב האָט אָפּגערעדט מיטן בריטישן מיליטער-אַטאַשע מכח אַלע הכנות פאַר אַן ענגלישן קאָרפּוס, וואָס דאַרף אַראָפּגעשיקט ווערן קיין בעלגיען באַ אַ דייטשן אָנפאַל. קיין מיניסטאָרן האָבן ניט פאַרהאַנדלט, אין די פּאַפּירן שטייט

כסדר בפירוש: אויב די דייטשן וועלן אָנפאַלן, דאָס, וואס עס רעדט זיך דערביי ניט מכח אַן אַנפאַל מצד פראַנקרייך, באַווייזט גאָרנישט לטובת פראַנקרייך, נאָר מער ניט, אַז אין בעלגיען האָט מען די פראַנצויזן געטרויט.

מיט צוויי דורות פריער איז דאָס געווען פאַרקערט. בכדי ניט צו דערלאָזן, אַז לואי פיליפ זאָל איינעמען בעלגיען, האָט פרייסן פאַרגעשלאָגן די פיר גרויסע מלוכות, אַז מען זאָל גאַראַנטירן אייביקע נייטראַליטעט פאַר בעלגיען, אַזוי ווי פאַר דער שווייץ, אַפן יסוד פון אָט דער נייטראַליזירונג איז בעלגיען געוואָרן אויסגעבויט. צווישן אירע פינף קוואַטערס, וואָס זיינען געשטאַנען בא בעלגיענס וויג, איז פרייסן בעצם געווען דער נאָענטסטער. דער דאָזיקער גאַראַנטיע-אָפּמאַך איז בעצם געווען א מוסטער פון מאָדערנער איינריקונג פאַר די פעלקער פון אייראָפּע.

אָבער וואָס פאַר א באַטרעף האָט דער פייעלעכסטער אָפּמאַך, בעת עס ביים זיך דער אינטערעס — א שטיקל פּאַפּיר! אַזוי האָט געטראַכט נאַפּאָלעאָן III, וואָס האָט געוואָלט האָבן בעלגיען און האָט פאַרגעלייגט ביסמאַרקן די אָנערקענונג פון צפון-דייטשן בונד, אויב ער וועט אים העלפן איינעמען בעלגיען. ביסמאַרק האָט זיך אָפּגעזאָגט און האָט באַהאַלטן די אומפּאָרזיכטיקע פּאַפּירן פון פראַנקרייך. און אַז ער איז אַרויס אין מלחמה, האָט ער זיי אַריבערגעשיקט קיין ענגלאַנד, וואָס איר נייטראַליטעט האָט ער באַדאַרפט האָבן. בא סעדאַן וואָלט א טייל פון דער אַרומגערינגלטער אַרמיי זיך געקאָנט ראַטעווען קיין בעלגיען, נאָר דער גרענעץ איז געווען פאַרמאַכט, און נאַפּאָלעאָן האָט אָנגעוואָרן זיין מלוכה, ווייל אים איז געשטאַנען אין וועג דאָס לאַנד, וואָס ער האָט געהאַט בדעה זיך אויסצופוצן מיט זיינע פענער.

אַז באַם אנהייב פון יענעם קריג האָט דער בעלגישער אַמבאַסאַדאָר געבעטן, אַז פרייסן זאָל אויף דאָס ניי באַשטעטיקן די נייטראַליטעט, האָט ביסמאַרק ניט גערעדט מכח דעם שוץ פון די קליינע פעלקער אָדער מכח אָפּמאַכן מיט שבועות, נאָר ער האָט געענטפערט די ניכטערע ווערטער: „מיך וואונדערט,

אַז אַ מענטש מיט אייער שכל זאָל דאָס קאָנען קלערן אַף מיר, אַז איך וועל זיין אזא מיפש, אריינצוטרייבן בעלגיען אין די אָרעמס פון פראנקרייך".

היינט איז דאָס געווען דער קלאָרער זין פונם פאַרמאַכטן בריוו צום דייטשן אמבאסאדאָר.

לאָנדאָן האָט אָנגעפרעגט גלייכצייטיק אין בערלין און אין פאַריז מכח בעלגיען; פאַריז האָט צוגעזאָגט צו האַלטן דעם אָפמאַך, יאַגאָוו דאָט זיך אַרויסגעדרייט: ער וואלט מיט זיין ענטפער אַרויסגעגעבן די דייטשע סטראַטעגישע פּלענער. דער אַלטער פירנעמער הער דאַווינאָן, אויסערן-מיניסטער פון בעלגיען, שאָקלט צו מיט זיין קאָפּ; זיין אַלטער חשד באַשטעטיקט זיך. ער שיקט זיינעם אַ מענטשן צום דייטשן אמבאַסאַדאָר, בכדי אים צוגעבן אָן אָנצוהערעניש. דער מענטש חזרט איבער פאַרן דייטש די ענגלישע שאלה, די פראַנצויזישע תשובה, איז אויך מוסיף דערצו, אַז דער פראַנצויז וועט היינט פאַרעפנטלעכן דעם דאָזיקן באַשייד אָפיציעל אין דער בריסעלער פּרעסע. דעריף שפאַרט זיך הער פאָן בעלאָוו אָן אַפּן לען פון זיין שטול, קוקט אַרוף — לויט דעם באַריכט — מיט האַלב-צוגעמאַכטע אויגן אַף דער סטעליע און חזרט איבער פינקטלעך ווי אַ פאָנאָגראַף אַלץ, וואָס ער האָט געהערט. דערנאָך לאָזט ער דאַנקען דעם מיניסטער, באַט אָן אַ ציגאַרעט, בכדי צו ענדיקן דעם אָפיציעלן טייל, און זאָגט אין אַ גאַנץ אַנדערן שמועס-טאָן:

„איך בין איבערוקנט פעסט איבערצייגט, אַז בעלגיען האָט נישט וואָס מורא צו האָבן פאַר דייטשלאַנד. מיר וועלן געוויס אָפּגעבן די זעלביקע דערקלערונג".

אין שלאָס, אין מיניסטעריום, אין דער הויפּטשטאָט איז מען צעטראָגן; דאָס גאַנצע לאַנד איז פול שרעק, ווי פאַר אַ געוויטער. דערשראָקן פרעגט מען זיך: ווי איז דאָס געווען מעגלעך, וואָס מיר האָבן געלאָזט נאָך ליגן אַף יענער זייט די פעסטונג-טיילן, וואָס מיר האָבן געהאט באַשטעלט בא קרופּן און וואָס זיינען שוין לאַנג געווען געליווערט, נאָר ווייל אונזערע ערד-

אַרבעטן זיינען נאָך ניט געווען פּאַרטיק? וואָס פאַר א ראָן־קיכאָטעריי!

קעניג אַלבערט, שטיל, פאַרזיכטיק, קלוג, פון מוטערס צד א האָהענצאָלער, מיט אינטערעס פאַרן שיף־בוי, בערג־טוריסטיק, רייזן, קאָנגאָ, נטיה צו מאָדערנער קונסט, סען סאַנס, סעזאַר פראַנק; די קעניגין, שיין ווי א סך פירשטינס פון בייערן, טאָכטער פון בכבודיקן הערצאָג קאַרל טעאָדאָר, וואס איז געווארן א דאָקטאָר לויטן באַרוף און האָט פון רחמנות וועגן אויסגעהיילט טויזנטער אָרימע לייט: בײַ אָט דעם פּאָרפּאָלק, וואס האָט דריי ביז פיר דורות פון דייטשן יחוס, הערשט איידלקייט, איינגעהאַלטנקייט און יענע מישונג פון גאַלישער מיט דייטשער קולטור, וואָס איז בכלל כאַראַקטעריסטיש פאַר דער געשיכטע און פאַר דער לאַגע פון לאַנד. איצט שרייבט דער קעניג צום קיסר א זייער לאָיאַלן בריוו אויף דייטש מיט „דו", בכדי צו דערמאָנען אים אָן זיינע פיל הבטחות.

אין דעם זעלביקן טאָג ווי נעכטן רעדט דער דייטשער אַמבאַסאַדאָר דעם צווייטן טאָג צום מיניסטער, צו דער פּרעסע. אום דריי באַווייזן זיך אין „סאָאַר" זיינע ווערטער. „דער דאַנק פון אייערע שכנים וועט אפשר ברענען, אייער אייגן הויז וועט אָבער זיכער זיין".

ווען די דיפּלאָמאַטן ווערן פּאַטעטיש, טרעפט אַלע מאָל בײַ זיי אַן אומגליק. גאַנץ בריסעל האַלט זיך פאַרן דאָזיקן זאַץ. אין דריי שעה אַרום ווייס אים איטלעכער קינד אינעם קליינעם לאַנד. צוגלייך א ידיעה: דייטשן זיינען אַריינגעדרונגען אין לוקסעמבורג. בריסל אָטעמט אויף: איצטער באַדאַרפן זיי ניט אונזער פראַנט!

פּלוצים, פאַרנאַכט צו, באַווייזט זיך בעלאָוו ווידער אין מיניסטעריום. מיט דריי שעה צוריק האָט ער געקראָגן דעם באַפעל צו עפענען דעם סוד. ער לייענט און איז ניט נשתומם. מען האָט אים געהייסן זאָגן, אַז ער האָט דעם אולטימאַטום אַקאָרשט געקראָגן. ער פאָרט אַריבער און גיט איבער זיין נאָטע.

דער בעלגיער לייענט: היות ווי מיר האָבן א באַשטימטע ידיעה, אַז די פראַנצויזן וועלן „אָן ספק" דורכמאַרשירן דורך בעלגיען צו דער מאַס. און מיר האָבן מורא, טאָמער וועט בעלגיען אַליין ניט זיין בכח זיך אַנטקעגנצושטעלן, בכן געפינט זיך דייטשלאַנד אין סכנה און מוז זיך באַשיצן קעגן אַנפאַל, דעריבער מוז זי „אויך פון איר זייט אַרויסטרעטן אויפן בעלגישן געביט". בלייבט דערביי בעלגיען אין גוטגינציקער נייטראַליטעט, ווערט איר צוגעזאָגט לאַנד אויפן חשבון פון פראַנקרייך. אויב זי וועט זיך האַלטן פריינטשאַפטלעך, וועט דייטשלאַנד צאָלן פאַר אירע סאָלדאַטן און דעקן יעדער שאָדן, טאָמער וועט זי זיין פיינטלעך, וועט זיין קריג. אין פיר און צוואַנציק שעה מוז זיין אַן ענטפער.

דער בעלגיער, וואָס איז נאָר נשתומם איבער דעם טאָן און דער באַגרינדונג, שווייגט; דערנאָך זאָגט ער מיט שטייגנדיקן ברוגז: „מיר האָבן זיך געריכט אויף וואָס איר ווילט, נאָר ניט אויף דאָס, עקסעלענץ! דייטשלאַנד, וואָס האָט געמאַכט דעם אָנשטעל פון א גוטן פריינט, וויל אונז היינט אָנבינדן א מיאוסע ראָלע!"

דער מיניסטאָרן־ראַט זאָגט איינשטימיק ניין. איינאַוונט און באַדערנאַכט דריי זיצונגען אין שלאָס ביז פיר אַזייגער אינדערפרי: איינשטימיקער באַשלוס זיך אַנטקעגנצושטעלן. אין דער זעלביקער נאַכט האַלב צוויי קומט דער דייטשער אַמבאַסאַדאָר אין בריסעלער אויסערן־מיניסטעריום, בכדי צו לאָזן וויסן: פראַנצויזישע פליערס האָבן געוואָרפן באָמבעס, קאַוואַלעריע איז אַריבער דעם גרענעץ, גאָר אָן א קריגס־דערקלערונג!"

„וואו האָט דאָס געטראָפן, עקסעלענץ?"

„אין דייטשלאַנד, הער באַראָן!"

„דעמאָלט ווייס איך ניט, פאַר וואָס איר האָט זיך דאָס מטריח געווען צו קומען אַהער באַ־נאַכט, בכדי צו מעלדן דאָס אין בריסל".

„בכדי איר זאָלט אַרויסדרינגען פון דעם דאָזיקן פאַרברעך קעגן פעלקער־רעכט, אַז פראַנקרייך וועט טאָן נאָך אַזעלכע מעשים".

די דאָזיקע גראַטעסקע נאַכט־סצענע איז געווען דער לעצ־טער אָפיציעלער אַרויסטרעט פונם דײַטשן אַמבאַסאַדאָר אין בריסל. א שעה שפּעטער קלינגט אָן דער פראַנצויז אין מיניסטעריום: „עס מיניען זיך ליכטלעך אין הימל! אָן ספק דײַטשע לופטשיפן!" דער פראַנצויז פיבערט: עס זײַנען שטערן, אָבער אַז זיי מיניען זיך, גלויבט איטלעכער אין דער דאָזיקער נאַכט. פראַנקרײַך באַט אָן באוואָפנטע הילף. מען דאַנקט און בעט נאָר דיפּלאָמאַטישע הילף, בכדי אָפּצונעמען באַם דײַטש יעטווידע אויסרייד. מען טעלעגראַפירט אויך קיין ענגלאַנד און מען בעט — צו „אינטערווענירן".

דערווײַל איז 7 אַזייגער אינדערפרי אָפּגעלאָפן דער דײַטשער אולטימאַטום. ערשט מיט 23 שעה שפּעטער דערקלערט דער דײַטשער אַמבאַסאַדאָר, אַז דײַטשלאַנד וועט, „אויב עס וועט זײַן נויטיק, אַרויסטרעטן מיט געווער". מיט דריי שעה שפּעטער ווערן די ערשטע דײַטשע מיליטער־טײַלן באַשאָסן פון בעלגישע זשאַנדאַרמען בײַ געמעניך.

גלײַכצײַטיק קריגט דער דײַטשער אַמבאַסאַדאָר א נאָטע און זײַן האַר א טעלעגראַם: „איך האָב דעם כבוד צו לאָזן וויסן אײַער עקסעלענץ, אַז די קעניגלעכע רעגירונג קאָן פון הײַנט אָן מער ניט אַנערקענען אײַך דעם דיפּלאָמאַטישן כאַראַקטער און רייסט איבער אַלע אָפיציעלע באַציאונגען". דער קעניג טעלעגראַ־פירט הײַנט צום קיסר, אין מוסטערהאַפטער האַלטונג:

„די פרײַנטשאַפטלעכע געפילן וואָס איך האָב אַרויס־געוויזן צו אײַער מאַיעסטעט און וואָס איר האָט מיר אָפּט פאַרזיכערט אין זיי... האָבן מיר ניט געלאָזט משער זײַן אפילו א מינוט, אַז אײַער מאַיעסטעט וועט אונז צווינגען צום גרויזאַמען אַנטשייד, אויסצוקלײַבן פאַר די אויגן פון גאַנץ אייראָפּע צווישן מלחמה און שאַנד, צווישן געטריי־שאַפט און ביטול צו אונזערע אינטערנאַציאָנאַלע התחייבותן.

אלבערט."

צוועלפטער קאפיטל.

די וואג־שאל.

אין א זומפּ זיינען געווען אופגעשטעלט די בונדן פון דער אלטער איראפּע. איטלעכער האָט געזוכט נאָר אריינצוציען דעם אנדערן, געלאָקערט, צי וועט ער נאָר א טריט מאָן, וואו מען טאָר ניט. און דערנאָך באַלד געשריען גוואלד: דער רויבער האָט פאַרטשעפּעט מיין גרענעץ! העלפט! די קריסטלעכע מאָראל האָט פאַרבאָטן איטלעכן אנפאַל, דערפאַר האָט מען שטענדיק געמוזט מאַכן דעם אנשטעל, אז מען פאַרטיידיקט זיך; בכדי מחייב צו זיין דעם פאַרבינדעטן, האָט איטלעכע גרופּע געוואַרט אפן אנ־פאַל פונם צד שכנגד.

אויך די פעלקער גופא, וואס האָבן באַדאַרפט די מלחמות אויסקעמפן און אויסליידן, קודם כל די אונטערשטע קלאַסן, האָט מען געקאָנט אופוועקן נאָר דורך דער איבערצייגונג, אז מען פאַלט אף זיי אָן. בכן האָט איטלעכער געסטאַרעט זיך צו ברייג־גען דערצו, אז דער צווייטער זאָל אָנפאַלן. אַזוי וואָלטן זיי גע־קאָנט האַלטן איינע די אנדערע אונטער שאַך וואכן לאַנג, ביז עס וואָלט זיך אפשר אופגעכאַפּט בא וועמען דער שכל.

איז אָבער ארויסגעשפּרונגען דער ווילן פון די גענעראַלן און זייערע הויפּטשטאַטישע פּאַלאַצן און אריבער ווי א פונק צו די פאָדערשטע פּאָסטנס בא די גרענעצן. וואָס האָבן שוין קיין גע־דולד ניט געהאַט זיך איינצוהאַלטן. אומעטום זיינען ארומגעגאַנ־גען פּאַטרולן צו 5, צו 20 מאַן, וואָס האָבן ארומגעגנישטערט ארום די גרענעצן, א טייל פון די „גרענעץ־אריבערטרעטונגען“, וואָס אף זיי האָבן זיך באַגרינדעט די קריגס־דערקלערונגען, האָבן געקאָנט זיין אמת; די וואָס זיינען געווען אויסגעקלערט, האָבן געקלונגען קרוב לאמת און האָבן אין א פּאָר שעה ארום טאַקע געקאָנט ווערן אמת אויך. ס'איז ניט כדאי צו פּטרן די צייט בכדי ארויס־צוקריגן פון די דאָקומענטן דעם אמת, ווער עס האָט אנגעהייבן. מחמת איטלעכער פון די צדדים האָט זיי שפּעטער צורעכטגע־מאַכט, בכדי צו באַווייזן זיין אייגענע אומשולד. וויכטיק איז אָבער

דער מיין פון די פירערס הינטן, דער לייכטזין פון די פּאָסטנס פון פאָרנט און די באַהאַלטענע כוונות פון די אָפּמאַכן, וואָס ביידע האָבן דערויף זיך סומך געווען.

אַלע שטאַבן פון אייראָפּע האָבן איצט אויסגעקלערט איבערטרעטונגען פון גרענעץ, בכדי צו שטופּן די דיפּלאָמאַטן. פונקט ווי בערכטהאָלד האָט אויסגעקלערט די סערבישע שיפּן, וואָס האָבן געשאָסן אַפן עסטרייכישן מיליטער, אַזוי האָט דער דייטשער גענעראַל־שטאַב פאַרצייכנט אַן אָנפאַל פון די רוסן בא יאָהאַניסבורג: „דערמיט האָט רוסלאַנד אָנגעהייבן דעם קריג קעגן אונז", האָבן די דיפּלאָמאַטן געהייסן שרייבן די צייטונגען. א פירער פון א קליינעם מיליטער־טייל איז טאַקע געווען איבער דעם גרענעץ, ניט צו וויסן, אַז דייטשלאַנד האָט בינתים דערקלערט קריג.

וויכטיקער איז געווען פאַר פראַנקרייך צו זיין די אָנגעפאַלענע: ניט נאָר די סאָציאַליסטן, נייערט אויך זייערע קעגנער, די באַנקירן, האָבן ניט געהאַט בדעה צו גיין זיך שלאָגן פון צאַרס כבוד וועגן; חוץ דעם, האָט מען געמעגט רעכענען אַף ענגלאַנד נאָר אין דעם פאַל ווען דייטשלאַנד פאַלט אָן. איזוואָלסקי, דער העלפער פון די פראַנצויזישע קריגס־מאַכערס, דערציילט אין זיינע מעלדונגען, וואָס די רוסישע רעוואָלוציע האָט זיי שפּעטער אויפגעדעקט, א סך סודות. דער פראַנצויזישער קריגס־מיניסטער זאָל האָבן ציניש אויסגעטייטשט דעם רוסישן מיליטער־אַטאַשע: „מיר קאָנען דאָך רואיק דערקלערן, אַז צוליב די העכסטע אינטערעסן פון שלום זיינען מיר גרייט צו פאַרפּאַמעלעכן צייטווייליק די מאָביליזאַציע, אָבער דאָס באַדאַרף אונז ניט שטערן צו מאַכן ווייטער אונזערע הכנות און אַפילו צו פאַרשטאַרקן זיי, אַבי מיר זאָלן נאָר קיין מאַסן־טראַנספּאָרטן ניט דורכפירן". און אַז די דייטשן קומען טאַקע, דעמאָלט טעלעגראַפירט איזוואָלסקי מיט שמחה צו זיין שעף:

„די דייטשן טרעטן אריבער אין קליינע אָפּטיילונגען דעם גרענעץ, דאָס וועט געבן דער רעגירונג די מעגלעכקייט צו דערקלערן דעם פאַרלאַמענט, אַז עס איז געמאַכט געוואָרן אַן אנפאַל

אַף פראנקרייך. דער דײַטשער אריינמאַרש אין לוקסעמבורג ווערט דאָ באַטראַכט פאַר זייער גינסטיק, וואָרום ער וועט באַשטימט ארויסרופן אַ פּראָטעסט מצד ענגלאנד און אופוועקן זי צו מעשים. נאָך מער וועט ענגלאַנד דערפילן, אויב בעלגיען וועט ווערן פארטשעפּעט, און דערין גלויבט מען דאָ". א טייוולאָנישער דאָקומענט, וואָס אנטפּלעקט דעם ציניזם פון יענע קרייזן פון אייראָפּע!

די דײַטשן האָבן אין דעם פּרט קיין מזל ניט געהאַט: זיי האָבן דערציילט וועגן „פאַרשיידענע פּונקטן" וועגן פּרוּוון צו צעשטערן באַנען בא וועזעל, נאָכדעם אין ריינלאַנד; צוגלייך האָט מען געשמועסט וועגן בריוו־טויבן, וואָס זיינען בא באַזעל אריבערגעפלויגן דעם גרענעץ, און אַף איבערגעטאָנע פראנצויזישע אָפיצערן, וואָס זיינען בא וואלבעק אַריבער דעם גרענעץ אין אויטאָס. באַזונדערס האָט מען אין די אויטאָס געזען א חטא; איינעם זאָל מען האָבן געכאַפּט, נאָר ער האָט זיך אַרויסגעריסן און איז אַנטלאָפן קיין האָלאַנד; אזוי האָט מען געמאָלדן קיין לאָנדאָן, די מעשה מיט די באָמבעס, וואָס פראנצויזישע פליערס זאָלן האָבן געוואָרפן אַף דער באַן־ליניע בא נירנבערג, האָט מען שפּעטער אָפּגעלייקנט. אין רוים האָט מען געמאָלדן מכח פראנצויזישע דאָקטוירים, וואָס האָבן אָפּגעסמט ברונימער בא מעץ מיט כאָלערע־באַצילן. אין מיטן אָט דער מהומה און דער שרעק וואו מען האָט געזען הימל און ערד פול מיט שונאים, האָט נאָר דער פּאָליציי־דירעקטאָר אין שטוטגארט באַהאַלטן זיין הומאָר; ער האָט געמאלדן: „וואלקנס נעמט מען אָן פאַר פליערס, שטערן פאַר לופט־שיפן, וועלאָסיפּעד־שטאַנגען פאַר באָמבעס."

אַן אנדער וועג איז געשטאַנען אָפן. דורך דער העכסטער פארזיכטיקייט און דער איינזייטיקייט פון דער מאָביליזאַציע וואלט מען געקאָנט שטאַרקן אין פאריז די מעכטיקע שטימונג קעגן קריג. פראנקרייך האָט די איינציקע צווישן די אלע לענדער, וואָס זיינען געווען פארמישט אין סיכסוך, געהאַט אָפּגעצויגן איר מיליטער אַף 10 קילאָמעטער פון גרענעץ; דאָס איז געשען אונטערן דרוק פון די סאָציאַליסטן, אָבער עס האָט מער געהאַט מילי=

טערישע מאָטיוון. אבער דעם אריינטריט פון פראנקרייך אין קריג האָט מען געקאָנט נאָך פארהאַלטן.

*

אין פאריז האָט דער דייטשער אַמבאסאדאר זיך באַגעזעגנט מיט דער ראלע פון א קוריער, מער ניט וואָס ער האָט די „באפוילענע נאָטעס" ניט איבערגעגעבן פארמאכטערהייט. אף זיין אָפיציעלער פראגע מכח דער נייטראליטעט פון פראנקרייך האָט ער געקראגן דעם אפיציעלן ענטפער: זי וועט טאָן „לויט אירע אינטערעסן".

אפן צווייטן טאָג האָט וויוויאני באצייכנט די האלטונג פונם אַמבאסאדאר פאר אויסערגעוויינטלעך און זיין פראגע ווי א סטראַשונעק, און האָט געווארט, צי יענער וועט איצט ניט פאָדערן זיינע פעסער. האָט יענער געזאָגט: „איך בין גרייט צו פארן".

דעם זעלביקן טאָג טעלעגראפירט קאמבאן פון בערלין קיין פאַריז: היות ווי די טעלעגראפישע פארבינדונג מיט בערלין איז געשטערט, מוז ער ארויסטרעטן „זעלבשטענדיק. ער האָט אבער בדעה ניט צו פארלאנגען זיינע פעסער, נאָר ערווארט ביז מען וועט אים הייסן פאָרן. ביידע אמבאסאדארן זיינען זיך באגאנגען לאָגיש לויט דער נאַטור פון זייערע בונדן: ביידע האָבן געוואָלט, מען זאָל זיי טרייבן, בכדי זיי זאָלן קענען שרייען גוואלד.

דערוויל גייט די מאָביליזאציע, אין פאריז פון 3 מיט 40 מינוט, אין בערלין פון 5. אויך מכח דער דאָזיקער צייט האָט מען זיך שפעטער געאַמפערט, און איטלעכע נאַציע האָט געוואלט זיין די לעצטע. אָבער היות ווי אַלץ איז געווענדט אין די אי־געוויניקסטע כחות, און ניט אין ווייזער פון זייגער, דעריבער מעג מען אויך דאָ דערקלערן מיט סאזאָנאָווס איראניע: „לאָזט צו רו די כראָנאָלאָגיע!"

ווי דער דייטשער אמבאסאדאר ווארט אַזוי מיט געפאקטע טשעמאָדאַנעס, פאלט אריין אַ בערלינער דעפעשע: א הפלאריקער

פארשלאג פון דייטשלאנד: אויב פראנקרייך וועט בלייבן נייטראל, דעמאָלט וועלן די דייטשן אָף איר ניט אָנפאלן, אָבער פאר אַן ערבות מוזן זיי פארנעמען די פעסטונגען טול און ווערדען. אויב די זאָגסט מיר צו, אַז די וועסט אָף מיר ניט אנפאלן, בעט איך שלאג זיך ארום מיט דיין גוטן פריינט, מוזטו מיר נאָך דערפאר אוועקגעבן דיין ביקס.

דאָס דאָזיקע געווער האָט נאָך אויסגעפעלט דעלקאַסע, וואָס האָט טאַקע באלד איבערגענומען דאָס אויסערן־מיניסטעריום, ווי עס האָט אים געקומט אין א קריג מיט דייטשלאַנד.

צולעצט האָט דאָך איינער געמוזט מאַכן דעם ערשטן שריט, און דאָס איז געווען ניט מאָלטקע אָדער פאָ, ניט קאַס־טעלנאָ אדער טירפיץ. דאָס איז געווען א קליינער גענעראל אין בערלין, וואס האָט געדארפט זיין דער שעף פון דער פאָליציי און האָט געטראָגן דעם גרויסארטיקן טיטל: אויבערקאָמאַנדיר אין די מארקן. ער האָט געלאָזט וויסן אין אויסערן - מיניסטעריום: „היות ווי עס איז זיכער באַוויזן געווארן, אז די פראנצויזן זיינען אריבער דעם גרענעץ, בכן מוז מען אָננעמען קעגן דער פראנ־צויזישער אַמבאַסאַדע און די פראנצויזן אין בערלין די זעלביקע מיטלען, וואָס עס זיינען אָנגענומען געווארן קעגן דער רוסישער און קעגן די רוסן". דעמאָלט האָט יאגאָוו אליין גענומען זיין רויטע פען און האָט ארופגעלייגט א רעזאָלוציע: „וואס זיינען דאָס פאר אַ מיטלען! מיר געפינען זיך נאָך ניט אין קריגס־צו־שטאַנד, די דיפלאמאַטן זיינען נאָך אקרעדיטירט".

ווארום אויך די דאָזיקע קריגס־דערקלערונג איז שווער גע־ווען צונויפצושטעלן: אָנצוכאַפּן זיך פאר דער אומקלאָרער תשובה פון פראנקרייך האָט ניט געפאסט, האָט מען גענומען די מעשיות מיטן אריבערגעטראטענעם גרענעץ און מיט די נירנבערגער באָמ־בעס. דאָס האָט אפילו דער געדולדיקער טעלעגראף צווישן בער־לין און פאריז ניט געקאָנט אריבערטראגן, און אַז די דעפעשע איז אָנגעקומען קיין פאריז, האָט מען זי ניט געקאָנט פאנאנ־דערקלייבן.

פונדעסטוועגן האָט הער פאַן שוין זיך אָנגעשטויסן, אַז עס גייט מכּח אַ קריגס־דערקלערונג. און ער האָט זי אויסגעבויט מיטן אייגענעם שכל. און נאָכמיטאָג האָט ער דערלאַנגט די דערקלערונג הער וויוויאַני; צווישן אַנדערע מאַטיוון האָבן אויך פיגורירט די נירנבערגער באָמבעס. וואָס קורץ, נאָכדעם ווי די דעפּעשע איז אָפּגעשיקט געוואָרן, האָט דער פּרייסישער פאַרשטייער אין מינכן אָפּגעלייקנט זייער עקסיסטענץ.

אויף אָט דעם משונהדיקן יסוד האָט זיך אָנגעהייבן דער „דייטש־פראַנצויזישער קריג".

*

נאָך אַלץ האָט בריטאַניע געהאַלטן די וואָגשאָל אין האַנט. אָבער די אויגן זיינען שוין בײַ איר ניט געווען פאַרבונדן, נאָר זיי האָבן אַרויסגעלוגט מיט די שאַרפסטע גלעזער אין קאָנטינענט אַרײַן, בכדי אויסצוקוקן, וואו עס זיינען פאַראַן מער שאַנסן.

אין דייטשלאַנד האָבן די אַלטדייטשן, לכל הפּחות אין ציוויל, געהאַט אַזעלכע פאַרשטעלונגען: „אַ קליינע דייטשע מיליטער־אָפּטיילונג איז גענוג, בכדי צו פאַרשטאָפּן דעם מויל די העלדן אויף יענער זייט קאַנאַל... נאָר אַ דיוויזיע באַדאַרפן מיר אַריבערוואַרפן, און ענגלאַנד איז געעקט." די בערלינער דיפּלאָמאַטן פון זייער זייט האָבן געהאַט אַזאַ געפיל: פאַלש. פול קנאה־שנאה, אָבער דאָך גאַנץ ווייט אין מיטן וואַסער און באַווייזט אפילו ניט צו קומען מיט די פּאָר טויזנט געדונגענע זעלנער. איידער מיר זיינען אין פּאַריז; און בכלל מענטשן, וואָס ווילן בײַ אַלץ פאַרדינען, און וועלן דערפאַר בלייבן נייטראַל. נאָך צולעצט, אַז גריי האָט געלאָזט אָנזאָגן, אַז ווין און פּעטערבורג מוזן וואָס גיכער דעמאָבליזירן, אַניט איז אַלץ פאַרפאַלן, מיינט צימערמאַן, אַז ליכנאָווסקי וויל זיך נאָר זיכערן מיט זיינע התראות, בכדי ניט געשטרויכלט צו ווערן, אַזוי ווי פּורטאַלעס. און אין לעצטן מאָמענט וועט ער אַרויסשטעלן, אַז די באַרואיקונג פון ענגלאַנד איז דאָס זיין אופטו, בכדי צו קריגן אין דעם קיסרס אויגן דעם פּנים פון

א גרויסן מלוכה־מאן און צו ירשען בעטמאַנס שטול. ליכנאָווסקי, וואָס זיינע שונאים אין דער אמבאַסאַדע האָבן פאַנאַנדערגעטראָגן אַזעלכע רכילותן, האָט זיך דאָס דערוואוסט און האָט געזאָגט: „דאָס איז שטומס קויל!" סקעפּטישער זיינען געווען די גענע־ראַלן. שוין שליפן האָט זיי געלערנט, אז מען מוז זיך רעכענען מיט ענגלאַנדס איינשטעל. דעם קיסר האָט די שנאה פאַרבלענדט די קורצזיכטיקע אויגן. היות ווי ער איז פּערזענלעך געווען פאַר־אינטערעסירט אין פלאָט און אין קאָלאָניעס, האָט ער שטענדיק געטראַכט, ווי אזוי קומט מען דורך מיט דער דאָזיקער דינאַסטיע און היות ווי אלע האָבן געהאַלטן, אז אין ענגלאַנד קאָן מען אַלץ קויפן, בכן האָט מען אין פּאָטסדאַמער קרוינראַט דעם 29־טן געדערעדט נאָר מכח דעם מקח. און מען האָט מיטגעגעבן דעם קאַנצלער פאַר די דאָזיקע „הענדלער" אַן אָנבאַט.

קריגערישער געשטימט האָט בעטמאַן זיך אומגעקערט אין אויטאָ קיין בערלין: עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו מאָביליזירן, אָבער זיך נאָך אָפּצוהאַלטן. בעטמאַן האָט אָבער אליין געהאַט געשריבן, אַז „מאָביליזאַציע מוז ניט אַנדערש ציען נאָך זיך מלחמה". עס איז געווען שפּעט, ער האָט געהאַט פאַרבעטן צו זיך סער עדוואַרד גאָשן נאָך אַף 10 אזייגער.

— וועט ער עס נאָך היינט אַרויסריידן, דאָס געוואָרנטע וואָרט? האָט געטראַכט דער ענגלענדער, אַרופגייענדיק אַף דער הויכער טרעפּ צום קאַנצלער. נאָר וואָס האָט ער געמוזט הערן: „מיר האָבן אייך געוואָלט מאַכן אַזאַ פאָרשלאַג פאַר דער ענגלישער נייטראַליטעט אין פאַל פון א קאָנפליקט".

— פלוצים, באַנאַכט, אָן זאַנדירונג, און באַלד מיט א טאָפּל־פּונקט? טראַכט גאָשען.

„ערשטנס, וואָלטן מיר צוגעזאָגט, ניט צוצונעמען בא פראַנקרייך קיין לאַנד, אין פאַל ווען מיר וועלן זיגן", האָט גע־זאָגט בעטמאַן.

„איז דאָס גילטיק אויך פאַר די קאָלאָניעס?"

„דאָס קאָן איך ניט צוזאָגן", האָט געזאָגט בעטמאַן א דער־שראָקענער, וואָרום דערפון איז גאָרנישט געשטאַנען אין פּאָטס־

דאַמער אָנבאָט. „צווייטנס, וואָלטן מיר געשוויגט האָלאנד, כל זמן עס וועלן דאָס טאָן די אַנדערע".

— איצט וועט ער מיר באַלד אָנבאָטן די אומבאַרירלעכקייט פון טיבעט, טראַכט גאָשען; נאָר בעטמאַן רעדט ווייטער:

„וואָס איז דריטנס שייך בעלגיען, וואָלט עס געווען אָפּגעהאַנגען פון פראַנקרייך, צי דייטשלאַנד וואָלט געווען געצוואונגען, דאָרט אַריינצומאַרשירן. בכל אופן וואָלטן מיר גאַראַנטירט די גאַנצקייט פון בעלגיען נאָך דער מלחמה, אויב זי וועט ניט פירן מלחמה קעגן אונז".

— אַ חלום, טראַכט גאָשען, דאָס קאָן בשום אופן ניט זיין דער קאַבינעט פון דייטשן קאַנצלער. נאָר ער טוט זיך אָן א כוח און זאָגט: „איך גלויב ניט, אַז ענגלאַנד קאָן איצט געבן הבטחות. אָבער איך וועל אייער פאָרשלאָג איבערגעבן אין לאָנדאָן".

אין 36 שעה אַרום האָט דער ענגלענדער געבראַכט גרייט תשובה. אַז בעטמאַן הערט זי אויס, בלייבט ער שטיין א דערשראָקענער, אָבער ער פרואווט ניט צולאָזן דערקענען זיין שרעק: „איך בין איצט פאַרוואָרפן מיט אזוי פיל ערנסטע אַרבעט, אזוי אז איך מוז בעטן מיר צו דערלאנגען די תשובה שריפטלעך".

דער ענגלענדער האָט געהאלטן די פראגע מכח ענגלאנדס נייטראַליטעט פאר ערנסט גענוג, בכדי מיטצובריינגען די נאָטע; ער גייט און לאָזט זי איבער. ענגלאנד זאָגט זיך אָפּ, ווייל פראנקרייך קאָן ווערן אָפּגעשוואַכט, אפילו ווען זי זאָל ניט אָנווערן קיין לאַנד: „באַזונדערס אָבער, ווייל אָט דער האַנדל מיט דייטשלאנד אפן חשבון פון פראַנקרייך באַטייט פאר אונז א שאנד, וואָס פון איר וועט ענגלאַנדס גוטער נאָמען קיין מאָל זיך ניט קאָנען אָפּוואַשן. דער הער אימפעריע-קאנצלער פארלאנגט ווייטער פון אונז, אז מיר זאָלן זיך לאָזן אָפּהאַנדלען אַלע התחייבותן און אינטערעסן, וואָס מיר האָבן בנוגע דער נייטראַליטעט פון בעלגיען, דאָס איז אַן אָנמוטונג, וואָס מיר מוזן אָפּוואַרפן".

בעטמאן דרייט דאָס בלאַט אַהין און אַהער. איז דאָס סוף כל סוף גאָר ניט געווען קיין מייסטער־שטיק?

*

טשערטשיל איז גליקלעך. אומעטום גייט ער אַרום אין לאָנדאָן מיטן דייטשן אָנבאָט, צי עס לוינט ניט פירן מלחמה מיט אַזעלכע מענטשן. נאָר אַלע היטן זיך נאָך אָנצונעמען א החלטה, ווייל דער מאַן פון גאַס איז ניט קיין פריינט פון די סערבן און ניט קיין פריינט פון באַלקאַן, און די ליבעראַלע צייטונגען שרייבן נאָך אַלץ, אונז גייט דער עסק ניט אָן.

צו ללאָיד דזשאָרדזש זיינען שוין מיט עטלעכע טעג פאַר יענעם בערלינער אָנבאָט געקומען פירערס פונם גרויסן האַנדל און פון דער בערזע און האָבן געפאָדערט נייטראַליטעט אין נאָמען פון זייערע קרייזן: אפילו א זיגרייכע מלחמה וואָלט זיי בדלות געשטעלט. בלייבן זיי אָבער נייטראַל, וועלן זיי סוף כל סוף די באַנקירן פון אייראָפּע. אַז זיי זיינען אַוועק, האָט ללאָיד דזשאָרדזש ווידער גענומען טראַכטן פריינטלעכער וועגן די דייטשן און האָט גריי אופסניי געשטאַרקט. אָבער איצט, נאָך בעטמאַנס אָנבאָט?

היות ווי גריי וואוינט איצט גראָד בא לאָרד האָלדיין, האָט מען געלייענט אין די בלעטער, אַז צו האָלדיין פאַרפאָרן איצט דיפּלאָמאַטן, בכן איז ער איצט דער בעל־דעה. אין דער אמתן האָט אַפילו קאַמבאָן, וואָס פלעגט צוויי מאָל אַ טאָג זיך מעלדן באַ גרייען און, פונקט ווי דער פּעטערבורגער, מאָנען באַ אים, ער זאָל אָננעמען א באַשלוס, ניט געקאָנט פועלן.

„איז שוין געקומען דער מאָמענט?“ פרעגט קאַמבאָן און דערשטיקט אין זיך א זיפץ.

„ער וועט קומען, ווען דייטשלאַנדס שטעלונג וועט זיין אינגאַנצן קלאָר“, זאָגט גריי אומבאַשטימט און גייט אַף דער זיצונג פון קאַבינעט. היות ווי ער געפינט דאָרט קווינקלדיקע שטימונגען,

טעלעגראפירט ער פון דאָס ניי צו גאָשענען: „נאָר געווינען צייט, אַז קיינער זאָל ניט אָנהייבן זיך שלאָגן". אין זיינע בעסטע רגעים גלויבט ער נאָך אין אַלגעמיינעם שלום; ער סטאַרעט זיך אים אויפצוהאַלטן פאַר יעדער פרייז. וואָרום ער האָט פיינט מלחמה און האָט ליב ענגלאַנד.

— פאַר וואָס בין איך ניט געווען שטאַרקער, טראַכט ער צייטנווייז. וואָס האָב איך פון אונזער יורידישער פרייהייט! מיר זיינען דאָך פאָרט מאָראַליש געבונדן! אַף וואָס ער האָפט אין יענע טעג און פאַר וואָס ער האָט מורא, איז א שפּאַלטונג אין קאַבינעט.

זיין אינעווייניקסטער אומרו וואַקסט אין יענע טעג, ער דערקלערט אָפן זיין מאָרגעדיקן קעגנער, דעם אַמבאַסאַדאָר פון עסטרייך: „מען רעקאָמענדירט מיר צוויי אַנטקעגנדיקע וועגן: זיך צו שטעלן אָן טענות אפן צד פון רוסלאַנד און פראַנקרייך, און דורך דעם קאָן פאַרהאַלטן ווערן דער קריג. אָדער צו דערקלערן ענגלאַנד נייטראַל באַ אַלע אומשטאַנדן: דאָס אָבער וואָלט דאָך אויך ניט אָפּגעהאַלטן דעם קריג".

צוגלייך באַמיט זיך דער דייטשער אַמבאַסאַדאָר צו דערגיין באַ אים, דאָס גלייכן דער קיסר באַם קעניג, וואָס זיינען די תנאים, וואָס באַ זיי וואָלטן זיי געקאָנט גאַראַנטירן די נייטראַלי-טעט פון פראַנקרייך. נאָר צו פעסט האָט שוין ארומגעכאַפּט די נעץ, און גערעכט איז פּאַלעאָלאָג, בעת ער שרייבט: „די צייט פון חשבונות, פון דיפּלאָמאַטישע קונצן איז פאַרבײ... ניטאָ קיין פּערזענלעכע איניציאַטיוו, ניטאָ קיין מענטשלעכער ווילן, וואָס זאָל קאָנען זיך אַנטקעגנשטעלן קעגן דעם מעכאַניזם פון די ארויס-געלאָזענע כחות, וואָס ווירקט שוין פון זיך". הגם פּואַנקאַרע טעלעגראַפירט קיין לאָנדאָן צום קעניג, זיי זאָלן זאַלבעדריט פאַר-אייניקט ווירקן פאַרן שלום, און דער קעניג ענטפערט אים מיט זייער מאָראַלישע ווערטער, וויסן דאָך ביידע, וואָס דאָס באַטייט.

יאָ, אויב דייטשלאַנד וואָלט דעמאָביליזירט, דעמאָלט וואָלט ענגלאַנד געצוואונגען אירע גוטע פריינט צו טאָן דאָס נעמלעכע!

אָבער דערצו איז צו שפּעט אפילו ווען מען זאָל קאָנען פּועלן באַם קיסר, ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון טראָן, וואָלט אף מאָרגן זיין זון אין אויטאָ מיט פּויק און מוזיק אַריינגעפאָרן אין פּרישן, פּריילעכן קריג.

שטיל קלינגען נאָך צוויי רופן פון יענער זייט קאַנאַל אין דעם קיסרס אויערן אריין:

„בעלגראַד איז געפאַלן, סערביען באַשטראָפט, פּועלט איצט באַ עסטרייך, זי זאָל זיך אָפּשטעלן!.. נאָר אייער מאַיעסטעט קענען... גאָט זאָל זיין מיט אייער מאַיעסטעט איצט און שטענדיק. דעזוי“.

נאָך אַ פּריוואטמאַן, פיינער און וואָגיקער. בעט פון קיסר עפּעס אַ פאָרשלאָג, וואָס ער וואָלט געקאָנט איבערגעבן דורך זיינע גוטע פריינט קיין פּעטערבורג און קיין ווין. דעזוי איז די שיינע ענגלישע פירשטין פלעס, דער צווייטער איז לאָרד ראָטשילד.

זי צוואַנציק יאָר אינגער פאַרן אַדרעסאַט, ער צוואַנציק יאָר עלטער. זי עלעגאַנט און רייצנד. ער קלוג און מעכטיק. אַזוי בעטן זיי זיך ווי גוטע פריינט. אומזיסט. דעזוי לייגט דער קיסר אָן אַ זייט. אונטערן צווייטן שרייבט ער: „אַן אַלטער, זייער פאַרערטער באַקאַנטער פון מיר!“ דערוף צימערמאַנס נאָטיץ: „ענטפער אין נאָמען פון זיין מאַיעסטעט?“ דערביי דער ענטפער: „היות ווי דער קאַבעל איז פאַרמאַכט, האָט דאָס קיין זין ניט. שטום“.

הערט מען די שטימען פון דער ווילהעלמשטראַסע? כסדר ווערט טעלעגראַפירט פון בערלין קיין לאָנדאָן, ניט געקוקט דערויף וואָס דער קאַבעל איז כלומרשט פאַרמאַכט. אָבער דאָ איז נאָך געבליבן אַ לעצטע קליינע סכנה, אַז דער באַנקיר זאָל מיט זיין אידישן געלט אָפּטאָן אַ שפּיצל, ווי אַנומלט יעקב שיף די רוסן אין ניו-יאָרק; דעריבער: „האָט קיין זין ניט „שטום“.

צולעצט ווערט דער ענגלישער קאַבינעט באַפרייט פון דער דאָזיקער שפּאַנונג דורך בעלגיען. אַז דייטשלאַנד וועט אָנפאַלן, האָבן טשערטשיל און קיטשענער שטענדיק געטענעט. צו בעלגיען

ווערט זיך אַנטקעגנגעשטעלן, איז געווען אַ ספק: לויט אַ טראַדיציע פֿון יאָרהונדערטער האָט ענגלאַנד געמוזט ווערן דאָס און אונטער־שטיצן בעלגיע. האָט זי דען ניט זינט עדוואַרד דעם ערשטן פֿאַרטיידיקט דאָס דאָזיקע ברעג־לאַנד קעגן שפּאַניען, בורבאָן און נאַפּאָלעאָן? קיין גרויסע מלוכה האָט ניט געטאָרט זיך אַריינכאַפּן אַהער: דערפֿאַר האָט מען דאָך געשאָנקען דעם, אייביקע נייט־ראַליטעט.

עס גייט ניט וועגן שויץ פֿונם שוואַכן. די נייטראַליטעט פֿון לוקסעמבורג, וואָס ביסמאַרק האָט אַמאָל געהאַט פֿאַרגעשלאָגן, האָט ענגלאַנד ניט געוואָלט גאַראַנטירן: דאָס איז צו ענגלאַנד ניט שייך, בעלגיען דווקא יאָ — דאָס רירט זי דירעקט אָן.

גלאַדסטאָן האָט אַנומלט געגעבן דעם באַווייז. אַ קעמפֿער פֿאַר פֿעלקער־רעכט, אַ פּאַציפֿיסט, אַן עכטער ענגלענדער, גרייס פֿאַרגייער און מוסטער, האָט ער געשריבן אין יאָר 70, בעת ביסמאַרק האָט אים געלאָזט וויסן מכּח נאַפּאָלעאָנס חשק איינצו־נעמען בעלגיען: „דאָס וואָלט פֿאַר אונז געווען אוממיגלעך צוצו־קוקן, ווי מען ברענגט אַ קרבן פֿרייהייט און אומאָפּהענגיקייט“ און האָט געזאָגט דעם אמת אויף זיין שטייגער, הגם ער האָט ניט איינגעשטעלט פֿאַר די דאָזיקע אידעאַלן מער, וויפֿל עס איז נויטיק. וואָרום צוגלייך האָט ער פֿאַרגעשלאָגן ביידע רעגירונגען אַ גאַראַנטיע פֿאַר בעלגיען: ערשטנס צו זיכערן דאָס אינטער־נאַציאָנאַלע רעכט, צווייטנס, צו זיכערן, אַז קיין איין קאָנטינענ־טאַלע מלוכה זאָל ניט אויסוואַקסן צו גרויס: עכט ענגליש.

דאָס אַלץ האָט אין יענע טעג פֿאַרגעשוועבט פֿאַרן קאַבי־נעט, און אין די קומענדיקע יאָרן פֿון דער מלחמה פֿאַר דער ענגלישער עפֿנטלעכקייט, וואָס האָט איר העכסטן אינטערעס פֿאַר־מאַסקירט מאָראַליש און האָט מיט פּקחותדיקן קוק אויסגעקליבן דעם פּלאַג; וואָס אַרום אים האָבן זיך צונויפֿגעקליבן אַלע פֿרינט פֿון יושר. מער פֿון אַלעמען האָט ללאָיד דזשאָרדזש יאָרן לאַנג דורכגעפֿירט דעם דאָזיקן געדאַנק, אַז ענגלאַנד באַשיצט דעם יושר, אין גלענצנדע רעדעס און האָט געוואונען דעם געוויסן פֿון אייראָפּע, כּדי אים ווידער צו פֿאַרלירן אין ווערסאַל. ער האָט

קודם כל געוואוסט, אז א רוב אין פאַרלאַמענט אליין איז ניט געגוג צו פירן די מלחמה אין אזא לאנד, וואָס זיין אַרמײ איז געווען צונויפגעשטעלט פון פרייוויליקע, און וואָס זיינע קאלאניעס אין די ווייטע ערד־טיילן זיינען געווארן זעלבשטענדיק און קריטיש.

דערצו איז נאך צוגעקומען בא אים און בא טשערטשיל דער נאטירלעכער פארלאנג צו בלייבן בא א מאַכט, וואס איז דורך דער אירלענדישער פראגע געווען שטארק צעטרייסלט. נאר די מלחמה האט געקאנט נאך אמאל אפשוואכן די קאנסערוואטיווע, ווארום זיי זיינען דאך, ווי אומעטום די אַגראַריער און פּריצים, געווען קריגס־גלוסטיקער ווי די ליבעראלע סוחרים און ארבעטער, וואָס האָבן דא ווי אומעטום געוואלט שלום. וואלטן דעמאָלט די ליבעראלן געזעסן אין דער אפאזיציע, און ניט אין דער רעגירונג, וואלטן זיי אָן שום ספק געהאט געבראכן דעם קריגס־ווילן פון די קאנסערוואטיווע. איצט אבער האבן זיי זיך געפילט געשטארקט דורך זייערע קעגנער.

און דאך איז גראד אין יענע טעג געווען אומבאשטימט ניט נאר די האלטונג פון קאבינעט, נייערט אויך פון גריי גופא. קעגן דעם פארוואורף פון מאַקיאַוועליזם וואלטן אים אין דער געשיכטע געשיצט זיינע פיר פארשלאגן מכח פארמיטלונג, אַפילו ווען מען וואלט ניט געקענט זיין כאראקטער, וואס איז פונקט דער היפוך דערפון. אבער הגם ער האט ליב געהאט שלום, און ענגלאנד האט קיין שום אינטערעס ניט געהאַט פאר מלחמה, האט ער דאך געפילט, אַז ענגלאנדס כבוד און זיין כבוד איז פארבונדן און משועבד צו די פאַרבינדעטע, און האָט זיך אריינ־געפלאנטערט אין די לעצטע טעג אַלץ מער אין די רעזולטאטן פון א בונד־פּאָליטיק, וואָס האָט זיך ניט געוואָלט לאָזן אָנרופן מיטן דאָזיקן נאָמען. דעם 29־טן האָט ער פארשוויגן פארן דייטשן אַמבאַסאַדאָר, וואָס ער האָט אים געגעבן אַזעלכע ערנסטע התראות פאַר בערלין, אז ענגלאנד האלט פארזאמלט דעם פלאָט, דאָס הייסט, אז מען האָט טיילווייז מאָביליזירט. דעם 30־טן האָט ער נאָך א מאָל געפּרואווט פּאָרלייגן פארמיטלונג אין בערלין און

אין פּעטערבורג און האָט דאָס נעמלעכע געעצהט אין פּאריז.

אָבער דעם 31=טן האָט ער געמומען קווינקלען זיך, קענטיק, אז דאָס האָבן געווירקט צוויי דאָקומענטן, א בריוו און א מעמאָראנדום, וואָס ער האָט געקראָגן אין דעם זעלביקן טאָג פון זיינע צוויי מיטארבעטער, קראָו און ניקאָלסאָן, וואָס זיינען ביידע געווען אָנהייגגער פון דער אנטאנטע; א באזונדער גרויסן איינפלוס האָט געהאט קראָו, וואָס האָט געדינט אין אויסערן=מיניסטעריום זינט 30 יאָר.

אין קאַבינעט האָט גרוי געהאַט שוין פריער מרמז געווען, אז אויב ענגלאַנד בלייבט די גאַנצע צייט נייטראל, מוז ער דעמיסיאנירן; אבער קיינער האָט נים געוואוסט, צי אסקוויט וועט אפשר אננעמען זיין דעמיסיע, אין דעם פאל ווען דער צד שכנגד, וואס איז געווען גרופירט ארום טשערטשיל און ללאָיד דזשאָרדזש, וועט אויך מעלדן, אז ער דעמיסיאָנירט אין פאל פון נייטראליטעט. ווארום עס איז געווען א סכנה פאר א שפּאלטונג אין קאַבינעט. אין די דריי מאָנאַרכיעס וואו די מושלים האָבן געהאַט די פולע סוווערענע דעה איבער מלחמה און שלום, זיינען בכלל נים געווען אזעלכע פּראבלעמעס. און אין פאריז האָט די קאַאליציע זיך געהאַלטן פעסט; אין לאָנדאָן אָבער האָבן אין דער לעצטער וואָך פארן 4. אווגוסט געקעמפט צווישן אַנאַנד, מער אין דער שטיל ווי אפן, ביידע פליגלען פון די רעגירנדיקע ליבעראלן, דערביי זעט עס אוים, אז בא איינציקע מיניסטאָרן האָט דער אויסקוק אפן שטול פונם מיניסטער=פּרעזידענט פארשטעלט דעם אויסקוק אף אייראפּע. אָבער דער געדאַנק, אַז ענגלאַנד זאָל גראד אין מאָמענט פון העכסטן קריזים בלייבן פלוצים אָן א קאַבינעט, ווייל די פארטיי וועט זיך שפּאלטן אין צוויי גרופּעס, איז פאר איטלעכן ענגלישן פּאָליטיקער געווען במעט אזוי שלעכט ווי דער קריג גופא. דערפאר האָט מען זיך נאָך געהאלטן אין איינעם; נאָך דעם 31=טן האָט דער קאַבינעט אָפּגעווארפן יעטווידע בינדונג און דערקלערט, אז נייטראליטעט איז דער איינ=

ציקער מיטל צו פארהאלטן דעם פולן חורבן פון אייראפייאישן קרעדיט; דאָס האָט געקאָנט „אין עצם" באַשטימען די האַלטונג פון ענגלאַנד.

א ציטערנדיקער שטייט קאַמבאָן און האָט מורא, אז אָט פארלירט ער דעם יאָרן לאַנג קונציק צוגעגרייטן שאַנס פאר פראנקרייך: אים איז צו מוט ווי מעפיסטא, וואס א פּאָר מלאכים ווילן בא אים ארויסכאַפּן פאוסטס נשמה, וואס צוליב איר האָט ער אזוי לאנג געדינט. נאָך מער, ער מוז אפילו רואיק אויסהערן פון גרייען, אַז רוסלאַנד האָט פארשאַרפט דעם קריזיס „און דערוועקט דעם איינדרוק, אַז די דייטשע מאָבּיליזאַציע איז געווען געצוואונגען דורך דער רוסישער", (דאס איז, אגב, א באווייז פאר רוסלאַנדס שולד). קאַמבאָן פון זיין זייט וואָרנט, אז ענגלאַנד זאָל ניט איבערחזרן דעם טעות פון 1870, ווען זי האָט צוגעלאָזן, אז דייטשלאַנדס מאכט זאל אומגעהייער אויסוואקסן". דעם 1-טן אַווגוסט איז, ניט געקוקט אַף דער קריגס-דערקלערונג, גרייס לאגע ניט געווארן פעסטער; פונדעסטוועגן וויל ער ניט מאַכן דייטשלאַנד קיין שום הבטחות, אפילו אויב זי וועט ניט אָנרירן בעלגיען. די דאָזיקע האלטונג, הגם עס איז שוין בעצם געווען נאָך אלעמען, וואלט געקאָנט ארופוואַרפן א געוויסע שולד אף ענגלאַנד, אויב מאָלטקע אליין וואלט ניט מודה געווען, אז אפילו די ענגלישע נייטראליטעט וואלט געווען צו טייער פאר דער שוינונג פון בעלגיען, ווארום דער אָנפאַל-קריג איז מעגלעך נאָר אף דער ליניע פון בעלגיען".

אין דעם דאָזיקן לעצטן טאָג כאַפּט זיך גריי פאר זיין לעצטן מיטל: ער שלאָגט פּאָר, אַז דייטשלאַנד און פראנקרייך זאָלן זיך אַוועקשטעלן באוואפנט איינס קעגן אנדער בא די גרעניצן און ניט רירן זיך, דעמאלט וועט ענגלאַנד ווי א גאראנט בלייבן נייטראַל. די דייטשן זיינען מסכים: זיי האָט דאָס אויסגעוויזן ווי א גוואלדיקער גליק, וואס אנשטאט צו פירן קריג אף צוויי פראנטן, וואָס פאר דעם האָבּן זיי שטענדיק מורא געהאַט, באַדאַרפן זיי איצט פירן קריג נאָר אף איין פראנט! אז גריי לאָזט וויסן דעם דאָזיקן ענטפער קאַמבאָנען, איז ער קאָלט

מוסיף, אזוי ווי ער וואלט נים געוואוסט, וואָס איז פראנקרייך מחויב לויטן בונד מיט רוסלאנד: „אויב פראנקרייך קאָן דעם דאָזיקן פאָרשלאג נים אויסנוצן, איז דאָס נאָר דערפאר, וואָס זי איז געבונדן דורך א בונד, וואָס ענגלאַנד איז אין אים נים באַטייליקט און זיינע באשטימונגען קען זי נים".

דאָ הויבט זיך קאַמבאָן אוף צו א סצענע, וואָס איר גלייבן איז נאָך נים געווען. ער רופט אויס: „די דאָזיקע בשורה קאָן איך אין פאַריז נים אָנזאָגן! דאָס וועט ארויסרופן א מוראדיקן כעס! מיין פאָלק וועט זאָגן, איר האָט אין אונז געפעלשט!" צו קאָן גריי ברוגז זיין אף זיין גוטן פריינט? מוז ער אים אין הארצן נים מוחל זיין פאר אופרעגונג? ער האָט אמת נים אונטערגעשריבן קיין ענגלישן בלאַנקאָ-וועקסל. ווי ווילהעלם האָט דאָס געטאָן לטובת עסטרייך; אָבער זינט אכט יאר, באזונדערס זינט צוויי יאָר האָט ער אַלע מאָל כסדר געגעבן צו פארשטיין, אז אין א שעה פון נויט וועלן מיר אייך ביישטיין. און איצט? „איצט קאָן דאָך דער דייטשער פלאָן אריינפארן אין קאַנאַל און אנפאלן אף אונזער אומבאשיצטן ברעג!" טענעט קאַמבאָן.

„דאָס וואָלט בא אונז אומגעבוען די עפנטלעכע שטימונג", ענטפערט גריי.

דעם אנדער נאכמיטאָג, דעם 2-טן, — קאַמבאָן האָט געארבעט אף אלע כלים און האָט צו דער זיצונג פון מיניסטאָרן-קאבינעט געלאָזט צוטראָגן ידיעות וועגן דייטשע גרענעץ-אריבערטרעטונגען. — האָט גריי געפועלט, אז דער קאבינעט זאָל גאראנטירן דעם שוץ פון פראנצויזישן ברעג, אויב די דייטשן זאלן אף אים אנפאלן, אָבער אויב נאָר דער פארלאמענט וועט צושטימען; דאָרט אבער האָט שוין די אפאזיציע געהאט דערקלערט, אז מען מוז זיך אריינמישן אין קריג. דער קאַבינעט האָט באַשלאָסן צו מאָבליזירן דעם גאנצן פלאָט, וואס אייערנעכטן האָט ער געהאט דאָס אָפגעוואָרפן, און טשערטשיל האָט דאָס נעכטן געהאַט אויסגעפירט אף דער אייגענער אחריות. קאַמבאָנס האָפענונג שטייגט: פיבעריש האָפט ער אפן אריינמארש פון די דייטשן אין בעלגיען, וואס אלע מבינים האָבן דערוף גערעכנט אין פאל

פון א קריג. בא א פרישטיק פון די געמעסיקטע מיניסטאָרן נאָך אָט דער זיצונג האָט מען געשמועסט, אז „דער קאַבינעט ווערט אַף א גאַנץ דרייעריישן שטייגער טריט פאר טריט אריינגעצויגן אין קריג לטובת פראנקרייך". און אז גריי שטעלט די באשליסנ־דיקע פראגע צו דייטשלאַנד און צו פראנקרייך, צי וועלן זיי שוינען בעלגיען, זאָגט דאָס צו נאָר קאמבאָן; ליכנאָווסקי קאָן לויטן באַפעל פון בערלין ניט געבן קיין קלאָרע תשובה. אט דאָס האָט גריי באדארפט האָבן אין יענעם מאָמענט, הגם פריער האָט ער דערפאר מורא געהאַט: איצטער האָט ער א פאפולערן גרונט פארן אנטייל פון ענגלאַנד אין דער מלחמה, וואס דער מענטש פון גאַס האָט אים געקאָנט פארשטיין!

שוין געכטן האָבן חוץ דעם מוטיקן וויצע־מיניסטער טרע־וועליאן, דעמיסיאנירט פיר מיטגלידער פון קאַבינעט, הגם די החלטה איז נאָך ניט געווען קיין ענדגילטיקע, נאָר דער פארלא־מענט האָט ערשט געמוזט באשליסן. צוויי פון זיי האָבן נאָך דעם בראך פון דער בעלגישער נייטראליטעט צוריקגענומען זייער דע־מיסיע. עס זיינען געבליבן נאָר צוויי מענטשן! וואָס האָבן פאר־געשטעלט צוויי וועלטן און צוויי לעבנס־קרייזן: דער 76 יאָריקער שיינער, פירנעמער פרעזידענט פון געהיימען־ראט, לאָרד מארליי, וואָס איז אין גאַנצן ענגלאַנד געווען באוואוסט אונטער נאָמען „ערלעכער דזשאָן", טאַלענטירט ליטעראריש און פאליטיש! און דער ארבעטער־פירער דזשאָן בערנס: א ריז, וואס מיט פופציק יאָר צוריק האָט ער א צען־יאָריק אינגל געדרייט און געשניטן ליכט, דערנאָך אליין פון זיך אויסגעוואקסן, געווארן א סאָציאליסט וויל מיל האָט אים ניט באַפרידיקט, געזעסן עטלעכע מאָל אין טורמע, און איצט, נאָכדעם ווי ער איז זעקס יאָר אָפּגעווען מי־ניסטער, האָט ער דעמיסיאָנירט, בכדי אויסצודריקן דעם וועטאָ פון מעכטיקע טרעד־יוניאנס קעגן דער מלחמה.

דאָס זיינען געווען די איינציקע מענטשן אין אייראָפּע פון די, וואָס זיינען געשטאַנען בא דער מאַכט, וואָס האָבן זיך אָפּ־געזאָגט צו חתמען אַ דאָקומענט, וואָס אין זיין אומרעכט זיינען געווען איבערצייגט צו עטלעכע מענטשן אין איטלעכן קאַבינעט,

אָבער זיי האָבן געשוויגן, דורך דעם, וואָס זיי האָבן זייער חתימה
ניט געגעבן, דורך דעם וואָס זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דער
מאכט, פארנעמען מאָרליי און בערנס אין דער געשיכטע א
בכבודיקערן אָרט, ווי די קיסרים, מיניסטאָרן, גענעראַלן, וואָס
האָבן געמיינט דורך די מלחמה־דעקרעטן צו פאַרפעסטיקן זייער
מאכט און האָבן זי פאָרט אָנגעוואָרן, ווארום נאָר צוויי מלוכה־
מענער פון אייראָפּע, ללאָיד דזשאָרדזש און פּאַשיטש, זיינען גע־
בליבן באַ דער מאַכט די גאַנצע צייט פון דער מלחמה, וואָס
זיי האָבן געחתמעט איר אָנהייב. און אויך די ביידע האָבן באַלד
נאָכדעם פארלאָרן די מאכט.

דעם אַנדער טאָג זיינען פאַר דער זיצונג און בעת דער
זיצונג פון פּאַרלאַמענט אָנגעקומען איינע נאָך דער אנדערער
קריגס־ידיעות: מיטאָג־צייט איז באוואוסט געוואָרן דער אריינמארש
פון די דייטשן אין בעלגיען, בעת דער זיצונג איז באקאנט גע־
וואָרן קעניג אַלבערטס דעפּעשע מיט דעם רוף נאָך הילף. דעם
מיעוט האָט מען ניט געלאָזט ריידן, מאַקדאָנאַלד דער פירער
פון די ראַדיקאַלן, האָט נאר געקאָנט ריידן אין פּאַרלאַמענט עט־
לעכע ווערטער קעגן גריי; צוויי טעג שפּעטער האָט די לייבאָר־
פּאַרטיי אָפּגעגעבן איר שטים קעגן קריג. דערמיט האָט זי גע־
געבן א מוסטער, וואָס וועט אין דער געשיכטע לייגער זיך
האַלטן און גלאנצן, ווי די נעמען פון אלע שלאַכטן, וואָס זיינען
אין יענער מלחמה געוואונען און פארלאָרן געוואָרן אף דער
יבשה צי אפן ים.

צום ערשטן מאָל האָט מען געזען גריי אן אומרואיקן, ער
האָט געוואָלט וואָס גיכער קומען צום וואָרט. ער האָט געשפּירט
דעם וועלט־געשיכטלעכן באַטייט פון זיין רעדע. ער האָט געזיגט
ניט ווייל זי איז געווען טאַקע אַ גוטע רעדע, נאָר ווייל זי אי,
געווען די איינציקע רעדע אין אייראָפּע, וואו א פירער פון דער
אויסוויינקסטער פּאָליטיק האָט אָפן פאָרגעשטעלט די פאַרטרעטער
פון פאָלק אַלע מאָטיוון פאַר און קעגן, אַלע אינטערעסן און גע־
פילן, אויפגעקלערט דעם גאַנצן פּלאָנטער, כדי די מענטשן זאָלן
קאָנען אָננעמען א באַשלוס פריי לויט זייערע געפילן. אין די

דריי מאָנאַרכיעס האָט אין יענע טעג איין מענטש דערקלערט דריי ביז פינף מאָל קריג אָן יעטווידער קאָנטראָל, אינגאַנצן זעלבשטענדיק, נאָכדעם ווי ער האָט זיך נאָר מיישב געווען מיט אַ פּאָר מענטשן. אין פראַנקרייך און בעלגיען איז אמת די פראַגע געשטעלט געוואָרן, זי איז אָבער נאָר געווען אַ רעטאָרישע פראַגע, וואָרום דער איין פּאַרלאַמענט איז אויסגעהערט געוואָרן ערשט נאָך דער קריגס=דערקלערונג, און דער אַנדערער האָט קיין ניין ניט געקאַנט זאָגן. נאָר אין ענגלאַנד האָט דער מיניסטער אויסגעמאָלט דאָס גאַנצע בילד פאַר די מענער, וואָס טראָגן די אחריות:

„מיר האָבן ביז נעכטן ניט מער צוגעזאָגט, ווי דיפּלאָמאַטישע אונטערשטיצונג... איך האָב נאָר דערקלערט דעם פראַנצויזישן און דייטשן אַמבאַסאַדאָר, אַז די מיינונג פון ענגלאַנד וועט מסתמא זיך שטעלן אַפן צד פון פראַנקרייך, אויב מען וועט איר אופצווינגען א קריג. צונויפריידן פון מיליטער=לייט האָב איך שטענדיק ערלויבט נאָר מיטן תנאי, אַז ביידע רעגירונגען זאָלן בלייבן פריי, ווי א שטייגער בעת דעם מאַראָקאָ=קריזיס. אין יאָר 12 האָבן מיר אונז געגעבן קעגנזייטיק באַשטימטע דערקלערונגען, כּדי צו זיכערן די פרייהייט פון די רעגירונגען (ער לייענט פאַר זיין בריוו=בייט מיט קאַמבאָן פון נאָוועמבער 1912)... פראַנקרייך איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם קאָנפליקט דורך איר בונדס=חבר פון איר כּבוד וועגן. מיר זיינען מיט איר באַפריינדעט זינט לאַנג, און ווי ווייט פריינטשאַפט ברענגט מיט זיך התחייבותן, זאָל איטלעכער פרעגן זיין אייגן האַרץ און געפיל און לויט דעם אָפּשאַצן די מאָס פון די התחייבותן.

מיין פּערזענלעכע מיינונג איז די: דער פלאָט פון פראַנקרייך ליגט אין מיטללענדישן ים, דער צפון= און מערב=ברעג איז ניט באַשיצט. זאָל קומען אַ פרעמדער פלאָט און אָנפאַלן אַף די דאָזיקע ברעגעס, וואָלט ענגלאַנד זיך באַדאַרפט רירן. פראַנקרייך, מיין איך, האָט דאָס רעכט צו וויסן, און צו וויסן דאָס באַלד, צי זי קאָן רעכענען אַף דער הילף פון ענגלאַנד, ווען עס וועט זיין אַן אָנפאַל אַף אירע צפון= און מערב=ברעגעס... באַ בעלגיען

זיינען פאַרכאַפּט אונזער כבוד און אונזערע אינטערעסן לכל הפחות אזוי שטאַרק, ווי אין יאָר 1870, מיר קענען אונזער חוב נישט אופנעמען גרינגער, ווי גלאַדסטאָן האָט דאָס געטאָן״. (ער לייענט פאָר די ענטפערס פון ביידע מלוכות און קעניג אַלבערטס רוף).

אויב עס גייט פאַרלאָרן די אומאָפּהענגיקייט פון בעלגיען, דעמאָלט איז אויך פאַרפאַלן די אומאָפּהענגיקייט פון האָלאַנד. באַ־קלערט זיך נאָר, וואָסערע בריטישע אינטערעסן עס זיינען דאָ איינגעשטעלט, אויב מיר האַלטן זיך אָפּ אין אַזאַ קריזיס. צי וועט דאָס, וואָס מיר וואָלטן באַם סוף פון קריג אָפּגעשפּאָרט אין בחות, זיין גלייכווערטיק מיט דעם, וואָס מיר וועלן פאַרלירן אין אַכטונג? בכלל גלויב איך נישט, אויב א גרויסע מלוכה, צי זי קעמפט אָדער זי בלייבט נייטראַל, וועט צום סוף קאָנען ארויס־ווייזן איר גרעסערע מאַכט. מיר מיט אונזער מעכטיקן פלאָט, וועלן נישט קיין סך מער האָבן צו ליידן, ווען מיר גייען מיט, ווי ווען מיר וואָלטן געבליבן פאַסיוו. וואָרום אויף אַלע פאַלן וועלן מיר דורך אָט דער מלחמה מוזן שרעקלעך ליידן. אונזער אויס־וויינקסטער האַנדל וועט אופהערן, און אויך אין גינסטיקסטן פאַל וועלן מיר צום סוף נישט זיין שטאַרק גענוג, בכדי צו מאַכן פאַר נישט געשען דאָס, וואָס קאָן געשען: אַז גאַנץ מערב־אייראָפּע זאָל זיך פאַראייניקן קעגן אונז אונטער איין מאַכט... ווען דאָס לאַנד באַקלערט זיך, וואָס דאָ איז איינגעשטעלט, דעמאָלט, מיין איך, וועט עס שטיצן די רעגירונג איינסיק און שטענדיק״.

אין דער דאָזיקער רעדע איז אַלץ אָפּגעוואויגן, אָן שום גוזמאות, אַ ביסל פאַרשטעלט. מכח דער הייליקייט פון אָפּמאַכן איז קיין וואָרט נישט געזאָגט. ענגלאַנד האָט געוואוסט, אַז אין אַלע קאַבינעטן שטייען פאַפּיר־קערב פאַר נישט־באַקוועמע אָפּמאַכן.

נאָך אָט דער רעדע פון ליבעראַלן מיניסטער, וואָס האָט גערעדט קעגן דער פּראָגראַם פון זיין פּאַרטיי און קעגן זיין האַרץ פאַר דער מלחמה, זיינען זיינע ליבעראַלע חברים געזעסן גע־דריקט און שווייגעדיק, זיינע קאָנסערוואַטיווע קעגנער אָבער האָבן

שטאַרק אַפּלאָדירט. וואָרום גרייס ווערטער האָבן פאַרשוויגן זיין אינעווייניקסטן הויפּט־ציל, אין דערין ליגט אַ מין טראַגישער יושר קעגן זיין שוואכקייט.

ערשט אַסקוויט האָט דאָס ארויסגעזאָגט דעם 6־טן אווגוסט אין פּאַרלאַמענט: „מיר קעמפן אין די איצטיקע טעג, ווען די מענטשהייט געפינט זיך אָפּטמאָלס אונטער גוואַלד־הערשאַפט, פאַרן פּרינציפּ, אַז די קליינע נאַציעס זאָלן ניט דערשטיקט ווערן קעגן אינטערנאַציאָנאַלן יושר דורך אַ שטאַרקערער מאכט. איך האַלט, אַז קיין מאָל איז אַ נאַציע ניט אריינגעטראָטן אין אַ גרויסער מלחמה מיט אַ ריינערן געוויסן; וואָרום מיר קעמפן ניט פאַר פאַרגרעסערונג און ניט פאַר די אייגענע אינטערעסן, נייערט פאַר דער פאַרטיידיקונג פון פּרינציפּן, וואָס פון זיי איז אָפּגעהאַנגען די ציוויליזאַציע פון דער וועלט”.

אַזוי האָט ענגלאַנד אריינגעוואָרפן אין וואָגשאָל אירע אייזערנע, אירע זילבערנע קוילן און אויך די לופטיקע קוילן פון גייסט.

*

בעת עס זיינען געגאַנגען די דאָזיקע פאַרהאַנדלונגען צווישן בערלין און לאָנדאָן, האָט עס איין רגע אויסגעוויזן, אַז דער דייטש־פראַנצויזישער קריג קאָן געשטערט ווערן דורך דער ענגלישער גאַראַנטיע. עס איז דאָ געווען אמת אַ פאַרדרייעניש, אָבער ווען מען קלייבט זיך גוט פאַנאַנדער, ווערט קלאָר די טבע פון יענער מיליטערישער מאַשין, וואָס קיינער, וואָס האָט זי אָנגעדרייט, קאָן זי שוין מער ניט אָפּשטעלן. די זעלביקע אימה פונם שעף פון רוסישן גענעראַל־שטאַב אין פעטערבורג, בעת דער צאַר האָט געוואָלט זי ארויסנעמען פון זיינע הענט, איז אָנגעפאַלן מיט צוויי טעג שפּעטער אף זיין דייטשן קאָלעגע אין בערלין. נאָך יענער גוטער בשורה פון לאָנדאָן האָט דער קיסר געזאָגט צו מאָלטקע: „איצט מאַרשירן מיר מיט דער גאַנצער ארמיי קיין מזרח!”

מאָלטקע: „דאָס איז ניט מעגלעך, מאַיעסטעט. דעם מאַרש פון אַ מיליאָנען=אַרמיי לאָזט זיך ניט אימפּראָוויזירן. אויב אייער מאַיעסטעט באַשטייט דערויף, צו פירן די גאַנצע אַרמיי קיין מזרח, וועט איר האָבן נאָר אַ המון באַוואָפנטע מענטשן אָן פּראָוויאַנט".

דער קיסר: „אייער פעטער וואָלט מיר געהאַט געגעבן אַן אַנדער ענטפער!"

מאָלטקע: „עס איז לחלוטין ניט מעגלעך צו מאַרשירן אַנדערש, ווי עס איז אָנגעמערקט אין פּלאַן: שטאַרק קיין מערב, שוואַך קיין מזרח".

דערויף טעלעגראַפירט דער קיסר צום קעניג פון ענגלאַנד: „מחמת טעכנישע טעמים מוז מיין מאָביליזאַציע, וואָס איז שוין היינט נאָכמיטאָג באַפוילן געוואָרן, גיין קיין מזרח און קיין מערב, ווי דאָס איז געווען צוגעגרייט. קיין באַפעל דאָס צו בייטן קאָן ניט געגעבן ווערן... איך האָף, אַז פראַנקרייך וועט ניט ווערן נערוויז". בכדי צו מילדערן דעם דאָזיקן סטראַשונעק, באַפעלט דער קיסר: „די 16=טע דיוויזיע אין טריר זאָל ניט גיין קיין לוקסעמבורג".

מאָלטקע, וואָס באַשרייבט די דאָזיקע סצענע, איז זיך מודה: „מיר איז געווען צו מוט, אַזוי ווי דאָס האַרץ וואָלט אין מיר צעבראָכן געוואָרן. ווידער אַ מאָל איז געווען אַ סכנה, אַז אונזער מאַרש זאָל צעפּלאָנטערט ווערן. געקומען אַהיים, בין איך געווען ווי צעבראָכן און האָב פאַרגאָסן טרערן פון יאוש... אַזוי בין איך געזעסן אין געדריקטער שטימונג אין מיין צימער, ביז מען האָט מיך אום 11 אַזייגער אין אָוונט ווידער גערופן צו זיין מאַיעסטעט". אויפקלערונג, אַ טעות, מלחמה קעגן פראַנקרייך, דער מאַרש ווי פאָראויסגעזען. מאָלטקע פאַרענדיקט: „איך האָב ניט געקאָנט אויס=מעקן דעם איינדרוק פון דער דאָזיקער איבערלעבעניש. עפּעס וואָס איז אין מיר געווען צעשטערט, וואָס מען האָט ווידער ניט געקאָנט אָפּבויען, זיכערקייט און בטחון זיינען געווען צע=טרייסלט".

די לאָגיק פון דער מאשין צעדריקט דעם קאָנסטרוקטאָר, זי האָט אים געמאכט פאַר איר שקלאַוו. יאַנושקעוויטש און מאָלטקע, וואָס זייער גאַנצע נשמה איז אַ לעבן לאַנג געווען געווענדט אַף קריג, האָבן איבערגעלעבט זייער שרעקלעכסטן אויגנבליק, בשעת מען האָט געוואָלט אָפּשטעלן זייערע טייערע צאַצקעס אין דעם מאָמענט, ווען מען האָט זי געלאָזן אין גאַנג. „עפּעס וואָס אין מיר איז געווען צעשטערט", שרייבט דער קריג=פירער, איידער ער הייבט אָן זיין צעשטער=ארבעט.

דרייצענטער קאַפּיטל.

די אָפּגענאַרטע.

וואו זיינען געבליבן די מאַסן? צי זיינען די גאַסן שוין געבליבן ליידיק, נאָכדעם ווי די מענער זיינען אַוועקגעטריבן געוואָרן צו די גרענעצן און די פרויען אין טרערן אריינגעטריבן אין די הייזער? צי קאָנען די געשרייען פון אָנמעכטיקע מיליאָנען ניט פאַרטויבן צען איינזאַמע, מעטאַלענע באַפעלן פון די עטלעכע מאַכטהאָבערס? צי האָט ניט דער שכל געווירקט צו שטאַרקן די קרבנות, כדי זיי זאָלן זיך ארויסמאַכן פון זייערע שוחטים מיט שפּאָט אַף דער הייליקייט פון אזעלכע מזבחות?

נאָך אַלץ רעשן די גאַסן, נאָך אַלץ גייען די קרבנות אַרום פאַר די סודותפולע פּאַלאַצן פון די כהנים און רופן אַרויף זייער ווילן צום לעבן סטראַשענדיק צו די הויכע פענסטער.

אָבער זיי האָבן שוין מער קיין פירערס ניט. אין פאַרמאַכטע חדרים, ניט אנדערש ווי די דיפּלאָמאַטן, זיצן די פירערס פון אַרבעטס=פאָלק בא טישן און באַקלערן שעהן לאַנג, וואָס צו טאָן. זייערע שטולן זיינען האַרטער, די ציגאַרן וועלוועלער, די מלבושים גרעבער, ניטאָ אויך די דינערס. וואָס מאַכן צו די טירן, אויך זיינען ניטאָ יענע קאַנצעלאַריסטן, וואָס זיצן מיט דער רעכטער פלייצע איינגעבויגן איבער די פּאַפּירן, הגם עקסעלענץ קוקט

שוין לאַנג אין אַן אַנדער זייט. אָבער זיי האָבן אויך סודות פאַרן המון, זיי זײַנען שוין אויך געוואָרן כהנים. זי פילן שוין, אָבער זיי זאָגן נאָך ניט אויס, אַז מאָרגן אפשר וועלן זיי שוין מוזן שווײַגן.

אפשר. נאָך האָפן זיי, און נאָר די שוואַכע צווישן זיי, וואָס זײַנען מיד געוואָרן פון שטענדיקן זײַן קעגן, וואָס האָבן פאַר זייערע קינדער אָפּגעשפּאָרט אַ זיכערן מצב. זיי פירן שוין איצט אַריבער צום נאַציאָנאַלן געדאַנק און וואָלטן וועלן גיין אַמאָל צוזאַמען מיט דער מלוכה.

בערלין: „די פאַרזאַמלונג, וואָס איז צונויפגערופן אַף זונטאָג אין טרעפּטאָווער פּאַרק, איז געווענדט קעגן קריג. דערפאַר מוז מען בײַ היינטיקע ערנסטע צײַטן זי האַלטן פאַר אַ סכנה פאַר דער עפנטלעכער זיכערקייט". ווײַ צו דעם, ווער עס הויבט אויף זײַן שטים קעגן מלחמה; ער וואָלט נאָך געקאָנט ראַטעווען דעם שלום. אין 39 פאָלקס-פאַרזאַמלונגען האָבן דערנאָך די סאָציאַליסטן געפּרוּווט דערגרייכן אונטערן דאַך דאָס, וואָס אונטערן פרײַען הימל איז געווען פאַרבאָטן. אומזיסט. מיט צוויי טעג שפּעטער האָבן זיי געפּרוּווט דאָס זעלביקע טאָן אין 17 פאַרזאַמלונגען. פּאָליצײַ האָט אַלע צעטריבן.

זי פילט זיך זיכער. זי לייענט דאָך דעם „פאָרווערטס" און זי ווייס, אַז ער בורטשעט נאָך, נאָר ער טרעט צוריק: „מיר וועלן די קלעמעדיקע געשעענישן איבערלעבן ניט מיט פאַטאַליסטישן גלײַכגילט. מיר וועלן בלײַבן געטרײַ אונזער פאָן, דורכגעדרונגען מיט דער גרויסקייט פון אונזער קולטור-מיסיע. מיט מוראדיקער שאַרפקייט טרעפן די שטרענגע געזעצן פונם קריגס-רעכט די אַרבעטער-באַוועגונג. ניט באַקלערטע אַרויסטרעטונגען, אומנוציקע און פאַלש פאַרשטאַנענע קרבנות ברענגען שאָדן אין דעם מאָמענט ניט נאָר יעדן איינציקן, נײַערט אונזער כלל-זאַך. מיר רופן צו אײַך, איר זאָלט אָפּוואַרטן, ביז די צוקונפט וועט געהערן דעם סאָציאַליזם, וואָס פאַרבינדט די פעלקער".

דער סאָציאַלדעמאָקראַט האָפמאַן אין בײַערישן לאַנדטאַג: „מיר שטייען דירעקט פאַר אַ היסטאָרישער געשעעניש. וואָס קאָן

איינשטעלן אין סכנה דעם גאַנצן קיום פון דער אימפעריע און וועט אפשר פאָדערן איינצושטעלן דעם לעצטן מאַן אף צו פאַר־טיידיקן דאָס פאָטערלאַנד. ווען דאָס דייטשע פאָלק זאָל אין עט־לעכע טעג אַרום גערופן ווערן צו געווער, וועלן אויך די סאָציאַל־דעמאָקראַטן פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד״.

אַז די פאַרטיי האָט גענומען גיין צוריק, האָט זי געפילט: פיר מיליאָן ווײלער זיינען צו שוואַך פאַר א רעוואָלוציע, בכן מוז מען זיך אונטערגעבן. מיר וועלן פאָלגן, אָבער ניט אָן ווידערשטאַנד, מיר וועלן קיין מאָל אין פאַרלאַמענט ניט באַוויליקן דאָס געלט פאַר דער גרויסער שחיטה. אונזער ברוגזדיק שווייגן וועט געבן צו פאַרשטיין אונזערע פיינטלעכע ברידער אף יענער זייט גרענעץ, וואָס מיר פילן, אף להכעיס די אָפיצערן וועלן מיר באַלד איינע די אַנדערע דריקן די הענט!

אזוי זיינען קענטיק אַנטשלאָסן דער רוב, נאָר ווינציק ריידן אין דער ערשטער באַראַטונג אַנדערש. קיין החלמה ווערט ניט אָנגענומען. א שליח מיוחד ווערט געשיקט קיין פאַריז, בכדי ער זאָל זיך אָן עצה האַלטן מיט זשאָרעסן, וואָס האָט אייערנעכטן נאָך פעסט צוגעזאָגט דעם דייטש האַוז, אַז ער וועט זיך אַנט־קעגנשטעלן! דאָס בעסטע וואָלט געווען, ארויסצוזאָגן א גלייכן וועטאָ אין אַלע פאַרלאַמענטן. דעם זעלביקן פאַרנאַכט פאָרט הער־מאַן מילער קיין פאַריז, בכדי צו באַווייזן דעם געוויסן פון דייטש־לאַנד פארן קעגנער.

נאָר די דייטשע אַרבעטער זיינען געווען דייטשן. אמת־זינט דרייסיק יאָר האָט מען זיי געזידלט ווי באַנדיטן אָן א פאָטערלאַנד; אָבער זיי דערמאָנען זיך גערן אָן די צוויי יאָר ווען זיי האָבן געדינט. ווייטער איז פאַראַן א געלעגנהייט ארויסצוגיין אף א ווײלע פונם יאָך פון פאַבריק, פאַר די קינדער אין דער היים זאָרגט די מלוכה, סכנה? אזוי ווי עס קאָן ניט מאָרגן צע־שפרונגען ווערן דער קעסל, און ניט איטלעכע קויל טרעפט! די פירער אָבער, וואָס ווייכן, וואָס די מאַסע קלערט, און ווייסן אויך, אַז זי איז צו שוואַך צו מאַכן א רעוואָלוציע, פאַרענטפערן

זיך פאַר זייער געוויסן מיט איין וואָרט: דער בלוטיקער צאַר איז אונזער שונא!

בעטמאַן טוט ווי אַ דיפּלאָמאַט: איצט תיכּף פאַרעפנטלעכן דעם קיסרס שלום־דעפּעשן, פאַרקערט אויסבאַהאַלטן אַלצדינג. וואָס דורך דעם האָבן מיר אין משך פון פיר וואָכן געטריבן אין קריג אַריין, ער באַהאַלט אויך דעם צאַרס פאָרשלאָג מכּח האַאַג! שטייט אויף! דערמאָנט זיך אָן אייער בעבעל, וואָס האָט געוואָלט קעמפן קעגן צאַר! מיר קעמפן פאַר דער פרייהייט קעגן דער ווילד־הערשאַפט פון די באַרבאַרן!

וואָלטן נאָר דריי פונקטן פון דער אויסוויניקסטער אַקציע געווען אַזוי פיין אַרומגעאַרבעט, ווי אָט די איינע אַף אינעווייניק, מען וואָלט פאַרשפּאָרט דעם וועלט־קריג. דאָרטן האָט גאווה גע־טריבן צו לייכטזין, דאָ האָט שרעק געלערנט זיין אָפּגעהיט. ווען עס גיט זיך איין אַרויסצושטעלן דעם דאָזיקן קריג, ווי אַ קאַמף קעגן אַזיאַטישע האָרדעס, דעמאָלט וועט די רויטע פאָנע זיך מוזן באַהאַלטן; ס'קאָן אפשר גאָר אַרויסקומען א שפּאַלטונג צווישן אירע קעמפער.

יאָ, שוין האָבן זיך געהערט חילוקי דעות.

דער „באַדישער פאָלקספריינד": „אין דער דאָזיקער מוראָ־דיק ערנסטער שעה מוזן שווייגן די פּאַרטיי־לײדנשאַפטן... די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט געטאָן אַלצדינג, וואָס זי איז געווען ביכולת, כּדי אויסצומיידן דעם קריג, זי וואַרפט אָפּ יעדער אחריות דערפאַר, וואָס ער איז געקומען. איר פּאָליטיק איז ניט זינט נעכטן און אייערנעכטן, נייערט זינט צענדליקער יאָרן געווענדט דערויף, אויסצומיידן די מאַוומדיקע קאַטאַסטראָפע".

די „כעמניצער פאָלקסשטימע": „אונז אַלעמען באַהערשט נאָר איין פראַגע: „ווילן מיר זיגן?". קודם כּל פילן מיר דעם חוב צו קעמפן קעגן דער רוסישער ווילד־הערשאַפט. דייטשע פרויען און קינדער זאָלן ניט ווערן קרבנות פון רוסישער ווילד־היהשקייט. וואָרום אויב עס וועט זיגן דער דרייפאַרבאַנד. וועט געוועלטיקן איבער דייטשלאַנד ניט אַן ענגלישער גובערנאַטאָר אָדער אַ פראַנ־צויזישער רעפּובליקאַנער, נייערט דער רוסישער צאַר... אונזערע

חברים וועלן ארויסגיין אין קאַמף נישט מיט הוראַ און נישט מיט שנאה קעגן דעם רוסישן אַרבעטער, נישט מיט גאָט פאַרן קעניג. נאָר זיי זיינען פעסט בּאַ זיך נישט צו לאָזן זיך אריבּערשטייגן דורך קיין וואָרט־פּאטריאָט און טאָן זייער חוב פאַרן פאָטער־לאַנד".

די „עסענער אַרבּעטער צייטונג": „אויבּ דאָס דאָזיקע לאַנד ווערט איצט בּאַדרויט מצד רוסלאַנד, וועלן די סאָציאַלדעמאָקראַטן נישט לאָזן קיינעם אריבּערשטייגן זיי אין טאָן זייער חוב און אין גרייטקייט צו קרבּנות. וואָרום דער קאַמף ווערט געפירט קעגן רוסישן בּלוטיקן צאַריזם, דעם מיליאָנען־פאַכיקן פאַרבּרעכער קעגן פרייהייט און קולטור... נידער דעם צאַריזם! נידער די פעסטונג פון בּאַרבּאַריזם! דאָס וועט זיין דער פּאַראָל".

שטיי אויף, דייטשער בּערג־אַרבּעטער! דו זאָלסט שיסן דיין בּרודער פון דער שכנישער לאָטרינגער גרוב, וואָס אייערע בּיידנס שאַכטעס גייען זיך אזוי נאָענט צונויף, אַז דו קאָנסט כּמעט הערן דעם קלאַפּ פון זיין האַמער, אין גאָטס נאָמען און אפן קיסרס בּאַפעל; אָבּער טראַכטן זאָלסטו, בּעת דו צילעוועסט, אַז דעם פיינט, וואָס דו הרגעסט, האָסטו ליבּ מיטן גאַנצן האַרצן, דעם קיסר. וואָס אים האָסטו געשוואָרן, האָסטו פיינט, אַז דאָס געשעעט בּאַ דער מאַרנע נאָר צוליבּ דעם, כּדי דער קיסר פון רוסלאַנד זאָל נישט קאָנען שענדן דיין טאָכטער, ווען ער וועט ווערן דער האַר פון דייטשלאַנד! דער פּלאָנטער איז פאַראַן, אָבּער ער האָט נאָך אַלעמען נישט פאַרכאַפּט. „חשודיקע טומער פון טיראַ־נען" רופט אָן די „לייפּציגער פאָלקסצייטונג" אירע בּרידער, וואָרנט דערפאַר, מען זאָל נישט ציטירן איצט מאַרקס און בּעבּעל, וואָס האָבּן דעמאָלט געוואָלט מלחמה קעגן רוסלאַנד. וואָרום „איצט שטיצן די זין פון יענע, וואָס זיינען געשטאַנען אף די בּאַריקאַדעס, די אַלטאַרן און די קרוינען, וואָס זייערע עלטערן און זיידעס האָבּן זיי געמאַכט ציטערן... ווער קאָן דאָס בּאַהויפּטן, אַז אַ מיטל־איראָפּייאישע מלוכה, וואָס פירט מלחמה מיט רוס־לאַנד, טראָגט היינט אַהין די רעוואָלוציע!... דער מיין פון דער

דײטשער רעגירונג איז, אַרײַנצוטרײַבן די דײטשע אַרבעטער אין מלחמה מיט רוסלאַנד דורך דער פּאַרופֿונג אויף אַ פּאַרעלטערטער אידעאָלאָגיע. דער שװינדל איז קלאָר!"

אפילו נאָך דער קריגס־דערקלערונג איראָניזירט דער „פֿאָרװערטס" איבערן פּרואװ אַרויסצושטעלן דעם דאָזיקן קריג װי אַ סאָציאַליסטישע פֿאָדערונג און װאָרנט קודם כּל, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטן זאָלן ניט צושטימען אין רײַכסטאַג, װאָרום דעמאָלט קאָן דער צאַר זאָגן: „אָט די ידיעה דאַרף איך האָבן! איצט איז בײַ אונדזער אײגענער רעװאָלוציע צעבראָכן דער רוקן־בײן! איצט קאָן איך אַרויסלאָזן די נאַציאָנאַלע חיה רעה! איך בין געראַטעװעט!"

מאָרגן װעט דער „פֿאָרװערטס" מוזן רײדן אַנדערש, װאָרום הײַנט איז די אַנטשײדונג, נאָר מיט צװײ טעג צוריק האָט דער פּאַרטײ־פֿאָרשטאַנד דערקלערט דעם קאַנצלער, אַז זײ מוזן אָפּװאַרפֿן די קרעדיטן, און הײַנט?

בײַ הונדערט מאַן זיצן זײ איצט אין פֿראַקציע־צימער. צוזאַמען מיט עכטע פֿאָלקס־מענטשן, בעלי־מלאכות, װאָס קלאַפּן צו מיטן פֿויסט אין טיש אַרײַן, װען זײ זײַנען אויפֿגערעגט, צוזאַמען מיט רעװאָלוציאָנערן לויטן כאַראַקטער און לויט דער דערציאונג, זיצן דאָרט דאָקטוירים און אַדװאָקאַטן, װאָס האָבן פֿון אויסװײניק דעם פּנים פֿון בירגער, װאָס פֿון זײ שטאַמען זײ. די פֿאָרשטײער פֿון רוב שטײען אויף אויף דער זיצונג און זאָגן:

פֿונם נײַעם װײַסן בוך פֿון דער רעגירונג איז קענטיק, אַז רוסלאַנד האָט צוערשט מאָביליזירט. דערנאָך, ניט אָפּגעװאַרט אויף אונדזער קריגס־דערקלערונג, איז זי אַריבער דעם גרענעץ. אויך אין מערב שטײט דער פֿראַנצויז, לויטן אָפֿיציעלן באַריכט, שוין אויף דײַטשער ערד: דאָס איז, בכן, אַ פֿאַרטײדיקונגס־קריג! אין אַזאַ קריג טאָרן מיר ניט שטימען קעגן קרעדיטן, װאָס כּמעט אַ האַלבער פֿון זײ װעט פֿאַרניצט װערן פֿאַר די פֿרויען און קינדער פֿון אָרימען פֿאָלק, הױות װי מיר, װאָס מיר זײַנען נאָר אַ פֿערטל פֿון אַלע דעפּוטאַטן, קאָנען דאָך די אַסיגנירונג פּאַקטיש ניט שטערן, װעט אונדזער אָפּװאַרפֿן מאַכן בײַ די מאַסן דעם

איינדריק, אַז די אינוואזיע און די מפּלה רירט אונז ניט אָן, אַז מיר זיינען אפשר צופרידן דערמיט. אַף אַ גענעראַל־שטרייק קאָן זיך איינשטעלן נאָר דער, וואָס איז שטאַרק גענוג איבערצונעמען די רעגירונג, אויב ניט, העלפט דער בירגער־קריג נאָר דעם שונא. אזוי רעדט די מערהייט.

דער בעסטער קאָפּ אין דער פאַרזאַמלונג, קאַוטסקי, איז פאַר אָפּהאַלטן זיך פון שטימען, אזוי ווי בעבעל אין יאָר 70, ער בלייבט אָבער איינער אליין.

וואָרום דער מיעוט אונטער האַזע, לעדעבור, ליבקנעכט האַלט, אַז מען קאָן זיך ניט פאַרופן אַף יענע אַלטע צייטן, בעת אין רייכסטאַג זיינען געזעסן צוויי סאָציאַליסטן; היינט פאַרטרעטן 110 כמעט אַ דריטל פון פאָלק. דאָס ווייסע בוך קאָן זיין גע־פעלשט. פאַר וואָס זאָל היינט זאָגן דעם אמת אַ רעגירונג, וואָס מיר האָבן איר קיין מאָל ניט געטרויט? אונזער הסכמה, וואָס מיר זיינען די גרעסטע פאַרטיי אין איירָאָפּע, וועט אַריינברענגען אַ מהומה אומעטום. דאָס קאָן מסתמא חרוב מאַכן דעם גאַנצן אינטערנאַציאָנאַל. טעלעגראַמעס פון נעכטן און פון היינט, פון לאָנדאָן, פאַריז, מילאַן, בריסל רופן אונז צו ווידערשטאַנד. ווער עס אָסיגנירט געלט, דער טראָגט די אחריות אויך פאַר דער פירונג פון קריג און פאַר די צילן פון קריג. זאָל זיך דער קאַנצ־לער נאָך היינט מתחייב זיין ניט צו מאַכן קיין אַנעקסיעס. דאָס וועט ער זיך אָפּזאָגן, און דעמאָלט וועט פאַר די מאַסן זיין קלאָר, פאַר וואָס מיר וואַרפן אָפּ די קרעדיטן.

שעהן לאַנג גייט דער וויכוח. דער מיעוט באַקלערט זיך צי זיי זאָלן ניט שטימען באַזונדער. אָבער זיי זאָגן זיך אָפּ דער־פון, כדי ניט אָפּצושוואַכן די פאַרטיי: נאָך פרואוון גלויביקע פון צוויי וועלטן צו בלייבן אונטער איין דאָגמע. אָפּשטימונג: 78 קעגן 14. האַזע, דער פאָרזיצער, פאָלגט דער דיסציפּלין און נעמט אַף זיך איבערצולייענען אין רייכסטאַג אַ דעקלאַראַציע, וואָס ער האָט אַליין אָפּגעוואָרפן. נאָר איין זאַך האָט דער מיעוט געפּועלט אַריינצושטעלן: „ווי נאָר דער קריג ווערט אַ באַצווינג־קריג, וועלן מיר זיך קעגן אים ווענדן מיט די שאַרפסטע מיטלען". דער

לעצטער אויסגעשריי פון פאַציפיסטישן געוויסן! אַז מען באַווייזט אין אָונט דעם קאַנצלער די דעקלאַראַציע, בעט ער, מען זאָל דעם תנאי פון דעם זאַץ אויסמעקן. עס איז אַ שמועס אונטער פיר אויגן. דער זאַץ אין דער פאָרם ווערט אויסגעמעקט.

אָט די דאָזיקע שטעלונג פון די דייטשע סאָציאַליסטן איז פאַר דער גאַנצער וועלט געקומען אַזוי אומגעריכט, אַז דער בוקאַרעשטער פאַרטיי־אָרגאַן האָט נאָך אין אַ וואָך אַרום באַצייכנט די דאָזיקע ידיעה פאַר אַ ליגן און האָט אויסגעלאַכט די ווינער אַרבעטער־צייטונג, וואָס האָט די דאָזיקע ידיעה געבראַכט פון בערלין, אַז זי איז געוואָרן אַ רעגירונגס־בלאַט.

ווין האָט נאָך פריער געמוזט נאָכגעבן, וואָרום די עסטרייכישע פאַרטיי מיט איר מיליאָן וויילער איז געווען אַ סך שוואַכער. דאָרט האָט די רעגירונג געמעגט רופן אָפיציעל די בירגער צו מסרן אַלעמען, ווער עס וועט אַרויסווייזן אַנטי־מלוכהשע געפילן. אין משך פון צוויי וואָכן האָבן די עסטרייכישע סאָציאַליסטן געקעמפט מיט היץ קעגן גראַף בערכטהאָלדס פּראָוואָקאַציעס. הייַנט האָבן זיי געהערט „די אייזערנע שטים פון דער געשיכטע, דער פאַרהאַנג ווערט אויפגעהויבן פון דער עזותדיקער שפּיל פון דער צאַריסטישער פּאָליטיק“. אָבער וואָס זיי פילן מיט אַן אמת, די פירער, קוקט אַפיר פון דעם איראָנישן זאַץ באַם סוף: „דאָס לעבן פאַרן צאַר — די גאַנצע קולטור־מענטשהייט פירט אויף די דאָזיקע אָפּערע ווי אַ בלוטיקע וועלט־גראָטעסק־שפּיל!“ פונדעסטוועגן פאַרצייכנט די ווינער אַרבעטער־צייטונג דעם טאָג, ווען די סאָציאַליסטן אין בערלין האָבן געשטימט פאַר די קרעדיטן, „פאַר אַ טאָג פון דער שטאָלצסטער און גוואַלדיקסטער דערהויבונג פון דייטשן גייסט“. און אַזוי אין בודאַפּעשט און פּראָג, אין לעמבערג און אין קלאַגענפורט, בא אַלע פעלקער פון עסטרייך.

*

די סיבה? די רעגירונגען פון אייראָפּע האָבן אָפּגענאַרט די פעלקער! אין דריי פון די פינף גרויסע קאַבינעטן לאָזט זיך דאָס באַווייזן לויט דאָקומענטן.

אין ענגלאַנד לאָזט די טראַדיציע ניט אָפּנאַרן, און אויך דער קאָנטראָל פון פּאַרלאַמענט איבער דער רעגירונג דערלאָזט ניט קיין גענאַר. די דאָקומענטן — די איינציקע, וואָס אַ רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן מיטן גוטן ווילן, וואָרום אין די דריי מאָנאַרכיעס האָט עס געטאָן די רעוואָלוציע — האָבן דאָס באַשטעטיקט; כּמעט אַלע פּרוּוון, צו געפינען סתירות צווישן דעם בלויען בוך פון אויגוסט 1914 מיט דער דאָקומענטן־זאַמלונג פון 1926, וואָס מען זאָל זיי קאָנען באַצייכענען פאַר פעלשונגען, האָבן זיך ניט איינגעגעבן. די ווינציק פאַרשיידנהייטן האָבן קיין באַטרעף ניט. אוודאי פעלן נאָך דאָקומענטן, אָבער נאָר ווינציק איז אויסגעלאָזט לטובת ענגלאַנד. אמת איז דאָך, אַז גרוים פריינע פאַרבינדונג מיט פראַנקרייך און רוסלאַנד פון יאָר 1912 און 1914 איז געמאַכט געוואָרן אָן וויסן פון פּאַרלאַמענט. נאָך מער, א האַלבער קאַבינעט האָט דערפון ניט געוואוסט. דעם 4 אויגוסט האָט דער „מאַנטשעסטער גאַרדיאַן" געמעגט שרייבן: „סער עדוואַרד גריים רעדע פון נעכטן פאַרנאַכט האָט אַנטפּלעקט, אַז זינט יאָרן האָט ער געהאַלטן בסוד דעם גאַנצן אמת". אויך האָט אין די קריזיס־טעג אַ טייל פון דער פּרעסע געריצט דעם עולם דורך די מיאוסטע ליגנס איבער דייטשע אָנפאַלן און כּוונות.

דאָס געלע בוך פון פראַנקרייך לאָזט זיך נאָך ניט קאָנטראָלירן, אָבער מען קאָן דאָך אומדירעקט אַרויסדרינגען, אַז עס זיינען פאַראַן פעלשונגען; שוין דאָס, וואָס מען האָט באַדאַרפט האָבן 4 חדשים, בכדי עס אַרויסצוגעבן, איז חשודיק. פראַנצויזישע פריינט פון אמת האָבן שוין 5 פעלשונגען אַרויסגעקראָגן. אַזוי האָט מען ניט דערציילט דעם פראַנצויזישן פאָלק, אַז די רעגירונג האָט געוואוסט מכּח דער רוסישער אַלגעמיינער מאָביליזאַציע, מען האָט אונטערגעשטראָכן די אייגענע ליבע צו שלום, דערוויזן, אַז דייטשלאַנד האָט געוואָלט קריג. נאָך צוויי נומערן זיינען אין גאַנצן אויסגעקלערט פון קאָפּ, וואָס שפּעטער האָט פּואַנקאַרע אומזיסט געסטאַרעט זיך זיי צו דערקלערן דורך דעם „סוד פון שיפר". ווייטער זיינען פאַראַן באַווייזן, אַז דאָס דאָזיקע געלע בוך איז געפעלשט, אין דער עקספּערטיזע פון די צוויי פראַנצויזישע

געלערנטע יוריסטן לאַרנאָד, דעקאַן פון פּאַריזער יורידישן פאַקול־טעט, און לאַפּראַדעל, דעם מומחה אין פעלקער־רעכט, וואָס האָבן פאַר אַן אָפיציעלער קאָמיסיע בעת די שלום־אונטערהאַנד־לונגען באַוויזן, אַז „ווילהעלם דער צווייטער איז קרימינעל שולדיק", אויפן סמך פון א בריוו, וואָס ווילהעלם זאָל האָבן געשריבן צו פראַנץ יאָזעף: „מיין הארץ באַגיסט זיך מיט בלוט, אָבער אַלצו דינג מוז ווערן צעשטערט מיט פייער און שווערד, מענער, פרויען, קינדער און אלטע לייט מוזן ווערן אויסגעקוילעט, מען טאָר ניט לאָזן שטיין קיין בוים און קיין הויז. מיט אָט די טעראָר־מעשים, וואָס זיי אליין זיינען בכח צו דערשלאָגן אַזאַ דעגענערירט פאָלק ווי די פראַנצויזן, וועט די מלחמה זיין גע־ענדיקט אין צוויי חדשים, ווען איך זאָל זיך אָבער רעכענען מיט מענטשלעכע געפילן, קאָן זי זיך פאַרציען אַף יאָרן". עס איז באמת א חידוש, וואָס מיט אַזאַ מאַכערייַ וואָס איז קעגן יעדער פסיכאָלאָגיע, האָט מען געהאַט בדעה אָפּצונאַרן א גרויס פאָלק פון פסיכאָלאָגן. אויך דער בארימטער „אָפיציעלער און גע־היימער מעמאָראַנדום מכח דער פאַרשטאַרקונג פון דער דייטשער אַרמיי אין אַפּריל 1913", וואָס זאָל כלומרשט זיין לודענדאָרפס אַרבעט, איז באַשיימפּערלעך געווען אויסגעקלערט.

די פעלשונגען פון דער רוסישער רעגירונג זיינען אויפגע־דעקט געוואָרן דורך דער פּובליקאַציע פון די באָלשעוויקעס: אַנ־שטאָט 79 נומערן, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן דעם 7־טן אויגוסט 1914, זיינען דאָרט געווען אין דער אמתן 208. פון די דאָקומענטן, וואָס זיינען פּובליצירט געוואָרן באַם אָנהייב קריג, איז א פערטל אַן ערך פאַלסיפיצירט, בפרט די טעלעגראַמעס צווישן סאַזאָנאָוון אין פעטערבורג און זיין אַמבאַסאַדאָר איזוואָלסקי אין פּאַריז. מען איז אויסן געווען אַרויסצושטעלן, אַז דייטשלאַנד האָט בפירוש ניט געוואָלט לאָקאַליזירן די מלחמה, נאָר דווקא זי צו מאַכן פאַר אַן אַלגעמיינער. ווייטער צו באַהאַלטן אַלצדינג, וואָס מען האָט געקאָנט אויסטייטשן אין דעם זין, אַז פראַנקרייך און רוס־לאַנד האָבן געוואָלט מלחמה! די מעלדונגען מכח די אייגענע

הכנות צום קריג זיינען געווען געמילדערט, וועגן עסטרייכס הכנות פארשאפט.

מער פון אלעמען האָט געליגט גראף בערכטהאלד. ער האָט באדארפט האָבן א האלב יאָר, ביז ער האָט פארעפנטלעכט פאַר זיינע אונטערטאַנען 69 דאקומענטן; אין פיר יאר ארום האָט די רעוואלוציע פובליקירט 352, ווי א „הוספה און מילואים״, צווישן זיי געפינען זיך די וויכטיקסטע מקורים מכח דער פראגע ווער איז שולדיק אין קריג. פון בערכטהאלדס 69 שטיק קאָן מען 9 ניט קאָנטראלירן, 12 האָט מען ניט געקאָנט פעלשן, ווייל זיי זיינען געווען באוואוסט אויך די אנדערע מלוכות, 10 זיינען איבערגעגעבן געווארן ריכטיק, 38, דאָס הייסט צוויי דריטל פון די 57, וואָס מען האָט געקאָנט פעלשן, זיינען געווארן גע־פעלשט. מיר כאפן ארויס פון די פעלשונגען:

אויב אין נומער 6 האָט דער אמבאַסאַדאָר געשריבן, „אז דער מאָמענט איז א גינסטיקער (פארן קריג), און סיי די אי־נעוויייניקסטע סיטואציע שטעלט פאר גינסטיקע תנאים און גע־לעגנהייטן — מסתמא די לעצטע אין אונזער תקופה״, פעלט דער דאָזיקער בפירוש פראוואצירנדיקער זאץ אינגאנצן. דער אול־טימאטום און זיין פירוש זיינען דאַטירט מיט צוויי טעג פריער (פרגל. בערלין). אויב עס ווערן איבערגעגעבן פון פאריז הער ביענוועניס גינסטיקע באַמערקונגען פאר עסטרייך (נומ. 11), פעלט דאָרט דער אנטשיידנדיקער זאַץ. „אף דער פירונג פון דער אויסוויניקסטער פאליטיק האָט ער (דער יוסטיץ־מיניסטער) נאָ־טירלעך קיין שום השפעה ניט״. אין נומ. 13 פעלט די התראה פון פראנצויזישן קאַבינעט פארן אולטימאטום אין רוסלאַנד. די ידיעה מכח דער סערבישער מאָבילזאציע ווערט צונויפגעשטו־קעוועט אין איינעם מיט דער מעלדונג וועגן איבעררייסן די בא־ציאונגען פון עטלעכע טעלעגראמעס (נומ: 23 און 24) אזוי, אז מען זאָל מיינען, אז די מאָבילזאציע אין סערביען האָט דאָס געבראכט עסטרייך דערצו, ז זאָל איבעררייסן די באַציאונגען, בעת דער אמת איז געווען פארקערט. אין נומ. 28, א טעלע־

גראמע פון 26=טן אין פעטערבורג, איז אויסגעמעקט דער סוף: „האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז מען איז שטאַרק נערוויז און פאַרזאָרגט. איך האַלט דעם פאַרלאַנג נאָך שלום פאַר אופריכטיק... גרונט=שטריך פון דער שטימונג: האָפענונג אף דײַטשלאַנד און פאַרמיטלונג פון זיין מאַיעסטעט.

עטלעכע שלום=פאַרשלאָגן פון סאַזאָנאָוון, למשל פון 27=טן, אַז דער קעניג פון איטאַליען, ד. ה. דער פאַרבינדעטער פון קעגנער, זאָל פאַרמיטלען, זיינען און נומער 31 אויסגעמעקט. אויב בערכטהאָלד האָט געגעבן רשות זיין אַמבאַסאַדאָר אין בערלין צו דערקלערן, אַז ער „האָט ניט בדעה איינצונעמען טעריטאָריעס”, פעלט (נום. 32) די אַנטשיידנדיקע הוספה, „אָן זיך צו בינדן”. אין נום. 38 זיינען אויסגעמעקט צווי ווערטער, וואָס באַווייזן סער עדוואַרדס גרייס שלום=שטימונגען. אין איין טעלעגראַם קיין בערלין, נום. 42, איז אויסגעמעקט אַן אָרט, וואו עס איז געשטאַנען, אַז גענעראַל קאָנראַד פאָן העצענדאָרף האָט נאָך דעם 28=טן, דאָס הייסט, פאַר דער רוסישער מאָבּיליזאַציע, געפאָדערט, „אַז סיי עסטרייך=אונגאַרן און סיי דײַטשלאַנד זאָלן תיכף אָננעמען געהעריקע מיטלען”. בעת עס ווערט אינגאַנצן אַרויסגעוואָרפן די טעלעגראַם פון גראַף סעגיעני פון 28=טן ווייל דאָרטן וואַרפט בערלין אָפּ די ענגלישע פאַרמיטלונג און שיקט זי נאָר פאָרמעל קיין ווין, ענטפערט בערכטהאָלד אין זיין רויטן בוך פונקט דעם היפוך דערפון, וואָס עס באַווייזט דער שפּעטער געפונענער דאָקומענט.

דערנאָך ווערט געפעלשט בעטמאַנס התראה פון 28=טן, מיט דער ידיעה וועגן דער ענגלישער דראָאונג (נום. 44). נום. 47 האָט 8 פעלשונגען: פון דער דאָזיקער טעלעגראַמע פון דעם עסטרייכישן אַמבאַסאַדאָר אין פעטערבורג איז אַרויסגעוואָרפן דער אָרט, וואו עס שטייט מכח דער שווערער ווירקונג, וואָס די באָמבאַרדירונג פון בעלגראַד האָט געמאַכט אף סאַזאָנאָוון, און די ידיעה, אַז די רוסישע מאָביליזאַציע, וואָס איז דורכדעם אַרויסגערופן, האָט ניט קיין אַגרעסיווע צוועקן. אין נום. 56 זיינען

אויסגעמעקט סאַזאָנאָווס דערקלערונגען, אַז מאָביליזאַציע באַטייט נאָך ניט מלחמה, און אַז דעם אַמבאַסאַדאָר איז געוואָרן גרינגער אויפן האַרצן נאָך אָט דעם ערנסטן שמועס.

די דייטשע רעגירונג האָט דעם 3-טן אויגוסט צוגעשטעלט דעם רייכסטאַג אַ מעמאָראַנדום פון 30 נומערן מיט 7 פאַנאַנ-געוואָרפענע שטיק; אַז די רעוואָלוציע האָט אין יאָר 1919 אַרויסגעגעבן די אמתע „דייטשע דאָקומענטן“, זיינען זיי געווען ביז צו יענעם טאָג 702. נעמען מיר נאָר די 30 געוויסע, און צו רעכענען די 7 פאַנאַנדערגעוואָרפענע נומערן, פאַלן קודם כל אָפּ 7 שטיק, וואָס האָבן ניט געקאָנט ווערן פאַלסיפיצירט, ווייל זיי זיינען געווען באַוואוסט אויך די קעגנער. פון די 23 דאָקו-מענטן, וואָס מען האָט געקאָנט פעלשן, האָט די רעגירונג 18 גע-פעלשט. צווישן זיי געהערן אַ גאַנצע ריי צו אַזעלכע פונקטן, וואָס וואָלטן געקאָנט באַווייזן, אַז אויך דייטשלאַנד איז שולדיק אין דער מלחמה; עס איז בכן, קלאָר דער מיין צו באַהאַלטן דעם אמת פאַרן פאָלק. צווישן די פעלשונגען דערמאָנען מיר די ווייַ-טערדיקע:

די הוספה 1, וואָס אַנטהאַלט אין זיך דעם צירקולאַר צו סערביען, איז אָפּגעדרוקט פונם 21-טן אויפן 23-טן, כדי צו פאַר-שטעלן, אַז די דייטשע רעגירונג האָט מסכים געווען צום עסט-רייכישן אולטימאַטום, וואָס זי זאָל אים האָבן געקראָגן ערשט גלייכצייטיק מיטן קעגנער, אפילו נאָכדעם ווי זי האָט זיך מיט אים באַקענט. אין הוספה 18, דער טעלעגראַמע פונם פרייסישן גענעראַל פון פעטערבורג דעם 30-טן יולי, איז אויסגעמעקט די אַנטשיידנדיקע פראַזע: „איך האָב דעם איינדרוק, אַז מען האָט דאָ מאָביליזירט מחמת מורא פאַר די קומענדיקע געשעענישן אָן אַגרעסיווע כוונות, און איצט איז מען דערשראָקן דערפון, וואָס מען האָט אָפּגעטאָן“. אין הוספה 19 איז אויסגעמעקט אַ פאָרשלאַג, וואָס רוסלאַנד האָט דעם 31-טן געמאַכט אין בערלין, צו פאַרהאַנדלען. אין הוספה 24, דעם דייטשן אולטימאַטום צו רוסלאַנד, איז אויסגעמעקט אַ וויכטיקער זאַץ, וואָס פון אים איז

געווען געדרונגען, אַז רוסלאַנד האָט געגלויבט, אַז די דייטשע מאָביליזאַציע איז נאָר אַף דערווייל. פון דער הוספה 27, וויוויאַנים ענטפער אפן אולטימאַטום, איז אויסגעמעקט זיין האָפענונג, אַז ענגלאַנד וועט פאַרמיטלען און אַז ביידע הויפט־קעגנער וועלן זיך נאָך באַטראַכטן, בכדי עס זאָל מאַכן דעם איינדרוק, אַז ער זאָגט זיך אָפּ קאַטעגאַריש, און דערפאַר האָט דייטשלאַנד געמוזט דערקלערן קריג.

קודם כל פעלן אלע פאַפירן קיין ווין און פון ווין, וואָס וואָלטן געקאָנט באַווייזן דייטשלאַנדס שולד! בכדי אָפּצונאַרן דאָס אייגענע פאָלק, האָבן די דייטשע דיפּלאָמאַטן פאַרשטאַנען קונציק אויסצומעקן זייערע אייגענע פעלערן, כמעט אלע התראות פון די פריערע רעגירונגען, מכח בערכטהאָלדס פאַרברעך, מכח בעטמאַנס שוואַכקייט, ווילהעלמס בלאַנקאָ־אַקצעפּט, מכח גרייס ווייטערדיקע פאַרמיטלונגען, האָט דער דייטשער לעזער אָדער רעדאַקטאָר גאָרנישט געטאָרט געוואָר ווערן. וויבאַלד מען האָט דעם אונטערטאַן באַוויזן נאָר דעם צאַרס ניט האַלטן וואָרט, סער עדוואַרדס פאַלשקייט, צי וויוויאַנים ניט וועלן נאָכגעבן, האָט דער מענטש פון גאַס, און אַפילו דער ליבעראַלער אָדער סאָציאַלדעמאָקראַטישער דעפּוטאַט זיך געמוזט זאָגן: מען איז אַף אונז אָנגעפאַלן ווי רוצחים! שטייט אויף צו באַשיצן דאָס פאָטערלאַנד! וואָלט די קייזערלעכע דייטשע רעגירונג פאַרעפנטלעכט כאָטש אַ טייל פון די געהעריקע דאָקומענטן דעם 3־טן אויגוסט, וואָלטן די דייטשע סאָציאַליסטן דעם 4־טן געשטימט אלע קעגן די מלחמה־קרעדיטן. דאָס ריכטיק פאַרויסגעזען, האָט זי געפעלשט דאָס ווייסע בוך.

*

אין רוסלאַנד, דער צווייטער אַגרעסיווער מלוכה נאָך עסטרייך, האָבן די אַרבעטער גראָד ערב דער מלחמה, אַזוי ווי אַ מין פאָרגעפיל, גראָד אַרויסגעוויזן אַ ווידערשטאַנד, עס זאָלן האָבן

געשטרייקט 150.000 מאַן. אין מיטן יולי האָבן שוין געהאַט געשטייגט אין ביידע הויפּט-שטעט די מקחים פון די לעבנס-מיטלען אין דרייען, טראַמוויי, שיף-פאָרעריי איז געווען געשטערט, געווער-פאַבריקן פאַרמאַכט. אף באַנען אָפּגעשטעלט די באַוועגונג, דראַטן צעריסן. אפילו דער אינערן-מיניסטער וואָס איז ארום-גערינגלט מיט קריגס-העצער, זאָגט נאָך דעם 29-טן: „דער קריג קאָן בא אונז טיף אין דער פאָלקס-מאַסע קיין מאָל ניט ווערן פּאָפּולער".

אָבער קיין איין פּאַרטיי האָט ניט געטאָרט רייִדן אָדער דרוקן. הכּן טרעפט די מאָביליזאַציע פאַרשטיקט שווייגעדיקע אַר-בעטער, שטום שטייען זיי אין יענעם פרימאָרגן פאַר די רויטע צעטלעך, וואָס זענען אויס גיכער ווי אויפרופן צום שטרייק, איי-דער קייזערלעכע באַפעלן צו דער אַרמיי. דערנאָך טשעפּעט מען זיי צו קאָקאַרדעס צו די היטלען, איצט זיינען זיי געצייכנט, דאָס איבעריקע גייט שוין פון זיך אָדער איבער גוואַלד. אין די פאַבריקן שטילט מען איין איינער דעם אַנדערן: פון קריג וועט קומען די רעוואָלוציע, דאָס זאָגט זיי דער אינסטינקט.

נאָר פאַראַן א פאַרזאַמלונגס-זאַל אין רוסלאַנד, וואָס איז ניט געשלאָסן, פאַר זיין טויער שלאָגן ניט קאָזאַקן אַן אַרבעטער וואָס קומט צו דאָרט, אין דער דומע, פאַר די יאָנישע זיילן, וואָס אין אירע לאָזשעס האָבן זיך צונויפגעשפּאַרט היינט הויפ-לייט, מענטשן פון דער געזעלשאַפט, האָט נאָך די פּאַטריאָטישע און קריגס-גלוסטיקע רעדעס אויך א גראָער מענטש מיט א שטאָלענעם בליק געמעגט פאָדערן די פרייהייט פון דער טרי-בונע:

„מיר טאָרן ניט רייִדן, ווי מיר ווילן, ווי אין אַנדערע לענדער, אָנשטאָט אַמניסטיע גיט די רעגירונג דאָס פאָלק נאָר שווערע שטייערן, פעסטיקט אייער גייסט, אַרבעטער און פויערים, קלייבט אייערע כחות — און אַז איר וועט האָבן פאַרטיידיקט אייער לאַנד, באַפרייט דאָס! דאָס איז קערענסקי, וואָס רעדט

אַזוי, אויך ער שטימט פאר די קרעדיטן, אויך ער גלויבט, אַז רוסלאַנד איז דעפענסיוו, אָדער ער וויל דערין גלויבן. פונדעסטוועגן אָפענע אויפמונטערונג צו רעוואָלוציע! פון היינט אין דריי יאָר ארום וועט ער דאָ רעגירן; יענע אָבער, וואָס קוקן אריבער צו אים ברוגז פון הינטער די יאָנישע זיילן, וועלן פוילן אין די ווינקעלעך אָדער זיצן אין אויסלאַנד און בייסן די ליפּן. נאָך שטאַרקער רעדט נאָך אים שוסטאָוו פאר די סאָציאַליסטן און באָלשעוויקעס: ער באוויליגט ניט די מלחמה־קרעדיטן: „אונזערע הערצער קלאפן אין איינעם מיט די הערצער פון אונזערע ברידער אין אייראָפּע. מיר האָבן ניט געקאָנט שטערן דעם דאָזיקן קריג פון די אימפּעריעס, נאָר מיר וועלן אים ענדיקן. דאָס איז דאָס לעצטע שפּיצל פון באַרבאַריזם. מיר פעלקער וועלן שליסן שלום, ניט איר, די הערן דיפּלאָמאַטן!"

מיר זיינען אין רוסלאַנד — און אָט דער טונקעלער, אויפגערעגטער מענטש האָט ניט מורא, צו פאַרלירן זיין לעבן. ווי נאָר ער פארלאָזט דעם זאַל? ווער שטערט דעם גרויספירשט, אים אוועקצוהרגען? קלינגט אין איינציקע שטים אזעלכע פון די טריבונעס פון די פרייערע פעלקער?

פונדעסטוועגן דערציילט אין עטלעכע טעג אַרום דער פּרעזידענט פון דער דומע דעם פראנצויזישן אַמבאַסאַדאָר א ליגן: „דער קריג האָט פּלוצים געמאַכט א סוף צו אונזערע אינעווייניקסטע מחלוקתן. אין אלע פּארטייען פון דומע קלערט מען נאר מכח מלחמה מיט דייטשלאַנד. דאָס רוסישע פאָלק האָט זינט 1812 ניט דורכגעמאַכט אזא פּאטריאָטישע אויפלעבונג ווי איצט".

*

אין ענגלאַנד, וואו די ליבעראלע רעגירונג האָט זיך געגליטשט אין קריג אריין, איז די סאָציאַליסטן געווען גרינגער. און די גאנצע לייבאר פּארטיי האט באלד אין אָנהייב געשטימט

קענען, די דאָזיקע פּאַרטיי מעג זיך באַרימען, אַז זי האָט פאַרפּאַסט דעם בעסטן מאַניפעסט אין אייראָפּע. ניט קיין אויסרופן, נייערט אמתן, ניט קיין פּאַטאָס, נייערט שכל: א מייסטערשטיק!

„אַרבעטער פון גרויס־בריטאַניע. איר האָט ניט קיין מחלוקת מיט די אַרבעטער פון אייראָפּע. זיי האָבן ניט קיין מחלוקת מיט אייך. די הערשנדיקע קלאַסן האָבן זיך צעקריגט. מאַכט דאָס ניט פאַר אייער קריג. א מיליאָן סאָציאַליסטן פון עסטרייך האָבן פּראָטעסטירט, מיליאָנען אין דייטשלאַנד האָבן פּראָטעסטירט. פאַרלאָזט זיי ניט. פאַראייניקט זיך מיט די אַרבעטער פון פראַנקרייך און פון רוסלאַנד און זאָגט דער רעגירונג, אויב איר דערקלערט קריג, דערקלערן מיר שלום. די פאָן פון אינטערנאַציאָנאַל ווייעט איבער אַלע פאָנעס. וואָס האָט איר צו געווינען פון קריג? צוואַנציק טויזנט אַרבעטער זיינען דערשאָסן געוואָרן אין בורן־קריג. נאָך היינט צאָלט איר יעדער יאָר 12 מיליאָנען פונט צו שטיצן זייערע משפחות. אָבער דעם אַרבעטער אין דרום־אפריקע איז איצטער ערגער ווי פריער. נאָר די רייכע מאַגנאַטן האָבן געוואונען... די הערשנדיקע קלאַסן ווילן ניט אליין שלאָגן זיך, זיי ווילן נאָר אייך רופן צו שלאָגן זיך... קיין רעגירונג קאָן ניט פירן קיין קריג, אויב דאָס פאָלק וויל שלום. זאָגט דאָס! מאַרשירט דורך די גאַסן און זאָגט דאָס. גייט אַף די פּלעצער און מערק און זאָגט דאָס, זאָגט דאָס אומעטום... נידער די מלחמה!"

זיי האָבן דאָס געזאָגט אומעטום. צען טויזנט האָבן גערעשט זונטיק נאָכמיטאָג אפן טראַפאַלגער־פּלאַץ, מיט זייערע פאָנעס זיינען זיי זיך צונויפגעקומען, וואָרום קיינער האָט דאָ ניט געשטערט דעם מענטשן פון גאַס צו זאָגן, וואָס ער וויל; קיינער האָט דער מאַסע ניט געשטערט אים צוצוהערן! פון גאַנץ אייראָפּע האָט נאָר ענגלאַנד אין יענע טעג ניט פאַרבאָטן קיין פאַרזאַמלונג, קיין רעדע, קיין צייטונג. עס האָט גערעגנט. דער זייל פאַרשווינדט אין נעפּל, נעלסאָן אויבן אַף דעם דיינקמאָל איז נאָר

אַ שאָטן. און אָט דעם שאָטן פֿונם קריגס־העלד ווילן זיי פֿאַרטרייבן! דער אַלטער קייר האַרדי שטייט אַף די שטאַפּלען און רעדט. דער המון שאָקלט צו און רופֿט. נאָר זיי בלייבן אַלע געלאַסן ווי ענגלענדער.

נאָר אָט קומען אַרויף דער גאַס עטלעכע הונדערט יונגע־לייטלעך. פֿראַנצויזן זײַנען צווישן זיי. מען הערט דאָס פֿון זייערע אויסרופֿן. אין רעגן פּאַטשן זיך די פֿלאַגן פֿון די לענדער, איצט זײַנען דאָרט פֿאַראַן אפֿשר 600 מאַן. עטלעכע ווילן ריידן, די אַרבעטער לאָזן זיי נישט. מען שלעפּט זיי אַראָפּ פֿון די טרעפּ.
אין דער צײַט ווען די אַרבעטער אַפּלאָדירן צו הענדערסאָנס רעוואָלוציע קעגן קריג, שרייען די קריג־רופֿערס פֿאַר דער דײַטשער אַמבאַסאַדע: נידער די פּרייסן! דערנאָך גייען זיי צום בוקינגהעם־פּאַלאַץ, נאָר דער קעניג גייט נישט צו צום פֿענסטער, וואָרום זיי שרייען איצט די מאַרסעליעזע.

אין אַ וואָך אַרום איז אַלץ געווען פֿאַרענדערט. דער גרעסטער רוב פֿון די סאָציאַליסטן איז פֿאַר צונויפֿקלײַבן פֿרײַוויליקע זעלנער. באַלד שטייען צו אַפֿילו די פּאַציפֿיסטן, און אַפֿילו די ראַדיקאַלסטע, די אומאָפּהענגיקע שטערן שוין נישט זייערע מענטשן צו שטיצן דעם קריג. נאָר עטלעכע לאָזן זיך נישט בייגן: „מיר קעמפֿן", האָט מאַקדאָנאַלד געשריבן אָפֿנהאַרציק, „נישט פֿאַר דער אומאָפּהענגיקייט פֿון בעלגיען, נאָר מיר קעמפֿן, ווײַל די פּאָליטיק פֿון אויסערן־מיניסטעריום איז זינט אַ ריי יאָרן געווען אָריענטירט אַנטי־דײַטש, און ווײַל די דאָזיקע פּאָליטיק איז געפֿירט געוואָרן פֿון אַ געהיימער דיפּלאָמאַטיע אונטער דעם שטאַנדפּונקט צו שליסן בונדן, בכדי אײַנצוהאַלטן די גלײַכוואָג אין אייראָפּע".

אומגעביטן האָט זיך די שטימונג דערפֿאַר, וואָס די דײַטשן זײַנען אַרײַן אין בעלגיען: איצט האָבן זיי זיך ווידער אַמאָל דערפֿילט ווי די שומרים פֿון אייראָפּע.

בריסל האָט געמוזט אָפּטרעטן.

נאָך האָבן אין די גאַסן אָפּגעהילכט די טריט פון די צענדליקער טויזנטער, נאָך האָט דער צירקוס זיך געדאַמפּט פון שטויב, רוף און אָטעם פון הייסן המון, וואָס צווישן אים האָט זשאָרעס אראָפּגערופן דעם שלום. נאָך שבת האָט דער „פעדע-ראַטיווער קאָמיטעט" גערופן אף מאנטאג מענער און פרויען צו א ריזן-דעמאָנסטראַציע.

אָבער זונטאָג האָט מען אַלץ מבטל געווען. אין די דריי לעצטע טעג האָט זיך אף בעלגיען אָנגערוקט א שרעקלעכע צרה. וואַנדערוועלדע, וואָס איז דאָרט אין צירקוס געווען דער פאָרזי-צער, איז איצט געוואָרן אַן אַריינגייער אין מיניסטעריום. ער האָט זיין גרויסע פאַרטיי פאַרבונדן פאַר דער נאַציע און האָט אפילו באַדאַרפט ווערן מיניסטער. און היינט אַרבעט ער אוים צוזאַמען מיטן צענטראַל - קאָמיטעט פון פאַרטיי דעם מאַניפעסט אף מאָרגן:

„מיר סאָציאַליסטן טראָגן ניט קיין אחריות! היינט איז די צרה דאָ, און אונז באַהערשט נאָר איין געדאַנק: באַלד אפשר וועט אונזער לאַנד זיך מוזן באַשיצן קעגן אינוואַזיע. דעמאָלט וועלן מיר קעמפן מיט גרעסערע היץ, ווייל מיר פאַרטיידיקן דעם קיום פון לאַנד קעגן מיליטערישן באַרבאַריזם... נאָר אויך אין שרעקלעכסטער לאַגע זאָלט איר ניט פאַרגעסן, אַז מיר געהערן צום אינטערנאַציאָנאַל און בלייבן ברידערלעך און גוט, ווי ווייט דאָס לאָזט זיך פאַראייניקן מיט דער פאַרטיידיקונג פון לאַנד".

דעם צווייטן טאָג האָט דאָס פאַרטיי-בלאַט גערופן אפילו, עס זאָלן זיך פאַרשרייבן פרייוויליקע. ווארום בעסער „צו שטאַרבן פאַרן געדאַנק פון מענטשלעכקייט, איידער זיך אונטערצוגעבן דעם געזעץ פון די הונען און וואַנדאַלן!"

*

אין פּאַריז איז געלעגן דער אַנטשייד פון די מאַסן.

די דייטשע פאַרטיי איז געווען די גרעסטע, אָבער זי איז

נאָך אַלץ, ווי מיט 40 יאָר צוריק, געשטאַנען לחלוטין פּיינטלעך צו דער רעגירונג. און ווי ווייט זי האָט גערופן צום גענעראַל־שטרייק, האָט זי געהאַט די ברירה נאָר צווישן קריג און בירגער־קריג. אין פראַנקרייך זיינען שוין געווען אין דער רעגירונג סאָציאַליסטן, אמת אזעלכע, וואָס זיינען פאַרבירגערלעכט געוואָרן: ווי־וויאַני דער פּרעמיער, מאַלווי דער יונגער אינערן־מיניסטער זיינען אייערנעכטן נאָך געווען סאָציאַליסטן. אמת, מיט די לייט פון דער „הומאַניטע" האָבן זיי זיך ארומגעקריגט, אָבער באַגעגענען באַגעגנט מען זיך, פּערזענלעך איז מען געבליבן גוטע פריינט; געזעלשאַפט, אַרמיי, אַדל קומען אין באַרירונג מיט די ראַדיקאַלע פירער, לייענען זייערע ביכער, די קולטורן גיסן זיך צונויף, דאָ איז קיינער ניט כשר און קיינער ניט פאַרשטויסן. דאָס האָט געהאַט די פּעולה אין יענע טעג, אַז די פּיינטלעכע פירער האָבן געקאָנט זיך צונויפרעדן, און נאָר די עקסטרעמע פליגלען זיינען געבליבן אָפּגעפרעמדט פון אנאנד.

אַז פּואַנקאַרע איז דאָנערשטאָג אָנגעקומען אין פּאַריז, האָבן אים באַגריסט אפן וואָקזאַל ווי אַ זיגרייכן מאַרשאַל אָפּיצערן, אַדמיראַלן, דעפּוטאַטן, אַקאַדעמיקער, דיכטער. נאָר אין מיטן דעם דאָזיקן רעש האָט דער פּרעזידענט געזוכט מיט די אויגן די בליקן פון איזוואָלסקי און פון ענגלישן אַמבאַסאַדאָר, וואָס האָבן אים שווייגעדיק געדריקט די האַנט. אַפן גאַס האָט דער המון אַרומגערינגלט דעם צפון־וואָקזאַל, בלומען, פאָנעס, אויסגעשרייען, לידער, און אַן אדמיראַל האָט אַראָפּגערופן פון קאַראָט צום באַגייסטערטן עולם: האַלט זיך איין! פאַראַן שעהן, ווען שווייגן באַטייט אַלץ! מיר זיינען ניט קיין בעליבתים איבער דער השגחה, אָבער מיין געפיל זאָגט מיר, אַז ווען די שעה וועט שלאָגן, וועט פראַנקרייך זיין גרייט!"

אף מאָרגן בא האַלבן טאָג איז אָנגעקומען זשאָרעס אפן זעלביקן וואָקזאַל, אָן פּאַראַד. ער איז געקומען ניט פון צאַר, נאָר פון פאַרברידערטע פעלקער. ביידע פירערס האַלטן זיך אָן עצה מיט זייערע גוטע פריינט און מיט זייערע שונאים. זשאָרעס

נאָך פול מיט דער שכרות פון דער בריסעלער מאסע, נאָך דורכגעדרונגען מיטן צוזאג פון זיין דייטשן חבר. נאָך נעכטן האָט ער געשריבן אין א מאניפעסט: „די סאָציאַליסטישע פראַקציע לאָזט וויסן אַלעמען, אַז פראַנקרייך אליין האָט צו שאַפן איבער פראַנקרייך, אַז זי טאָר בשום אופן ניט אַריינגעפלאָנטערט ווערן אין א מוראדיקן קאָנפליקט... דורך געהיימע אָפּמאַכן און אומבאַוואוסטע התחייבותן, און אז זי מוז האָבן די פולע פרייהייט צו טאָן וואס זי וויל, בכדי צו ווירקן אין אייראָפּע פארן שלום... ווען אָבער רוסלאַנד וועט ניט נאָכגעבן, איז דאָס אונזער חוב צו דערקלערן: מיר ווייסן נאָר איין אָפּמאך, וואס פארבינדט אונז מיט דער מענטשהייט". — היינט איז ער פול זאָרג. וואָס וועט געשען? דאָ ריידן אויך די געטרייסטע וועגן דער מעגלעכקייט, אַז דייטשלאַנד זאָל אנפאלן?

אין זעקס ריזן־פארזאמלונגען אין פאריז, אין א סך שטעט פון דער פראווינץ גיבן זיי דער מאסע דעם פאַראָל: גענעראַל־שטרייק און שלום! נאָר אין איינגעהאַלטענע טענער שרייבט זשאָרעס זיין ארטיקל אָף מאָרגן, דער וואָס איז געווען געדרוקט היינט פרי, האָט געשטאַמט נאָך פון בריסל און איז געווען פון פלוק פול גלויבן און פעסטקייט.

היינט אין אָוונט, צווישן די נייע דרויענדיקע דעפּעשן פון בערלין, אין דער איינגעהאַלטענער אופרעגונג פון פאריז, שרייבט ער צום ערשטן מאל וועגן דעם אנפאל פון דייטשלאנד, הגם ער האלט, אַז ער קאָן ניט געמאלט זיין. היינט ליגט ניט די סכנה אין די קאַבינעטן, זי ליגט אין אלעמענס נערוויזקייט, אין די פלוצימדיקע, פון שרעק געבאָרענע אימפּולסן... דעריבער רו, קלאָרע קעפּ! אָף זונטאָג זיינען אלע איינגעלאַדן צו א פארזאמלונג, וואו מען וועט אָננעמען באשלוסן. שטענדיקע אַקציע, וואַכער געדאַנק: דאָס זיינען די אמת'ע היטערס פון שכל!" א באַשאָטנטע נשמה, וואָס האָט מורא זיך אונטערצוגעבן דער נויטווענדיקייט: נעכטן נאָך האָט זי געמאַכט צו שאַנד די פארברעכערס אומעטום, היינט עצה'ט זי רו, שטופּט אָף ענדגילטיקע

אַנטשיידן, פאַרשווייגט מעשה פּאָליטיקער דאָס, וואָס די מאַסע קלערט נאָך ניט וועגן דעם.

וואָרום אפן צווייטן טאָג, בעת דער אַרטיקל ווערט גע־לייענט, פאַרהאַנדלט זשאַרעס ווי אַ פאָרשטייער פון זיין פאַרטיי מיט דער רעגירונג מכח דער מעגלעכקייט צו ראַטעווען דעם שלום, דער גאַנג פון דעם שמועס קאָן מען נאָך היינט ניט קאָנטראָלירן, אָבער קענטיק, אַז ער האָט צוגעגרייט אַ הסכם.

פאַרוואָס?

פונקט ווי זיינע דייטשע חברים, פילט ער, אַז קעגן אַן אָנפאַל וויל אויך דער אַרבעטער שיצן זיך און די זייניקע. קודם כל וויל זשאָרעס זיין דערביי, בכדי צו קוקן די מיניסטאָרן אויף די פינגער, כדי זיי צו כאַפּן בײַ זייערע ליגנס, וואָס זיי גרייטן שוין צו אין דער פאָרם פון גרענעץ־אַריבערטרעטונגען, און היות ווי פאַר דער רעגירונג איז איצט זיין דערנענטערונג זייער וויכ־טיק, וועט ער אין געהעריקן מאָמענט קאָנען אויסרופן: איר ליגט! די דייטשן רירן ניט קיין פוס! איר ווילט נאָר אָפּציען פון פאַרשאָלטענעם צאַר די האַלבע דייטשע מאַכט און פראָוואָצירט זיי צוליב עלזאַס וועגן! פּרוּוון נאָך, טראַכט ער, די דייטשע חברים אַרויסצוקריגן דורך פּיקחות, סטראַשונקעס און המצאות די סודות, וואָס אַ פאַרעלטערטע קאָנסטיטוציע באַהאַלט פאַר זיי, דעמאָלט קאָנען מיר אפשר פאָרט נאָך אָפּווענדן די צרה, וואָס רוקט זיך אָן!

קאָלט בלוט און קלאָרן קאָפּ! ער פילט, היינט איז דער אַנטשיידנדיקער טאָג פון זיין לעבן. ער לויפט צוריק פונעם מי־ניסטעריום, וואָס איז קראַנק מיט קריג, צו דער פרידלעכער רעדאַקציע פון דער „הומאַניטע“: וואָס וועלן מיר מאָרגן זאָגן די מאַסן? ווי דערקלערן דאָס? עס קלינגט דאָס טעלעפאָן פון בריסל: אַ דייטשער חבר אונטערוועגנס קיין פּאַריז. באַוועגונג, נייע האָפענונג!

שפּעט פאַר־לאָזן זיי די רעדאַקציע, בכדי צו עסן וועטשע־

רע. זיי ועען נים דעם יונגען מענטשן, וואָס וואַרט באַם טויער. ער אָבער זעט זיי יא און גייט זיי נאָך. ר׳ מאָנמאַרטר, קאַפּיי ד׳ קרואַסאַן. באַ זייער שטענדיקן טיש מיט דער אַלטער סאָפע זיצן זיי צווישן די פענסטער, עס איז היים, די פענסטער זיינען אָפן, קיין ווינטל רירט זיך נים, דאָס פאַרהאַנגל הייננט אַראָפּ. זשאָרעס איז אויפגערעגט, ער וואַרט אויף דייטש מאַרגן פרי.

מיט אַמאָל רוקט א האַנט אָפּ דאָס פאַרהאַנגל, קיינער באַוויזט נים צו זען, צוויי מאָל קנאַלט עס, אַלע שפּרינגען אויף: נאָר זשאָרעס איז אַנידערגעפאַלן אויף דער סאָפע באַם פענסטער. זיי לייגן דעם קרעפּטיקן מענטשן אויף צוויי קאַפּיי-טישלעך, מיט די הענט מאַכט ער עפּעס א באַוועגונג, רויט שטראָמט אַרויס פון זיין קאָפּ, א מינוט לאַנג זעט מען, ווי זשאָרעס מאַרך קלאַפּט פאַר אַלעמען אין די אויגן. מען בינדט אַרום סערוועטקעס אַרום דעם געחלשטנס קאָפּ. דאָקטוירים, זיי שאָקלען מיטן קאָפּ, אין פופצען מינוט אַרום איז ער טויט. אַז מען האָט דעם בלייכן, אויסגעבלוטיקטן מענטשן אָפּגעפירט אין א קאַראָט אַהיים, האָבן טויזנטער זיך געשפּאַרט אין גאַס, דער פאָטער פון פאָטערלאַנד, האָבן זיי אינסטינקטיוו געפילט. א סך ווייגען. אַרום האַלבער נאַכט הילכט וועגן דעם אין אַלע גאַסן פון פּאַריז.

ווילען, דער מערדער שיעור נים געלינטשט, א יונגער, בלאָנדער, רואיקער סטודענט, בשום אופן נים פאַנאַטיש, נים אין מאַנירן, נים אין ווערטער, נים אין לעבנס-שטייגער, א זון פון א קאָנצעלאַריסט, זאָגט אויס: „איך האָב געוואָלט טויטן דעם קעגנער פון דריי-יאָריקן מיליטער-דינסט. ער האָט צו פיל שאָדן אָנגעטאָן פראַנקרייך. איך האָב געוואָלט שוין שיסן באַ דער טיר פון זיין צייטונג, נאָר איך האָב נים געקאָנט רעכטן". האָט ער נים געקאָנט פאַרטראָגן דעם געלאַסענעם בליק פונם דאָזיקן גרויסן קאָפּ? א פאַרהאַנג האָט אים איינגעגעבן מוט. ער האָט פאַרשטעלט פאַר אים דעם פיינט פון פאָטערלאַנד.

„בירגער: א מוראַדיקער מאָרד איז אָקאָרשט אָפּגעטאָן געוואָרן, זשאָרעס, דער גרויסער רעדנער, וואָס האָט באַצירט די

טריבונע פון פראַנקרייך, איז דערהרגעט געוואָרן. איך נעם אַראָפּ מיין הוט באַם קבר פונם דאָזיקן סאָציאַליסט, וואָס האָט געקעמפט פאַר אַזעלכע גרויסע זאַכן, און וואָס האָט אין די דאָזיקע שווערע טעג געשטיצט די פּאַטריאָטישע האַלטונג פון דער רעגירונג אין זין פון שלום!" אַזוי רופט עס אַראָפּ מיט גרויסע אותיות אַף יעדער ראָג גאַס אין פּאַריז. איז דאָס אַן אופרוף פון דער פּאַרטיי? עס איז די רעגירונג גופא, מיט וויוויאַני בראש. מען קלערט מסתמא מכח דעם, אַז נאָך גאָר ניט לאַנג האָט דער טויטער געפונען פאַרן פּאָטערלאַנד אַזעלכע ווערטער: „די נאַציע איז די שאַצקאַמער פונם מענטשלעכן זשעני און פּראָגרעס, און עס וואָלט דעם פּראָלעטאַריאַט שלעכט אָנגעשטאַנען צו צעברעכן דעם דאָזיקן כלי יקר פון דער מענטשלעכער קולטור".

פּואַנקאַרע, וואָס האָט מסתמא גרינגער אָפּגעאָטעמט איבער דעם גליקלעכן פּלי פון דער דאָזיקער קויל, דריקט אויס זיין צער אין אַ בריוו צו דער אַלמנה. די פּיינטלעכע צייטונגען שרייבן: „אַ פּאָליטישער פאַרברעכער, מיט גרויסע כשרונות, האָט ער שטענדיק גערעדט קעגן פראַנקרייך. איצט אָבער, גראָד אין דאָזיקן קריזיס, איז, ווייזט אויס, געוואָרן אין אים אַ פאַרענדערונג".

שפּירן זיי, אַז זייער צייט איז געקומען? ער איז געפאַלן אין לעצטן יולי-אוונט: אַף מאָרגן האָט באַדאַרפט ווערן באַשטימט דער גזר-דין פון אייראָפּע. מאָרגן האָט אויך באַדאַרפט קומען דער דייטש. אפשר איז אַלץ געווען אָפּגעהאַנגען פון מאָרגנדיקן שמועס, וואָס דורך אים האָבן גלייך געשטימטע צוויי מיעוטים זיך באַדאַרפט שטאַרקן איינער דעם אַנדערן, בכדי צו ווערן דער רוב. איצט אָדער קיין מאָל ניט איז אַלץ געווענדט אין דער געניאַלער קראַפט פון אַ פּערזענלעכקייט, וואָס האָט געקאָנט איינגעבן מוט די איבערשראָקענע גוטע פריינט און אַרייניאָגן שרעק אין די מוטיקע שונאים; דאָס וואָלט געקאָנט אופטאָן אַ מענטש ווי דער, וואָס זיין טויט האָט באַקלאָגט אפילו אַ פּיינטלעכע רעגירונג.

דער דאָזיקער מאָרד איז געשען אין פינף וואכן ארום, נאָכדעם ווי דער סערב האָט דערשאָסן דעם האַבסבורגער. צוויי יונגע נאַציאָנאַליסטן האָבן פון איבערצייגונג דורכגעשאָסן די פירערס, וואָס זיי האָבן זיי געהאַלטן פאר שונאים פון זייער פאַטערלאַנד.

אָבער געדאַנק און אײנרײדעניש האָבן זיך אין זיי אויסגעמישט פארשיידן, ווי פארשיידן עס זיינען זייערע נעמען: פרינציפּ און ווילען, דער פרינציפּיעלער און דער מיאוסער. פרינצעפּס און וויליאַנוס: דער פירער און דער קנעכט. אָפּצורייסן מיליאָנען אונטערדריקטע סלאַוון פון אַ יאָרהונדערטער אלטער קייט: א גרויסער ציל. מסופקדיקער איז אין פלוק אופצוּוועקן די מלחמה קעגן דייטשלאַנד צוליב עלזאַס און לאָטרינגען, א געמישט לאנד, בכדי אָנדערהאַלב מיליאָנען מענטשן זאָלן זיך אָפּשיידן פון 60 מיליאָן און זיך פאַרבינדן מיט 40 מיליאָן אַנדערע.

דער ערשטער שאָס האָט פריי געלאָזט די סטיכיע, דער צווייטער האָט אָפּגעשאַפּט דעם לעצטן שטער. אָבער פרינציפּ איז געוואָרן א נאַציאָנאַלער העלד, בעת זיין קרבן איז פארגעסן. ווילען איז פארגעסן, אָבער אַלץ קלאָרער האָט זיך אנטפּלעקט די לעבעדיקע קראַפט פון זיין קרבן, וואָס פון זיין בילד האָבן מיליאָנען אין אַלע שפּראַכן זיך געפורעמט א סימבאל פון פרייהייט.

דעם צווייטן טאָג, בעת דייטשלאַנד דערקלערט קריג אין פּעטערבורג, בעת פיר לענדער מארשירן קעגן אנאַנד אף טויט און לעבן, זיצן די חברים פון טויטן זשאָרעס, וואָס איז נאָך ניט צו קבורה געבראכט, און א בעלגיער צוזאַמען מיטן דייטש אין דעם פּאַרטיי-צימער אין פראנצויזישן פּארלאמענט, וואָס זיינע קולוארן פלאַקערן פון שנאה צו דייטשלאַנד. זעקס גוטע פריינט פון די אונטערשטע שטאַנדן, וואָס געהערן צו דריי פיינטלעכע לענדער, האַלטן זיך אן עצה, ווי אזוי קאָן מען אָפּשטעלן דעם מאַרש. פון די מיליאָנען-ארמייען פון די קיסרים און מושלים. אַלע חשובע מענטשן, און גוט איז זייער ווילן, אָבער צעטומלט

שוין און פֿאַרלאָרן די האָפֿענונג: עס שפּריצט קיין פֿונק ניט אַרויס פֿון די נשמות. זיי מוזן זיך אונטערגעבן, וועגן גענעראל־שטרייק רעדט מען שוין גאָר ניט, זיי פֿאַרהאַנדלען נאָר איבער די קרעדיטן. פֿאַר וואָס? איבער די ליגנס פֿון זייערע רעגירונגען, וואָס זיי מוזן זיי גלויבן.

דער דייטש פֿאַרזיכערט, אַז אין בערלין שטייט די פֿראַגע נאָר, צי אָפּוואַרפֿן, צי אָפּהאַלטן זיך. די פֿראַנצויזן דערקלערן, אַז וויבאַלד דייטשלאַנד פֿאַלט אָן, קאָן קיין איין פֿראַנצויז ניט אָפּזאָגן דאָס געלט, אַף צו ראַטעווען. דער געדאַנק, זיך אָפּצוהאַלטן סיי אין בערלין און סיי אין פּאַריז מיט איין און דער זעלביקער מאָטיווירונג, גייט ניט דורך, דער עיקר דערפֿאַר, ווייל עס האָט אויפֿגעהערט דער טעלעגראַפֿישער פֿאַרקער. נאָך אָט דער ריכטיקער, אָבער טראַגיקאָמישער באַגרינדונג פֿאַרלאָזט דער דייטש פּאַריז בּאַ פֿולער פֿרייהייט פֿאַר ביידע פּאַרטייען.

אין גרויסע פֿאַרזאַמלונגען דערקלערן דערנאָך די פֿירערס זייער נאַציאָנאַלע האַלטונג דורכדעם, וואָס די רעגירונג האָט כּסדר געאַרבעט פֿאַר שלום. צוזאַמען מיט זייערע עלטער־זיידעס פֿון יאָר 1793 רופֿן זיי אויס ווי רעוואָלוציאָנערן: שלום די כּאַלופּעס, קריג די פּאַלאַצן! אָבער זיי ענדיקן זייערע רעדעס ווי פֿראַנצויזן מיטן רוף: „פֿאַרן פֿאָטערלאַנד! פֿאַר דער רעפּובּליק!" אַלע וועלן זיי זיך נעמען פֿאַר געווער, בכדי צו באַשיצן פֿראַנקרייך קעגן דייטשלאַנד; ניט אַנדערש געשטימט ווי זייערע דייטשע ברידער, וואָס מיינען זיך צו שיצן פֿאַר רוסלאַנד. ניין, זיי זיינען ניט קיין אָפּנאַרערס, זיי זיינען אַליין אָפּגענאַרט. ווארום פּונקט ווי דער רוסישער פֿויער האָט גאָרנישט געהאַט צו דייטשלאַנד אַזוי האָט קיין דייטשער בירגער אָדער אַרבעטער גאָרנישט געקאָנט האָבן צו פֿראַנקרייך. אין ביידע לענדער האָבן אַ הייפֿל מענטשן אַריינגעפֿירט די נאַציע אין טעות. אַז אין מערב איז פֿאַראַן וואָס פֿיינט צו האָבן און וואָס איינצונעמען.

*

אין יענע טעג האָט אַ רומענער ריכטיק פאָרמולירט די לאַגע פון די מאַסן: סערבן, בעלגיער, פראַנצויזן, האָט ער געשריבן, מוזן פאַרטיידיקן זייער לאַנד, אָבער אויך אלע איבעריקע האָבן נאָך דער קריגס-דערקלערונג קיין אנדער ברירה ניט, ווי „ארויסצוגיין אין פעלד מיט אַ קללה קעגן קריג און מיט אַ שבועה צו קעמפן קעגן אים נאָכן שלום און צו זיין סאָלדאַטן מיט צעריסענע הערצער. די רעגירונגען האָבן נאָך דעם כח אונז טראַגיש צו צווינגען, אַז ברידער זאָלן שיסן אף ברידער".

פערצענטער קאַפּיטל.

די לאַווינע.

עס ברענט. פונדעסטוועגן שלאָגט אין ערגעץ ניט ארויס קיין ריינע פלאַם פון די קאַבינעטן: אפילו אין די לעצטע שעהן האָבן זיי זיך ניט פאַרגונען אָפן די דאָזיקע שפּיל פון שרעק און שנאה. וואָס זיי האָבן אויפגעהעצט אין זייערע פעלקער. יאַגאָוו איז ניט געווען סענטימענטאַל; געלאָזן אַלע ליגנס אָן אַ זייט, האָט ער גיזאָגט צו גאָשען, דעם ענגלישן אַמבאַסאַדאָר, בעת יענער איז געקומען נעמען זיינע פעסער:

„מיר מוזן אריינמארשירן קיין פראנקרייך אפן גיכסטן און באַקוועמסטן וועג... גיכקייט פון דער אַקציע איז דער גרויסער טרומף פון די דייטשן, דער כח פון די רוסן באשטייט אין דער צאָל פון די זעלנער".

מיט זשיל קאַמבאָן האָט ער געפירט אַ פלאטאָנישן שמועס מכח די שרעקנס פון קריג, וואָס זיי ביידע וועלן אליין זיך ניט באקענען מיט זיי. דער פראנצויז זאָגט: „ווען עס שטארבט אוים דער אלטער דור, און עס קומט אוף אַ נייער, וואָס געדיינקט ניט די שרעקנס פון קריג און האָט חשק צו קריג, און דאָס טרעפט אָן ערך אַלע 40 יאָר, דעמאָלט ווערט די מענטשהייט געשלאָגן מיט קריג. אזוי איז דער סדר העולם".

ווייניקער אָפּנהאַרציק רעדט אין זעלביקן פאַרנאַכט דער דײַטשער קאַנצלער מיטן ענגלישן אַמבאַסאַדאָר: זעלטן האָט מען אַף בײדע זײַטן געזאָגט אַזוי פיל ליגן, ווי אין דער דאָזיקער היסטאָרישער שעה. בעטמאַן, וואָס האָט דורכאויס געוואָלט אויס־מײַדן קריג און האָט איצט צושפּעט אײַנגעזען, ווי אַזוי זײַן שוואַכקייט האָט אים געבראַכט די מפּלה, זאָגט מאָראַליש אופגע־רעגט: „עס איז דאָך אַזוי ווי מען באַפאַלט פון הינטן עמיצן, וואָס קעמפט מיט צוויי קעגנער פאַר זײַן לעבן!"

גאָשען: „מיר גייען אין קאַמף אַף לעבן און טויט, פאַר אונזער כבוד, וואָס מיר האָבן פײַערלעך אײַנגעשטעלט פאַר דער נײַטראַליטעט פון בעלגיען".

בעטמאַן: „פאַר וואָסער פּרײַז! נאָר איבער איין וואָרט: נײַטראַליטעט, וואָס ווערט אָפט געבראָכן אין קריגסצײַט, און איבער אַ שטיקל פּאַפּיר וועט ענגלאַנד קעמפן מיט אַ קרובישער נאַציע, וואָס האָט פאַרלאַנגט ניט מער ווי פרײַנטשאַפט! מײַן גאַנצע פּאָליטיק פאַלט אײַן!"

דאָס דאָזיקע „שטיקל פּאַפּיר" איז אין זײַן ציניזם געווען עכטער ווי דעם ענגלענדערס פראַזעס מכּח זײַן כּבוד. בכדי ניט צו ריידן וועגן ענגלאַנדס אינטערעסן אין בעלגיען, ווערט גאָשען איצט עסטעטיש: „דאָס איז דער דראַמאַטישער שפּיץ פון דער טראַגעדיע", זאָגט ער, „די נאַציעס ווערן פאַנאַנדערגעריסן גראָד אין דעם מאָמענט, ווען זייערע באַציאונגען זײַנען געוואָרן פרײַנט־לעכער און האַרציקער, ווי שוין לאַנג ניט". ערשט באַם אוועק־גיין געפינט ער ווערטער צו באַצייכענען די גאַנצע מעשה ווי אַ קריג פון די קאַבינעטן: „צום באַדויערן האָט דער קריג אויסגע־בראָכן, ניט געקוקט אַף אונזערע באַמיאונגען אופצוהאַלטן דעם שלום צווישן רוסלאַנד און עסטרײַך, און אונז געשטעלט פאַר אַ לאַגע, וואָס מיר... האָבן גאָר ניט געקאָנט אויסמײַדן... דאָס צווינגט אונז פּלוצים צו שיידן זיך פון אונזערע ביז איצטיקע מיטאַרבעטער. קיינער באַדויערט דאָס ניט מער פאַר מיר".

מיט אַזעלכע אַלגעמיינע פראַזעס פון באַדויערן האָבן דער פראַנצויז און דער ענגלענדער פאַרלאָזן בערלין.

*

גראַף בערכטהאָלד, וואָס האָט די שפּיל אָנגעהייבן, האָט בשום אופן קיין חשק ניט געהאַט זי דורכצופירן ביזן סוף. אַז ער האָט געזען, אַז צווישן בערלין און פּעטערבורג איז אַלץ אויס, האָט אים אויסגעוויזן, אַז עס איז געקומען די צייט אופּסניי צו בלייבן צווישן ביידע קאַבינעטן, ווי מעטערניכס אַ תלמיד האָט ער אָן שהיות זיך געשטעלט אויפן צד פון די רוסן! דעם לעצטן טאָג פון יולי, אַז דער דייטש-רוסישער קריג, וואָס בערכהאָלד האָט אים גורם געווען, איז געוואָרן אַ פאַקט, אין דער זעלביקער שעה האָט דער ווינער גראַף ווידער צום ערשטן מאָל אריבער-געשמייכלט צו דער נעווא און האָט אָנגעהייבן פּלוצים דעם „שמועס": די זעלביקע פאַרהאַנדלונג, וואָס גריי האָט אַ גאַנצע וואָך אומזיסט זיך געפּליסט צו פּועלן, איצט ערשט האָט בערלין דערקענט די סכנה. „מיר האָבן פאַרגעסן", שרייבט טירפּיץ, „צו פרעגן בײַ עסטרייך, צי זי וועט קעמפן מיט אונז קעגן רוסלאַנד. מאָלטקע האָט צו מיר געזאָגט צו מיין שרעק, אַז אויב די עסטרייכער האַלטן זיך אָפּ, זיינען מיר געצוואונגען צו שליסן שלום פאַר יעדער פּרייז".

אַף אַזוי פיל גליקלעכער איז דער שונא איבער דער דאָזי-קער ווענדונג אין לאַגער פון די געטרייע פריינט: נאָך אין לעצטן מאָמענט פּרואווט מען צו צעשיידן ווין פון בערלין. דעם ערשטן טאָג, בעת דייטשן און רוסן שיסן שוין איינע אַף די אַנדערע, שמועסט גראַף בערכטהאָלד. וואָס איז פּלוצים געוואָרן אַ רודף שלום, מיטן רוסישן אַמבאַסאַדאָר „אַף אַ פריינטשאַפט-לעכן שטייגער" איבער רוסלאַנד. יענער באַקלאָגט זיך פאַר אים אַף דייטשלאַנדס קריגס-גלוסט און ענדיקט דערמיט, אַז ער ווייס ניט, צוליב וואָס מען פירט קריג. בערכטהאָלד דערציילט אליין,

אַז ער האָט ניט געפונען קיין וואָרט לטובת דייטשלאַנד, וואָס ער האָט זי געהאַט אַריינגעצויגן אין קריג, ניט אַנטקעגן דעם רוס און ניט שפּעטער אַנטקעגן דעם פראַנצויזישן אַמבאַסאַדאָר, וואָס ער דערלויבט זיך צו באַקלאָגן אַף קיסר ווילהעלם.

בינתים רעגנט מיט דעפּעשן פון בערלין קיין ווין: בערלין פאָדערט ענערגיש מיט פולן רעכט, עסטרייך זאָל אַרויסטרעטן קעגן רוסלאַנד. און די עסטרייכישע קריגס־דערקלערונג צו רוסלאַנד מאַכט טאַקע אין איר גראָטעסק פאַרפּלאָנטערטן אָפיציעלן סטיל דעם איינדרוק, אַז בערלין האָט דאָס געשטופּט ווין צו מלחמה.

נאָר פאַרוואָס צערייסן מיט פראַנקרייך? פאַרוואָס מיט ענגלאַנד, וואָס איז מיט איר קולטור און געשעפטן געווען אַזוי לאַנג היימיש אין ווין? שוין ליגן טויזנטער דייטשע הרוגים אַף די שלאַכט־פעלדער און פּוילן צוליב דעם דערהרגעטן האַבסבורגערס כבוד וועגן: גראַף בערכטהאָלד נעמט אוף אַלע טאָג העפלעך דעם שונא פון זיין פאַרבינדעטן. אַ שאָד, וואָס די פראַנצויזן נעמען אַזוי ערנסט זייער פּאָליטיק: זיי ווילן דורכאויס איינרייסן מיט ווין, הגם מען קאָן לחלוטין ניט געפינען קיין גרונט דערצו! אַ וואָך נאָכן אָנהייב פון דער מלחמה מיט דייטשלאַנד פרעגט דער פראַנצויז אָן אין ווין, צי עסטרייך האָט געשיקט מיליטער קיין עלזאַס. בערכטהאָלד לייקנט שטיין און ביין. ייִ קאָן מען דאָס אַף אים אויסקלערן אַזאַ זאַך! די דייטשן אָבער, וואָס ווילן, אַז דער פאַרבינדעטער זאָל אויך אַריינגעצויגן ווערן אין מערבדיקן קריג, פאַרשפּרייטן איצט ידיעות אין ניטראַלן אויסלאַנד, אַז זיי קעמפן כמעט אומעטום „זייט בא זייט מיט עסטרייך", איצט הייבט דער אַלטער הער דימען אין ווין אַליין מער אָן צו מאָנען: ווידער שטעלט ער זיין פראַגע, מען באַרואיקט אים נאָך אַמאָל, ביז ער קאָנסטאַטירט קורץ, אַז עסטרייכיש מיליטער איז געשיקט געוואָרן קיין מערב, און בעט זיינע פּעסער. אין אויסערן־מיניסטעריום באַדויערט מען שטאַרק. נאָר דער בירגער־מייסטער פון ווין טראַכט זיך: אויב די דאָזיקע פראַנצויזן ווילן דוקא שיסן אַף

אונז, וועט ער זיי אקארשט ווייזן, וואס ער קאן. און דעם זעלביקן אוונט איז ער מכריז ומודיע פון באלקאן פון ראטהויז אראפ: „אין פאריז איז רעוואלוציע! דער פרעזידענט דערהרגעט!"

דערווייל זיצט נאך דער ענגלישער אמבאסאדאר רוזאיק אין ווין, דער עסטרייכישער אין לאנדאן. בשעת פירשט ליכנאווסקי פארט אפ פון לאנדאן, באגלייט אים דער פארבינדעטער אמבאסאדאר צום באן ארויס און דערקלערט אים אין צופרידענער שטימונג, אז ער האפט צו בלייבן. און ער בלייבט טאקע נאך ניין טעג, אבער ער טאר נישט שיקן קיין שיפרירטע טעלעגראמעס. ער שמועסט כסדר מיט גריי, צי מען קאן זיך ניט ווי עס איז צונויפריידן.

„וואלט ניט געווען בעסער אויסצומיידן די מלחמה צווישן אונז?" פרעגט גראף מענסדארף. „וואלט ניט געווען גלייך, ווען צוויי מלוכות, צו איינער פון איטלעכער גרופע, זאלן בלייבן אין קאנטאקט מיט אנאנד?" און אז די פרעסע פאדערט פון אים, ער זאל סוף כל סוף אוועקפארן, זאגט צו אים גריי, דער שונא: „איך האף, איר שפירט זיך ניט באליידיקט".

לארד ראזבערי באזוכט אים נאך אין דער אמבאסאדע, באקלאגט זיך פארן דאזיקן עסטרייכער איבער דעם רוסישן פארבינדעטן און זאגט נביאות, אז ענגלאנד וועט אין דער דאזיקער שפיל העלפן דעם צאר צו פארכאפן די ממשלה איבער דער וועלט. גלייכצייטיק לאזט בערלין ניט צו רו דעם גראף בערכטהאלד: די דייטשע שיפן אין מיטללענדישן ים מוזן האבן די עסטרייכישע הילף קעגן ענגלישן פלאט. נאך אמאל פרואווט דער פירנעמער פארבינדעטער זיך ארויסצומאכן, ביז עס קומט אן פון בערלין אן אולטימאטום: „עס מוז דערקלערט ווערן קריג קעגן ענגלאנד אין משך פון 5 טעג, שפעטסטנס דעם 12-טן אווגוסט".

סארא פיינלעכע ענערגיע די דאזיקע פרייסן האבן דאס! טראכט בערכטהאלד און האפט נאך אלץ אף א קליינעם אויסוועג.

אָבער אז עס קומט דער 12=טער, באַפרייען איִם די העפלעכע
ענגלענדער פון זיינע ספקות: זיי שיקן דעם גראַף מענסדאָרף
אהיים.

דעם צווייטן פרימאָרגן — עס איז דער 13=טער אווגוסט,
און דייטשלאנד, וואָס איז אריין אין קריג, ווי עסטרייכס סעקונ=
דאַנט, האָט שוין געקעמפּט אין משך פון צוויי וואָכן מיט גוואל=
דיקע אָנווערן, — ערשט דעמאָלט איז געקומען דער ענגלישער
אַמבאַסאַדאָר צו גראַף בערכטהאָלד זיך געזעגענען, און צווישן די
דיפּלאָמאַטן האָט זיך פאַרקניפּט אַן איידעלער שמועס מיט באַ=
דויערן און ווינשעניִשן און כּבוד אָפּגעבן, ווי עס פּאַסט זיך פאַר
הויכע לייט. די דיפּלאָמאַטן פאַרזיכערן איינע די אַנדערע, אַז
זייערע הערשערס, דער קיסר און דער קעניג, בלייבן איינער דעם
אַנדערן גוטע פריינט ווי געווען.

אָבער דעם צווייטן טאָג שוין האָבן עסטרייכישע און ענג=
לישע מאַטראָסן אין מיטללענדישן ים זיך געשאָסן טויט איינער
די אַנדערע אונטער די פאָנען פון זייערע מושלים, וואָס האָבן
איינע די אַנדערע הויך געשאַצט. מיליאָנען מענטשן זיינען גע=
צוואונגען געוואָרן פון זייערע עלטסטע פון היינט אָן פיינט צו
האָבן איינע די אַנדערע, און דער גרעסטער טייל פון זיי האָבן
געמיינט, אַז זיי מוזן טאַקע פיינט האָבן. נאָך אין צענדליקער
יאָרן ארום וועט די דאָזיקע שנאה, וואָס פאַרבּרעכערס האָבן זי
אויסגעקלערט, לעבן ווייטער אין די קינדער פון יענע קעמפערס.
אין משך פון פיר יאָר זעצט מען אריין אין תּפיסה ווי א בוגד
איטלעכן, וואָס שיקט א גרוס א זון אָדער אַ פאָטער אפן שונאס
זייט. אָבער די קיסרים און מלכים פון גאָטס גענאָד לאָזן זיך
קאָנגנזייטיק פאַרזיכערן דורך זייערע משרתים, אַז זיי באַדויערן פון
האַרצן דעם סכסוך, און ווינשן איינער דעם אַנדערן הצלחה.

פאַרצייטן פלעגן די מלכים ארויסרייטן בּראש פון זייערע
געדונגענע זעלנערס און פלעגן טאַקע אליין זיך שלאָגן אויך;
היינט צווינגען זיי זייערע פרידלעכע אונטערטאַנען זיך פיינט צו
האָבן. טרייבן זיי אריין אין די טראַנשייעס, אָבער זיי האַלטן ניט

פאַר „ריטערלעך״ צו שיסן אַף די הויפּט קוואַרטירן, דאָס הייסט, אַז פון מיליאָנען שווינען זיי נאָר זייערס גלייכן.

צוויי וואָכן שפּעטער, אַז בריסל איז שוין געשטאַנען אונטער דייטשער פאַרוואַלטונג, האָט עסטרייך ליידער קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, ווי אויך צו טאָן דעם לעצטן שריט: זי האָט סוף כל סוף דערקלערט קריג בעלגיען.

בעת די לעצטע שמועסן האָט מען לויט אָפיציעלע באַריכטן פינף מאָל געוויינט: קעניג קאַראָל פון רומעניען האט פאַרגאָסן פאַר גראַף טשערנין אין די אויגן אופריכטיקע טרערן פון אַן איידעלן און יושרדיקן האַרץ, וואָס איז געווען פאַרקלעמט, ווייל עס איז קיין אויסוועג ניט געווען. פּאַשיטש האָט געוויינט אין ניש טרערן פון פרייד פאַרן רוסישן פאָרשטייער — דאָס איז פאַרשטענדלעך. גאָשען האָט געוויינט באַם געזעגענען זיך מיט בעטמאַנען. סאַזאָנאָוו און פּורטאַלעס האָבן אופגעוואָרפן איינער דעם אַנדערן די טרערן, וואָס זיי זאָלן האָבן פאַרגאָסן. היות אָט די אַלע טרערן זיינען פאַרצייכנט נאָר אין די באַריכטן פון קעגנער, מעג מען דרינגען, אַז בא דיפּלאָמאַטן איז ניט אָנגענומען צו וויינען איבערן אומגליק פון די נאַציעס, וואָס מען טראָגט די אחריות פאַר זייער גורל; פיינער איז, צו לאָזן וויינען די בירגער. נאָר דאָס שטייט ניט אין בוך פון דער געשיכטע.

*

פון דער הייך פון די מלכים און מיניסטאָרן איז פון אומזיכערע הענט געוואָרפן געוואָרן א שטיין, אָט קייקלט ער זיך, אָט וואַקסט ער אוים אַפן וועג אַראָפּ מיט ווילדער גיכקייט: א לאַווינע: אין משך פון די דאָזיקע ערשטע טעג קלייבן אלע רעגירונגען נחת פון זייער נצחון. זיי האָבן איינגענומען די מאַסן אין די הויפּט שטעט פון איראָפּע פאַרטרויען, שרייען די אָפּגעגאַרטע, רייסן זיך אין קריג.

אין ווין איז די באַגייסטערונג אָפּגעלאָפן אין פאַרבאַהאַלטענע וואַלצער־טאַקטן. מען האָט די מאסן אָרגאַניזירט צו יום־טוב־

פאַראַדן אונטערן שויץ פון די פייערלעשערס. אין איינגעלערנטע כאָרן האָט געקלונגען דער פרינץ=אייזשען=מאַרש דורך דעם גאַנצן רינג ביז צום ראַטהויז; דאָרט האָבן פון באַלקאָן אַראָפּ געוואונקען דאַמען אין עלעגאַנטע זומער=קליידער; אַלץ איז געווען שיין, אַלץ לעבעדיק, אַלץ אַראַנזשירט. דאָ האָט געפעלט אַ צענטער: דעם קיסר האָט מען ניט געזען, דער נייעם יורש עצר האָט קיינער ניט געקאָנט, דער רוב מיניסטאָרן האָבן זינט צענדליקער יאָרן געלעבט באַהאַלטן הינטער אַ וואָלקן. בכן האָט דאָס פֿאָלק אָפּן אייגענעם, פאַנטאַסטישן שטייגער געמוזט אָפּריכטן דעם גרויסן יום=טוב. שוין דעם 5 אויגוסט האָט מען ביידע פאַרבינדעטע קיסרים פאַרגעשטעלט אָף דער בינע אין לעבעדיקע בילדער. ווין האָט מיט איר מוזיקאַלישער שטים געפייערט דעם אנהייב פון דער מלחמה אין די גאָרטן לאָקאַלן מיט באַזונדערע לידער, זי האָט אויסגעוויזן ווי אַ יום=טובדיקע שטאָט.

אין בערלין, אויב עס זיינען נאָך געווען וואָסערע פאָרגעפילן פון אַ שווערן אומגליק, זיינען זיי פון די אַלגעמיינע געשרייען דערשטיקט געוואָרן. איבער דעם ערנסט פון די מאַסן האָבן די פּראָזשעקטאָרס פון נאַציאָנאַליזם געוואָרפן אַ העלע שיין. דער איינגעלערנטער זעלנער=גייסט האָט אַלעמען געגעבן אַ מאַרש=ריטמוס. וואָס האָט „אימלעך פרייסיש האַרץ געלאָזט שלאָגן העכער״.

דעם 1=טן אויגוסט נאָכמיטאָג, אַז אונטער די לינדן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט גראָע שווערע משא=אויטאָס, אַז יונגע לייט, גראָ און שמוציק אין אַרבעט=בלוזעס האָבן די עקסטראַ=אויסגאַבעס פון די ציימונגען ניט אייניציקווייז געטיילט, נאָר געוואָרפן גאַנצע פּעקלעך אָף דער גאַס, האָבן די מענטשן אַרויפגעשריען צו זיי מיט גדולה, אַזוי ווי זיי וואָלטן געקומען מיט אַ בשורה פון נצחונות. און די פּאַפּירן, נאָך פייכט, זיינען געוואָרפן געוואָרן פון האַנט צו האַנט. אין אָוונט האָבן צענדליקער טויזנטער מאַרשירט צום שלאָס, זיי האָבן געוואָלט זען דעם קיסר. ער האָט גערעדט פון באַלקאָן אַראָפּ: „איך קען מער ניט קיין פאַרטייען, איך קען

נאָר דייטשן!" א גרויסאַרטיקער געדאַנק, וואָס איז געבאָרן צו זיין א געפליגלט וואָרט. און דעמאָלט נאָך באשאָנקען מיט א קראַפט, אז דאָס פאָלק האָט דערין געגלויבט. דאָס שלאָס האָט די בערלינער געגעבן יענעם צענטער, וואָס האָט די ווינער געפעלט. די פרינצן, וואָס זיינען געפאָרן אין זייערע אויטאָס איבער די גאַסן, בעטמאַן האָלוועג, דער קאַנצלער, וואָס האָט אין א רעדע געהאַט די העזה צו דערמאָנען ביסמארקן, זיי האָבן כסדר געשמייכלט. יא, אַלץ האָט געהאַט דעם פנים פון א יום-טוב נאָך א נצחון, נאָר דער קיסר איז געווען ערנסט.

בערלין איז געשטאַנען אונטער דער מאַכט פון די גענעראַלן. אַז סעגיעני האָט אין לעצטן מאָמענט געפרואווט ריידן קעגן דעם ארייַנמארש אין בעלגיען, האָט ער געקראָגן אין אויסערן-מיניסטעריום דעם קלאַסיש-פרייסישן ענטפער: „איצט האָבן די מיליטער-לייט דאָס וואָרט, און קיינער טאָר זיך ניט מישן". מאָלטקע האָט דיקטירט די פאָליטישע דעפעשן פון אויסערן-מיניסטעריום, אַזוי ווי זיינע אונטערגעגעבענע האָבן אים איינגערעדט. ניט דער מלוכה-מאַן האָט געפירט, נאָר די געדאַנקען פון עפעס אַ פולקאָווניק זיינען געוואָרן צו דער הויך-פאָליטישער שטים פון דער אימפעריע. דער גענעראַל-שטאַב האָט באַפוילן:

„מיר טאָרן ניט נעמען בעלגיען מיט א גרינגען אויסרייד. אין דעם דאָזיקן קריג גייט עס פאַר דייטשלאַנד ניט נאָר אפצוהיטן איר גאַנצע עקסיסטענץ ווי א מלוכה, נייערט אויך אף צו באשיצן און אופצוהאַלטן די גערמאַנישע קולטור קעגן דער סלאַווישער אומקולטור". א נאָטע מיט דעם אינהאַלט זאָל אפגעשיקט ווערן ניט שיפרירט קיין לאָנדאָן, „ווייל דאָס וועט אונז ניט שאָדן, אויב די דאָזיקע נאָטע וועט אַדאַנק איר ניט-שיפרירטער פאָרם באוואוסט ווערן אויך אַנדערשוואו". און באמת האָט מען די דאָזיקע נאָטע, א ביסל איבערגעאַנדערשט, אָפגעשיקט אין אָפענער ענגלישער שפראַך ווי אן אינסטרוקציע קיין לאָנדאָן. דאָס האָט אבער דייטשלאַנד נאָר שאָדן געבראַכט, וואָרום דורך דעם האָט זיך די אָפיציעלע גאווה אָפן אַרויסגעשטעלט צום ערשטן

מאָל פאר דער פיינטלעכער וועלט, און מען האָט דאָס אָנגענו־מען ווי דער געפיל פון דער נאַציע, וואס איז ווי א גאַנצע גע־ווען געשטימט פונקט אזוי פרידלעך ווי אירע שכנים.

דעם צווייטן טאָג זיינען שוין די פּאָליטישע חלומות פון גענעראל־שטאַב געפלויגן ארום דעם כדור הארץ: מאָלטקע צו בעטמאַנען: „דער אופשטאַנד אין פּוילן איז אָנגעהייבן... אונזער מיליטער ווערט באַגריסט כמעט ווי גוטע פריינט... די שטימונג פון אַמעריקע איז פאַר דייטשלאַנד... דאָרט איז מען אין כעס איבער דעם שענדלעכן אופן, ווי מען איז זיך באַגאַנגען קעגן אונז... זייער וויכטיק איז דער אופשטאַנד אין עגיפּטן, אינדיען, אפן קאַווקאַז. דורך דעם אפמאַך מיט טערקיי וועט דער אויסערן־מיניסטעריום זיין אין שטאַנד... אופצוּוועקן דעם פאַנאַטיזם פון איסלאַם". ניין, דאָס איז ניט קיין פאַראַדיע, אזוי שטייט דאָס אין די דאָקומענטן.

יאַגאָוו איז אינגאַנצן פארשוואונדן צווישן די מיליטערישע געשטאַלטן. אין גלענצנדע גרופּעס האָט מען זיך צונויפגעקליבן אין ווייסן זאל פון שלאָס, ניט ארום דעם טראָן, וואָס איז גע־שטאַנען אין איינזאַמער פראַכט צווישן די גרויסע פענסטער נאָר אָפּגערוקט פון אים. צווישן די הויכע געשטאַלטן אין פעלד־גראָ גייט זיך ארום דער דייטשער אויסערן־מיניסטער פּאַוואָליע פון גרופּע צו גרופּע, אַרויסגערוקט פאראויס זיינע שמאָלע אקסלען, שמעלט זיך אָפּ א ווײַלע, האָרכט זיך איין, שאָקלט צו מיטן קאָפּ, זוכט קענטיק אומעטום אינפאָרמאַציע, בעת אז בעצם האָט ער דאָס באַדאַרפט זיין דער צענטער פון אלע פראַגעס. ביסמארקס גייסט איז ניט געווען צו געפינען, און ערשט א סך שפּעטער האָט מען געקאָנט פארשטיין דאָס, וואָס עס האָט פאָרמולירט דער פקח באַלין: „מען האָט ניט באַדאַרפט זיין קיין ביס־מאַרק, בכדי ניט צו דערלאָזן די דאָזיקע נאַרישסטע פון אלע מלחמות". דער קיסר האָט געשליידערט זיין קללה קעגן דער זינדיקער וועלט: „די וועלט איז געווען אן עדות, ווי מיר זיינען אין דעם אימפּעט און פלאַנמער פון די לעצטע יאָרן געשטאַנען

די ערשטע, בכדי צו פארהיטן די פעלקער פון אייראפע פאר א קריג צווישן די גרויסע מלוכות... געצוואונגען זיך צו באשיצן קעגן אנפאל, מיט א ריינעם געוויסן און א ריינער האנט נעמען מיר זיך פארן שווערד". זיכער האט ער שוין געהאט פארגעסן, אז יענעם 5-טן יולי האט ער צוגעזאגט די עסטרייכער הילף אין זייער אויענטיורע אן שום תנאים. געווים פילט ער זיך גערעכט און לאזט ארויס זיין אויפרוף צו דער וועלט פון טיפן הארצן. אזוי איז געווען זיין כאראקטער.

צוויי שעה שפעטער, נאך מיטאג דערקלערט דער קאנצלער דעם רייכסטאג, פון וואנען עס נעמט זיך דער קאנפליקט. ער לאזט אבער אויס די וויכטיקסטע פאקטארן. מיטן בעלגישן ענין מיינט ער פארטיק צו ווערן אפן בעסטן אופן, דורכדעם וואס ער האט געמאכט דעם אנשטעל פון אופריכטיקייט. מכח דעם דאזיקן מארש דורך בעלגיען, וואס איז זינט צוואנציק יאר געווען דער באזים פון די דייטשע פלענער, זאגט בעטמאן: „מיר זיינען געצוואונגען זיך צו באשיצן, און אין פאל פון נויט איז אלץ מותר... פראנקרייך האט געקאנט ווארטן!... דאס אומרעכט, וואס מיר טוען דערמיט, וועלן מיר סטארען זיך צו פאריכטן, ווי נאר אונזער מיליטערישער ציל וועט זיין דערגרייכט. ווער עס געפינט זיך אין אזא סכנה ווי מיר, און קעמפט פאר זיינע העכסטע אינטערעסן, דער מוז נאר טראכטן, ווי אזוי זיך דורכצושלאגן". דאס איז געווען די ריכטיקע מוזיק: דער רייכסטאג האט געדונערט פון בייפאל, גאנץ דייטשלאנד האט אנגענומען די נייע דאגמע, די יוריסטן און די פאסטארן האבן זי באשטעטיקט; פראפעסאר קאלער האט באוויזן יורידיש, פארוואס בעת א נויט איז אלץ מותר, און דער פאסטאר טראוב האט געשריבן: „דורך דעם וואס דער קאנצלער האט מודה געווען אונזער אומרעכט, איז עס געווארן צו א רעכט". נאר די ראדיקאלסטע עלעמענטן אין הויז האבן געפילט א קאלטן שוידער איבערן לייב, זיי האבן געפילט, אז דער דאזיקער געדאנק וועט מארגן שפאלטן די וועלט אף צוויי מחנות. מיט קאלטער שטים, ווי א פארמשפטער האט האזע, דער דייטשער פירער פון די סאציאליסטן געגעבן

זיין הסכמה צו די קרעדיטן אין נאָמען פון פיר מיליאָנען דייט־שע אַרבעטער. איטלעכער זאַץ אין זיין רעדע האָט פארמשפּט דעם קריג, וואס פאר אים האָט ער אסיגנירט געלט.

„...אין האַרציקן הסכם מיט אונזערע פראנצויזישע ברידער. מיר טראַכטן איצט וועגן די מוטערס, וואָס מוזן אָפּגעבן זייערע זין, וועגן די פרויען און קינדער... מיר פילן אונז איינס מיטן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס האָט אלע מאָל אָנערקענט דאָס רעכט פון יעדער פאלק אף נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט, און פאר־משפּטן איטלעכן באצווינג־קריג. מיר פאָדערן, אז די מלחמה זאָל תיכף ווערן פארענדיקט, ווי עס וועט דערגרייכט ווערן דער ציל פון דער זיכערונג, און ווען די קעגנער וועלן זיין גרייט צו מאַכן שלום״.

די יונקערס, פון דער רעכטער זייט, שיקן די דאָזיקע רויטע געזעלשאַפט צו אלדי רוחות: אפילו היינט מוזן זיי דרעשן זיי־ערע פראַזעס. נאָר וואָס געשעט? איינער א מענטש מיט בולט ערנסטע שטריכן שטופּט זיך צו דער טריבונע, הגם מער קיין רעדנער זיינען נים געווען פאראויסגעזען. דאָס איז קאַרל ליב־קנעכט. אַזוי ווי זיין מוטיקער פאטער האָט אין משך פון צענד־ליקער יאָרן געקעמפט אפן זעלביקן אָרט, מיט מוט פון איינ־זאַמען נביא, וואס הארכט זיך צו נאָר צו זיין אינעווייניקסטער שטים, שטעלט ער זיך איין: איינער אנטקעגן 60 מיליאָן! אבער דער הער פּרעזידענט שאָקלט זיין לאַנגע גראַע באָרד און וויל נים געבן דאָס ווארט דעם געפערלעכן מענטשן. היות זוי אלע פארטייען האָבן זיך געאייניקט, גיט זיך אויך ליבקנעכט אונטער און שטימט פאר די 5 מיליארדן. בא דער אפשטימונג פון ווייַ־טערדיקע קרעדיטן, האָבן 6 געשטימט מיט ניין, דערנאָך שוין 32.

*

אין דער זעלביקער שעה, ווען בעטמאַן און דער קיסר האָבן פאַרטיידיקט דייטשלאַנד פאר גאָט און פאַר דער געשיכטע,

האָט וויוויאַני, דער פראַנצויזישער פרעמיער פאָרגעלייענט אין פּאַרלאַמענט פאַר 400 דעפּוטאַטן די ווענדונג פונם פּרעזידענט: „פראַנקרייך איז געוואָרן דער קרבן פון אַן אָנפאַל, וואָס זיין גלייכן איז ניט געווען ...דער דאָזיקער אָנפאַל, וואָס לאָזט זיך מיט גאָרנישט ניט פאַרענטפערן, האָט זיך אָנגעהייבן אָן קריגס=דערקלערונג דערמיט..., וואָס אונזער גרענעץ איז אריבערגעטראָטן געוואָרן אין מער ווי פופצן ערטער. מען איז אָנגעפאַלן אַף בעלגיען און לוקסעמבורג. פראַנקרייך, וואָס איז אומגערעכט ארויסגעפאָדערט געוואָרן, האָט די מלחמה ניט געוואָלט; זי האָט געטאָן אַלץ, בכדי זי אָפּצואווענדן. די פרייהייטס=רעכט פון אייראָפּע, וואָס פראַנקרייך און אירע פריינט און פאַרבינדעטע פילן זיך מיט שטאָלץ פאַר זייערע פאַרטיידיקער, שטייען אין סכנה".

נאָר איינער אינם דאָזיקן גרויסן הויז פילט זיך מער געווירט פאַר אַלעמען. די אַפּלאָדיסמענטן גייען אים ניט אָן, זיין אופרעגונג איז צו טיף. דאָס איז דער רוס מיטן קאָפּ פון א פּאַשאַ. דאָס איז דער מענטש, וואָס האָט אין יענע טעג געזאָגט: „דאָס איז מיין קריג!" דאָס איז איזוואָלסקי, דער רוסישער אַמבאַסאַדאָר אין פּאַריז. ער האָט דעם טאָג אָנגערופן „דער שטאָלצסטער טאָג פון מיין לעבן". און האָט געזאָגט צום שפּאַנישן אַמבאַסאַדאָר: „פיר יאָר אַף מיין פּאָסטן זיינען געווען גענוג, בכדי צו דערגרייכן מיין ציל".

אָבער נאָר אין רוסלאַנד פאַרשטייט מען פאָרצושטעלן אזעלכע מאָמענטן, „ווי עס געהער צו זיין". אייערנעכטן נאָכמיטאָג, אין דער זעלביקער שעה, זיינען געפאָרן די גרויסאַרטיקע קאַראַטן איבער נעווסקי, דערנאָך דורך די טויערן פון ווינטער=פּאַלאַץ. 5000 מענטשן, די ערשטע אין לאַנד, האָבן באַלד אָנגעפילט די געאָרגיעווסקי גאַלעריע, אַלץ האָט געשטראַלט ווי צו א גרויסן יום=טוב, און דאָך האָבן אַלע געשוויגן. אין זייערע הויף=קליידער בלישטשען די דאַמען, זייער צירונג פינקלט. שטום קומט אריין דער הויף, נעבן אַלטאַר, אין מיטן פון זאַל. מיט ציטערנדיקע ליפּן, די אויגן אַראָפּגעלאָזט, דערבײַ מיט שטאָלץ אופגעהויבענעם

קאָפּ: אזוי באַווייזט זיך די שיינע קיסרינע. אפילו דער צאַר זעט אויס ווי אַ סימבאָל. לאַנג זינגען די גלחים זייערע תפלות. שווײַ־ גענדיק הערט צו דער צאַר.

דערנאָך לייענט דער אלטער גאָרעמיקין דעם מאַניפעסט, גענוי ווי אין בערלין און פּאַריז: „מען איז אָף אונז אָנגעפאַלן". אומפּסניי ווערט גאָט אָנגערופן פאַר אַן עדות. איצט הייבט זיך אויף דער צאַר, לייגט אַרויף די האַנט אַף אַ ביבל און הייבט אָן פּאַוואָליע: „אָפיצערן פון מיין גווארדיע! אין אייך באַגריס איך מיין אַרמיי און בענטש זי! איך שווער אַ הייליקע שבועה, ניט צו מאַכן קיין שלום, כל זמן איין איינציקער שונא וועט שטיין אַף רוסישער ערד". אזוי האָט אויך גערעדט דער ראָמאַנאָוו מיט הונדערט יאָר צוריק, איצט נעמט דער קיסר אַרום דעם פראַנצויזישן אַמ־ באַסאַדאָר. פון דרויסן הערט מען די געשרייען פון גאַס. דער צאַר גייט אַרויס אַפן באַלקאָן.

הונדערטער טויזנטער האָבן זיי זיך צונויפגעקליבן, מיט זייערע הייליקע סימבאָלן, מיט פענער, מיט בילדער פון צאַר. אין יענעם אויגנבליק, אַז זיי דערקענען אים ווי אַ גאָטהייט, לאָזן זיך הונדערט טויזנט מענטשן מיט אַ מאָל אַראָפּ אַף די קני. יאָ, דאָס איז דער לעצטער קיסר אין דער וועלט, וואָרום די מענטשן פאַלן פאַר אים אַף דער ערד ווי מיט טויזנט יאָר צוריק. ער אַליין, ווי ער וואָלט שוועבן איבער דער מאַסע, זעט אויס ווי דער אמתער הערשער איבער לייב און לעבן פון די מיליאָנען, דורך גאָטס גענאָד.

און דאָך איז דאָס געווען די זעלביקע מאַסע, וואָס מיט ניין יאָר צוריק איז זי געקומען אַהער צום זעלביקן אָרט, אונטער דער אָנפירונג פון אַ גלח, בכדי אויסצובעטן פריַיהייט באַם פאָטערל צאַר. דעמאָלט זיינען געקומען קאָזאַקן מיט קרומע שאַבלעס און קורצע ביקסלעך איבער דער מאַסע, האָבן צעטראָטן און צעשאָסן אַלעמען, ווער עס האָט ניט געוואָלט אַוועקגיין. אויך היינט זיינען פאַראַן צעבונטעוועטע הערצער צווישן די וואָס קניען. זיי זינגען

דעם הימן פאַרן צאַר, אָבער זיי פילן, אַז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל. און בעת זיי גלויבן נאָך אַף דער העלפט אין זיין געט־לעכקייט, פלאַנעווען זיי שוין אין קאָפּ נקמה. שוין דעמאָלט האָט לענין געשריבן פון אויסלאַנד, אַז דייטשלאַנד איז שולדיק אין דער מלחמה ניט מער, ווי אירע פריינט!

דאָס וואונדערלעכסטע אָבער האָט זיך אָפּגעשפּילט אין לאָנדאָן. גאַנצע טעג האָט מען ניט געזען קיין גליקלעכן פּנים אַף די גאַסן, אין די באַנען; ניט קיין צאָרן, ניט קיין שנאה האָט מען אין ערגעץ ניט געקאָנט מערקן, נאָר צעטראָגענע מענטשן האָבן געקוקט אַף די גרינע און רויטע פּלאַקאַטן, וואָס האָבן דעם באַנק־יום־טוב פאַרלייגנערט אַף פיר טעג: מלחמה! טויזנטער בלאַסע, איבערגעשראָקענע פּנימער האָבן זיך באַוויזן אין דער געגנט פון דער בערזע; וואָרום עס איז געשען, וואָס מען האָט ניט געגלויבט: צום ערשטן מאָל זינט צענדליקער יאָרן איז די לאָנדאָנער בערזע געבליבן געשלאָסן. אין לאָנדאָן איז דער מענטש פון פאָלק געווען ווינציקער צוגעגרייט און דערפאַר מער איבער־געשראָקן, ווי ערגעץ אַפן קאָנטינענט.

דעם 4־טן אויגוסט האָט פּלוצים אַלץ זיך איבערגעביטן: אַז עס איז געוואָרן דערקלערט קריג, איז אַלץ געוואָרן ארומגע־כאַפּט מיט איין געדאַנק. דער בירגער־קריג אין אירלאַנד איז גע־ווען אויס, פון נעכטן אַף היינט. אומזיסט האָבן די סאָציאַליסטי־שע גרופּעס נאָך איצט געשאָטן מאַניפעסטן און אופרופן, אין משך פון צוויי טעג האָבן א מיליאָן פּלאַקאַטן דערציילט מכח הונדערט אויסגעטראַכטע דייטשע עוולות. באַלד האָבן די סופראַ־זשיסטינס פאַרקערעוועט נאָך דער אַלגעמיינער שטימונג. דייטשן, נאָך נעכטן גוטע קונדן, האָט מען היינט געכאַפּט און גע־שלאָגן.

אין א בלויען זומער־הימל ארויף האָט זיך געהויבן דער נעלסאָן־דיינקמאָל. מיט א פּאָר טעג צוריק האָט זיך דאָ געקליבן א פּאַציפיסטישע דעמאָנסטראַציע פון ארבעטער. וואָס שטראָמט דאָ איצטער ארום דעם דאָזיקן זייל, וואָס פיר לייבן טוען אים

היטן, אזוי ווי זיי וואָלטן וועלן שרעקן דעם המון אין דער ווייטן? דורך דער הייסער נאכט גייען פּראָצעסיעס פון אינגלעך, דערנאָך ווידער בירגער אין הויפנס און קאָלאָנעס, זיי מאַרשירן פון דאַנען צום אויסט-האָל און צום פּאַרלאַמענט. אַלע רופן: נידער דער קיסר! די דייטשן! משוגענע ידיעות וועגן מעשים וואָס ניט געשטויגן ניט געפלויגן ווערן פאַרשפּרייט אין די בלעטער, וואָס דערשיינען פון שעה צו שעה, און לויפן פון מויל צו מויל. „ריול בריטאַניאַ" הילכט אַרויף צו די זעלביקע שטערן, וואָס אין דער זעלביקער שעה קלינגט צו זיי אַרויף „דייטשלאנד, דייטשלאנד איבער אלעס", „לאַ ליבערטע! לאַ פראַנס!", „גאָט, היט דעם צאַר!" און „גאָט האַלט אויף, גאָט באַשיץ", אין די הויפּט-שטעט פון אייראָפּע ווערן אין דער זעלביקער שעה אַרופגעזונגען צום הימל די פּאָפּולערע לידער, וואָס דורך זיי ווילן אויפגערעגטע הערצער זיך באַרויִקן מיט גאָט, מיט גערעכטיקייט און מיט האַרמאַטן.

אין אַלץ אַן איינגערן קרייז דרייט זיך דער המון אַרום דעם נעלסאָן-זייל. פלאַגן וויִען, אָבער נאָר פון צוויי מינים, וואָרום אַ רוסישן פלאַג קאָן מען אין ענגלאַנד אין דעם מאָמענט ניט קריגן, די אַמבאַסאַדע מוז אירע פלאַגן אַליין האָבן. אַף די שטיינערנע ליבן רייטן איצט דערוואַקסענע מענטשן, מען דערלאַנגט זיי ביר, עס ווערן אַרויסגעשריען אָן אַ שיעור מאָל הוראַ אַף ענגלאַנד און אַפן זיגרייכן קריג, עס שפּילט אַריין אַ האַרמאָניקע, אַ שאָטישע דודע קוויטשעט אַריין.

איצט קומט צו פאָרן אַ קאַראָט מיט פרויען. זיי בלייבן שטיין, די מאַנסבילן אַפן דיינקמאָל פירן די פרויען אַרויף. דאָס זיינען פראַנצויזינס מיט אַ חשודיקן יחוס. איצט טאַנצן זיי קאַנקאַן אונטערן שפּיל פון דער האַרמאָניקע. דאָס איז דער חתונה-טאַנץ פון דער אַנטאַנטע: וויוו לאַ פראַנס! לעבן זאָל דאָס לאַנד, וואָס קעגן דעם האָט מען יאָרהונדערטער לאַנג געקעמפט! דאַמען אין עלעגאַנטע טואַלעטן קומען פון די קלובן און טעאַטערס מיט זייערע באַגלייטערס, איטלעך פאַרוואַרג פאַרהאַלט מען, די

דאמען בלייבן שטיין אין די קאַראַטן, די קאוואלערן גייען ארויס און חברן זיך מיטן המון, פון די קאַראַטן שימערירן ארויס ווייסע העלזיער מיט די טייערע שטיינער, נאַקעטע הענט ווינקען אריבער צו יענע גאַסן־מיידלעך, וואָס טאנצן צו פוסנס דעם ענגלישן ים־העלד דעם קריגס־טאַנץ. אזוי זעט אויס אין דער אמתן דער גראָטעסקער בונד פון די קלאסן און שטאנדן, וואָס וועגן דעם האָט מען עטלעכע וואָכן געריידט אין אייראָפּע.

*

אזוי איז געווען אייראָפּע דעם 4־טן אוגוסט. ליגן און לייכטזין, ליידנשאפט און שרעק פון דרייסיק דיפּלאָמאַטן, פירשטן און גענעראלן האָבן געמאכט פרידלעכע מיליאָנען אין משך פון פיר יאָר פאר רוצחים, גזלנים און אונטערצינדערס פון מלוכה װעגן, בכדי איבערצולאָזן צום סוף דעם ערד־טייל אַ פאַרגרעבטן, אַ פאַרסמטן, אַ פאַראָרימטן. קיין איין פאָלק האָט גאָר נישט גע־װאונען, אלע האָבן אָנגעװאָרן, װאָס צענדליקער יאָרן קאָנען ניט איינברייגנען. א פרעמדער קאָנטינענט איז געװאָרן דער קרעדיטאָר פון אונזערן. שנאה און פארביטערונג האָט ארומגעכאפּט די פעל־קער, װאָס האָבן פריער קאָנקורירט אין שלום.

די וואָס זיינען שולדיק דערין בלייבן פריי און ניט באַ־שטראָפט. פון אלעמען האָט נאָר סוכאָמלינאָוו געקראָגן א שטראָף. טורמע. דאָס פאָלק האָט דערהרגעט די צוויי, וואָס האָבן צו־ערשט געוואָלט אויסמיידן דעם קריג, דעם צאַר און גראַף טיסאַ. דעם לעצטן, ווייל ער האָט ניט געוואָלט אנטלויפן; אויך גראַף שטירגק, וואָס האָט ניט געהערט צו די גרויסע העצערס. אלע איבעריקע פירערס פון אייראָפּע, וואָס זיינען פערזענלעך שולדיק, האָבן זייער לעבן ארויסגעראטעוועט פון דער קאַטאַסטראָפע, מחמת זיי זיינען אנטלאָפן געוואָרן אָדער די פעלקער האָבן זיי פאַרשווינט. קיין איינער פון זיי, חוץ טיסאַ, האָט זיין לעבן אין שלאַכט ניט איינגעשטעלט. קיין איינעם פון די אַלע נעמען, וואָס האָבן אונטערגעשריבן די קריגס־דערקלערונגען פון אייראָפּע, גע־

זען אָדער ניט געזען, געפינט מען ניט אין א רשימה פון די געפאלענע, דער גרויספירשט ניקאָלאַי און איזוואָלסקי, בערכט־האָלד, בעטמאן און קיסר ווילהעלם, יאַנושקעוויטש און מאָלטקע לעבן אָדער האָבן געלעבט רואיק ווייטער, הגם זיי אלע, חוץ מאלטקע, האבן אריבערגעלעבט דעם קריג. קיין איינציקער פון די באזיגטע איז ניט געשמאַנען פאַר א מלוכה־געריכט. דער מערדער פון ערצהערצאג איז געווארן געפייניקט צו טויט, דער מערדער פון זשארעס איז געבליבן פריי.

אבער דאס פאלק פון אייראפע האט באצאלט דעם חשבון מיט ניין מיליאן הרוגים.

פארלאג „ביכער פאר אלעמען" ריגע

דער פארלאג האט ארויסגעגעבן דעם וועלט־בארימטן ראמאן פון אידישן לעבן

„יוד־זיס"

פון דעם אידיש־דייטשן שריפטשטעלער **ליאן פייכטוואנגער.**

ס'זיינען שוין דערשינען אלע פיר ביכער.

„געלט און מאכט" (יוד־זיס 1. טייל) אידיש: מ. ראזומני.

„אידן" (יוד־זיס 2. טייל) אידיש: מ. ראזומני, אונטער דער רעדאקציע און מיט א נאכווארט פון ז. קאלמאנאוויטש.

„דער הערצאג" (יוד־זיס 3. טייל) אידיש: ז. קאלמאנאוויטש.

„טויט־שטראף" (יוד־זיס 4. טייל) אידיש: ז. קאלמאנאוויטש.

די אלע 4 ביכער זיינען געדרוקט אף גוטע ווערושע פאפיר און ארויסגעגעבן מיט פארביקע קונסט הילעס.

דער פרייז פון יעדן בוך איז 1 לאט. פאר אויסלאנד 35 אמעריק. צענט.

„יוד־זיס" איז דורך דער גאנצער וועלט־קריטיק אנערקענט פאר איינעם פון די בעסטע און אינטערעסאנטסטע ביכער, וואס זיינען אנגעשריבן אין משך פון די לעצטע יארן.

דער ראמאן „יוד־זיס" איז דורכגעפלאכטן מיט אן אויסערגעוויינטלעך אינטערעסאנטער און שפאנענדער האנדלונג.

פארלאג „ביכער פאר אלעמען" ריגע

ס'זיינען שוין דערשינען די ערשטע צווי ביכער פון דעם בארימטן ראמאן פון **יאראסלאוו האשעק**

„דער בראווער סאלדאט שווייק אין דער וועלט־מלחמה"

דער דאזיקער ראמאן האט ארויסגערופן א גרויסן אינטע־רעס צווישן דעם לייענער עולם פון גאנץ אייראפע. דער ראמאן איז איבערזעצט אף אלע אייראפייאישע שפראכן און איז זיך פאנאנ־דערגעגאנגען אין מיליאנען עקזעמפלארן.

אין דעם ראמאן זיינען געשילדערט די אוואנטיורעס פון א מאדערנעם דאן קיכאט.

פרייז פון יעדן בוך—1 לאט, פאר אויסלאנד 35 אמעריק. צענט.

אינגיכן דערשיינט:

ש. ארניין.

„אלין צוליב קאריערע"

(ראמאן) אידיש. מ. קיטאי.

א מערקווירדיקע געשיכטע פון אן ארעמען אידישן אינגל אין אמעריקע, וואס האט דערגרייכט א הויכע שטופע אין לעבן, זיך ניט אפשטעלנדיק פאר קיין שום זאך. א בולטער בילד פונם אידישן לעבן־שטייגער אין אמעריקע, ווי בכלל א באשולדיקונגס־אקט דער אמעריקאנער ווירקלעכקייט.

פארלאג „ביכער פאר אלעמען״ ריגע

„די פרוי פון אונזער ביינקשאפט״

ראמאן פון באוואוסטן אידיש-דייטשן מחבר מאקס בראד.

אידיש: ז. קאלמאנאוויטש.

דער גאנצער קאנפליקט פון אָט דעם ראמאַן קאנצענטרירט זיך אויסערלעך אף דעם קאמף צווישן צוויי מענער צוליב א פרוי.

דאס גאנצע ווערק שטיצט זיך אף אן אינטריגע. א פאר־וויקלטע קרימינעלע אינטריגע, וואס מיר טרעפן איצט זעלטן אין א מאָדערנעם ראמאן — עס איז א בוך פון גרויסער וועלט אנטוויקלונג —.

פון „ליטער. בלעטער״ № 31

פרייז — 1 לאט, פאר אויסלאַנד 35 אמעריק. צענט.

מארק ראזומני.

דאס לאנד פון טויזנט געשטאלטן

(א נסיעה איבער נארוועגיען)

פרייז 80 סאנטים, פאר אויסלאנד 30 אמעריק. צענט.